STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06723

BAGINEN

Baruch Glasman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך גלאזמאן

באַגינען

באַלאַדן

פאַרלאַג „קולטור"
1921

אינהאַלט:

באַגינען	5
פאַרטונקעלט גאָלד	13
קאַלטער טאָגליכט	79
פון די אָפּגרונטען	141
אָקעאַן	201

פּאגיען.



נאָכדרוק און איבערזעצונג
אָהן דער ערלויבניט פון
מחבר איז פארבאָטען.

Copyright, 1921
by
Boris Glossman

געדרוקט אין פינסקי־
מזל פרעס, ניו יאָרק.

באַגינען.

א.

אז איך בין אויפגעשטאַנען אין דער פרי, זיך אויסגעשטרעקט די פארלעגענע ביינער, אָפגעמאַכט מיינע גימנאַסטישע עקסער־ציסען און אָפגעוואַשען מיין גוף מיט קאַלטען וואַסער, האָב איך אַ כאַפּ געטאָן אַ קוק אין דרויסען און דערזעהן, אַז די וועלט איז ליכטיג. איז מיר געוואָרען ליכטיג אויפ'ן הארצען, און איך האָב פריידיג אַ שמייכעל געטאָן אין מיין צימער אריין. איך האָב גע־וואוסט, אַז ע ס איז אַ גוטער סימן. אַ ליכטיגער טאָג, האָב איך צו זיך געזאָגט אין דער שטיל, און בין געווען גרייט אָנצופאַנגען מיין טאָג ארבייט.

דערזעהן איך ביי מיר אויפ'ן טישעל, וואָס שטעהט לעבען מיין בעט, אַ פּאַפּירעל, אַ טעאַטער־פּראָגראַם, און אויפ'ן ליידיגען זוים פונ'ם בויגעלע פּאַפּיר איז אָנגעשריבען מיט קרומע, צע־דרעהטע אותיות:

— איך וועל אייך ברייננגען אַ ביסעל וואַרניש.

רייב איך מיר דעם שטערן און קוק אויף דעם פּאַפּירעל. ווער וועט דאָס מיר ברייננגען אַ ביסעל וואַרניש, פרעג איך. און אַזוי ווי דער כתב איז ענליך אויף מיינעם — איך שרייב מיט עט־ליכע האַנטשריפטען, עס ווענדט זיך שוין, איך האָב עס באַ־מערקט, אי אָן מיין פיזיאָלאָגישען, אי אָן מיין פּסיכישען צו־שטאַנד — האָב א י ך עס דאָך מסתמא אָנגעשריבען.

אין טעאַטער בין איך געווען אליין. דאָס פּראָגראַם, איך בין זיכער, האָט אויף זיך קיינע אויפשריפטען ניט געהאַט לעצטע נאַכט. קיינער, אויסער מיר, האָט עס פון דאַן אָן ניט געהאַל־טען אין האַנט. פון אומגעזעהענע נאַכט־באַזוכער רעדט מען דאָך ניט.

איך, הייסט עס. גוט. וועל איך דאָס ברייננגען דעם וואַרניש. וועמען־זשע, וואונדער איך מיך, וועל איך עס ברייננגען דעם וואַר־ניש, און צוליב וואָס? וואָס איז דער באַטייט פון די דאָזיגע ווערטער, און ווי קומען זיי אויפ'ן טעאַטער־פּראָגראַם?

אבי איך האָב נעדיינקט, אז איך וועל האָבען א ליכטיגען רוהיגען טאָג. אויפגעשטאַנען בין איך מיט א מח א קלאָרען און א פרישען, און גרייט געווען אויף אים לאָזען מאָלען פארשידענע מיטענטאַגיגע ליכט־געוועבען.

ווענד איך מיך אָפּ פון דעם פאפירעל, זעץ מיך אנידער צו דעם מיט׳ן רוקען, ווייל דער בלויזער אַנזעהן פון די דאָזיגע אומ־פארשטענדליכע ווערטער רייצט מיך.

נאָר עס העלפט נים. איך פיהל, אז איך בין אין מיין חדר נישט אליין. די ווערטער, מיינע און נישט מיינע, די פרעמדע ווערטער אָנגעשריבען אין מיין אייגענעם כתב, רייצען זיך מיט מיר און לאכען שרויטען־גלייך פון יענער זייט רוקען:

— הא־הא־הא. איך וועל אייך ברייננען אביסעל וואָרניש...

נו, האָט עס מיך געערגערט א גאנצען טאָג. כ׳האָב מיך גע־וואָלט אָן דעם פארגעסען, ווי אָן א קלייניגקייט. מאָלע וואָס, א פּאָר ווערטער. וואָס געהען זיי זיך מיט מיר אָן.

עס ערגערט מיך אָבער אַלץ. וואָס הייסט, איך זאָל אויף אזויפיל איבער מיין זכרון קיין באַלעבאָס נישט זיין, און, ביי אַלע אָנשטריינגונגען, זאָל עס מיר ניט געלינגען צו דערמאָנען זיך פארוואָס און ביי וואָסערע אומשטענדען איך האָב אָנגעשריבען די דאָזיגע ווערטער?

ווייל שוין א לייננערע צייט, אז איך האָב ספקות וועגען דעם מח־צושטאנד מיינעם, צי ער איז ווי עס דארף צו זיין. מאנכמאָל טו איך אזעלכע אומדערקלערליכע זאכען, דערנאָך פארגעס איך מיך, אזוי אָפּגעהאקט מיט איינמאָל, וואָס איז עס דאָס וואָס איך האָב געטאָן. איך געדיינק בלויז, אז עפּעס אָן אומדערקלערליכע זאך איז געטאָן געוואָרען. כ׳קאָן מיך אָבער אפילו ניט דערמאָ־נען, ווער עס האָט די אומדערקלערליכע זאך געטאָן. דאמאָלט ווער איך מיר אזוי אומהיימליך און פרעמד, א סקרוך געהט מיר איבער׳ן לייב פאר זיך זעלבסט... און עס דערווייטערט מיך אזוי פון זיך.

א גאנצען טאָג האָב איך מיך געערגערט אזוי, און גאָרנישט געקאָנט טאָן. מער נישט — געוואָרען אָפּגעשוואכט, אויסגעמאַ־טערט פון די אומזיסטע אָנשטריינגונגען.

א מידער בין איך אזוי פארנאכט געבליבען זיצען אין מיין שאָקעל־שטול ביים פענסטער. געשלאָפען בין איך, ניט געשלאָפען, נאָר פון גרוים מידיגקייט און ערגערניש בין איך אריינגעפאלען אין א צושטאנד פון האלב־באוואוסטזיין.

אין צימער איז געווען בין־השמשות'דיג־טונקעל, און די לאָמפּען־פייערס, וואָס דער אָוונט האָט געזייהט אינ'ם בלוליכען פעלד דרויסען, האָבען זיך דורך די פארצויגענע פאָרהיינגלאך אין מיין טונקעלער לופט נישט אריינגעמישט. איך האָב מיר מיינע מידע איברים אינ'ם סאמעט פון דעם פאָטעל געצויגען. געדרעמעלט, גערוהט.

און ווי איך ליג אזוי און ווער אויסגערוט, האָב איך מיך — ניט דערמאנט, ווייל עס וואָלט דאָך געהייסען, אז דאָס אָן וואָס איך האָב מיך דערמאנט, איז מאקע פאָרגעקומען פריהער, ביי אנדערע אומשטאנדען, אָבער געווען איז עס זיכער ג ע ו ו ע ן, (איר פארשטעהט דאָך מיין מיין) — איז ניט איך האָב מיך דערמאָנט, נאָר איך האָב ד ע ר ז ע ה ן.

אָט איז עס: איך געפין מיך אויף דער שוועל פונ'ם טונקעל־באלויכטענעם קאמער, וואו בלויז א שוואך ליכט ברענט. און גרינג איז עס מיר גאָר אָנגעקומען, ווייל די מיטגוואלטיגע אָנשטריינגונגען, וואָס איך האָב דורכ'ן טאָג געמאכט, זיינען, ווי שווערע פלאסטען, וואָס האָבען דעם איידעל־ווייכען מח־געוועב געדריקט, אראָפּגעוואָשט געוואָרען אין דער אָוונטיגער האלב־ליכטיגקייט, און ע ס איז גערן און מיט'ן א י י ג ע נ ע ם ווילען ארויפגעשוואומען.

עס איז נאכט, לעצטע נאכט. שוין אפשר נאָהענט טאָג. ארום פיר־פינף א זייגער — באגינען. און עס גיט מיך פלוצלונג א וועק אויף פון שלאָף. איז'ן איז עס העט ווייט אין דער דריטער אשמורה, שטיל אזוי און איינגעהאלטען אין זיך. די געדיכט־אָנגעשאָטענע שטערען זינגען אין דער שטילער שנייאיגער נאכט, ווינקען זיך איבער איינער מיט'ן אנדערען, און דערציילען זיך ווינטערדיגע מעשיות, מיט א קלוגען שמייכעל אויף די גאָלדענע פנימ'לאך. — דאָס אלץ זעה איך אָבער ניט מיט מיינע אויגען, ווייל מיין בעט שטעהט נאָר אָן א זייט פון פענסטער, נאָר איך זעה עס מיט מ י י ן ג א נ צ ע ן ג ו ף. ווייל שטיל איז עס

אזוי, און מיט די טויזענטער קליינינקע עפענונגען, וואס זענען איבער'ן גוף צעשפרייט, פארנעמט מען אין סוף־נאכט די דינסטע ציטערען פון אומגעזעהענע זאכען.

קאלט איז עס, און נאך פרי, וויל איך ווידער איינשלאפען. נאר עס גיט מיך א כאפ אויף צום צווייטען מאל. עס ברענט מיך עפעס אין דעם טונקעלען מח־קאמער, און וויל, מען זאל עס ארויסנעמען.*) איך שטעק ארויס מיין האנט פון אונטער דער קאלדרע, נאר די בלייבקייט פונ'ם אנטבלויזטען לייב אין דער נאכט־פינסטערניש שרעקט מיך אפ. א טויטע, נישט־מיינע האנט איז דארטען געווען. אוי, ווי קאלט — — — — — — איך נעם דאמאלס מיין האנט, — די שטומע טויב, וואס איך האב ארויס־געשיקט אין דער פינסטערניש וואס ארום אויסצוגעפינען עפעס פאר מיר, — צוריק אונטער דער ווארימער קאלדרע אריין.

און דרעה מיך איבער צו דער וואנט, ציה אויף זיך מיט גוואלד דעם שלאף ארויף, נאר די אנשטריינגונג מאכט מיך נאך וואכעדיגער. די אומרוהיגקייט ווערט שטארקער. דער שמאלער פאסיקעל וואכעדיגער באוואוסטזיין, וואס לייכט זיך דורך א שפארינקעלע אין טונקעל־קאמער אריין, זאגט מיר, אז עפעס איז מיר דא איצט אויפ'ן מח אזוינס, וואס קומט צוגעהן בלויז זעל־טען, אין א באגינען, און אז איך מוז עס דעריבער אפשפארען, אויפהאלטען, פארקערפערליכען, ווייל מיט'ן טאג־אנקומען וועט עס שוין ניט זיין.

דער לעצטער ברען, ארויסצוראטעווען דאס וואס ס'קומט אן זעהר זעלטען, איז געווען צו הייס, און עס האט מיך א דריי־פערטעל־שלאפענדיגען פון בעט א הויב געטאן. עס האט מיך א צונד און א ריס געטאן. כ'האב געוואוסט שוין, אז אנדערש וועל

*) איך מוז דא באמערקען, אז דאס אלץ האב איך נישט גע־פיהלט, און זיכער נישט ג ע ו ו א ו ס ט, לעצטע נאכט. עס איז בלויז א י צ ט, בשעת איך שרייב, וואס איך באמיה מיך, אומ־באהאלפען און אומגעלומפערט, צו געפינען כאטש וויפיל ס'איז נישט איז פאסענדיגע ווערטער, כדי איבערצוגעבען דאס, וואס האט, אדער האט נישט פאסירט לעצטע נאכט. לעצטע נאכט אבער בין איך נאר גע־ווען באוואוסטזיניג פון א בלויזער גייסטיג־פיזישער אומרוהיגקייט אין מיין גאנצען נשמה־גוף.

איך ניט קאָנען אנטשלאָפען ווערען. אויפ׳ן נאכט־טישעל האָב איך אָנגעטאפט דעם בלייפעדער און אויפ׳ן טעאטער־פּראָגראַם, וואָס איז דאביי געלעגען — מיט׳ן שטיקעל טאָג־באוואוסטזיין אָנטרעפענדיג דעם ליידיגען זוים — אָנגעשריבען מיט שוואכע פארשלאָפענדע כחות, גענויט:

— איך וועל אייך ברייננען אביסעל וואָרניש.

און בין אנידערגעפאלען אויף מיין בעט, א דערשעפּטער פון דער אָנשטריינגונג, האלב־גע׳חלש׳ט. די אומרוהיגקייט איז דערנאָך מער געשטיגען. איך האָב געציטערט מיט׳ן גאנצען גוף, ווי א חולה־נופל, און עס האָט מיך אלץ געריסען פון בעט ארונ־טער נאָך עפּעס פארשרייבען. נאָר איך, פארצווייפעלט און אָפּ־געשוואכט, ווי א קינד א קראנקס, האָב מיך הילפלאָז געווענדט צו דער טונקעלהייט און ארויסגעזאָגט צו דעם די דאָזיגע ווערטער:

— גאָט, גאָט, פּליעז גאָט, לאָז מיך אנטשלאָפען ווערען —

— —

דאָ האָט מען מיר אָנגעקלאָפּט אין טיר, איך האָב געהייסען אריינגעהן. איז אריינגעאנגען מיין באלעבאָסטע. דער טיש, זאָגט זי, איז געגרייט, אלע זיצען שוין ארום אים, און מען וואַרט אויף מיר פאר וועטשערע.

ב.

דאָס איז שוין ביי מיר זיכער. אין דעם האָב איך גאָר קיין ספק ניט. אלץ איז אזוי, ווי איך האָב עס געזעהן. איצטער ווייס איך, אז איך האָב עס אָנגעשריבען און ווייס אויך, ווען איך האָב עס אָנגעשריבען, און ביי וואָסערע אומשטאנדען. אָבער — צוליב וואָס? און וואָס מיינט עס גלאט אזוי דיר אין מיטען דער נאַכט:

— איך וועל אייך ברייננען אביסעל וואָרניש, —

און גלייך נאָכדעם אנטשלאָפען ווערען?

עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס איך האָב מיך אזוי איינ־געשפּארט אויסצוגעפינען דעם מיין פון די דאָזיגע עטליכע ווער־טער, וואָס האָבען וואָרשיינליך גאָר קיין מיין ניט. עס איז ביי מיר שוין אריין אין נצחון. פארוואָס עפּעס זאָל איך נישט? —

נאָר קיין אַנשטריינגונג אויף אויפצועפענען דאָס קעמערל פון מיין זכרון, וואו עס ליגט דער מיין פון די ווערטער פארבאָרגען, ווייס איך, דארף מען ניט מאכען, ע ס ו ו ע ט ז י י ן נ אָ ך ע ר ג ע ר. איך באשלים דעריבער צו נעמען זיך אין די הענט אריין. איך באמיה מיך נ י ט צו מאכען קיינע אַנשטריינגונגען. איך דערלאָז ניט קיינע צעטומלענדיגע אויפרעגונגען אין מיין מח אריין. איך וויל „עס" ארויסנארען.

אומזיסט.

איז בין איך איינמאָל בייטאָג געזעסען אזוי ארום מיין שרייב־טישעל. א טאָג א ווארימער. עס איז ערשט נאָכמיטאָג. די זון ברענט. איך זיץ אנטקעגען איר. ווער איך אזוי צעהיצט פון דער ווארימקייט. א שלעפעריגקייט א בייטאָגיגע רוקט זיך אויף מיר אָן.

איך לאָז מיך פון די הענט ארויס. און פארגעס מיך צו ב א מ י ה ע ן זיך נישט צו מאכען קיינע אַנשטריינגונגען. איך פארזשמורע די אויגען, און דורך די אויגען־לידלאך זייהט זיך אריין א פיאָלעט־רויטע זוניגע פארב.

הערט נאָר. איך בין געגאנגען איינמאָל אין וועג. בין איך צוגעקומען צו א דאָרף.

דורך דער גאנצער זאמדיגער ליינג פון דער איינציגער גאס בין איך דורכגעגאנגען, און וואָלט מיך דאָ אויך ניט אָפּגעשטעלט. איך האָב מיר ליב גלאט געהן אזוי איבער וועגען, וואָס איך ווייס ניט, וואו זיי פירען. נאָר איך דערהער עמיצער רופט מיך. שטעל איך מיך אָפּ און קוק מיך אום.

עס איז א גרויסער גאָרטען, א פאנאנדערגעבליטער, אין רעכטען מיטען פרילינג. די בוימער באדעקט מיט א געדיכטען, ווייסען און געלען צווייג. אזוי שעהן,ווי נאָר א דורך א מענשען געמאָלענער גאָרטען קאָן זיין, די פארבען נאָך פריש. און אין דעם צוויט שווארצט זיך, אָפּגעזונדערט אין א ווינקעל גאָרטען, א קליין הייזעל. די טיר אָפען, די פענסטער פארמאכט.

שטעהט דאָרטען לעבען דעם הייזעל, אין דער פרילינגדיגער זון, אן אלטיטשקער, איינגעבויגען, וואקט שוין צוריק צו דער ערד. ער קלאפט מיט א האמער די לעצטע טשוועקעס אין א קאסטען אזא: אן אָרון, זעהט זיך אוים, א טרומנע. דאָס האָלץ איז נאָך

רוי, נײ, מיט בלוילעכע אָדערלאַך, וואָס לײכטען זיך פון׳ם יונגען לײב פון׳ם האַלז ארויס.

ווינקט צו מיר דער אלטינקער, שמײכלענדיג מיט׳ן גרויען קאָפּ, איך זאָל צוקומען נעהענטער. ער וויל, הײסט עס, וואָס פון מיר.

מילא, געה איך צו נעהענטער. איז אָבער ארום און ארום דעם גאָרטען, פארשטעלענדיג מיר דעם וועג, א פּלויט. א פּלויט גאָר א נײער. דאָס האָלץ — יונג און רוי. פון די סוקעס טריפט נאָך גאָלדענע קאליפאָניע, ווי די ארײנגעזאַפּטע אינ׳ם האָלץ צע־שמאָלצענע זון וואָלט איצט פון׳ם האָלץ זיך צוריק ארויסגעגאָסען. איך הויב אויף די אויגען צו זעהן, אויב איך וועל קענען איבער׳ן צוים אריבערגעהן.

דערזעה איך:

אויף דעם פּלויט זיצט, אָנהאַלטענדיג זיך אָן א צווײג אי־בער׳ן קאָפּ, א יונג מײדעל, נאַקעט, גאָר נאַקעט. איר לײב — שמײכעלדיג און רויזליך־ווײס, ווי דער צווײט ארום איר אויף די בוימער. אָט דעריבער, טראַכט איך, האָב איך זי צוערשט ניט באמערקט, ווײל זי איז געווען פון׳ם זעלבען קאָליר, וואָס דער צווײט.

דער אלטינקער קלאַפּט די לעצטע טשוועקעס אינ׳ם נײ־אויפגעבויטען אָרון ארײן. מיט זײנע לעצטע כחות רופט ער מיך דורך דער ווארימער פרילינגדיגער לופט: אהער־ר! אהער־ר! און די מײדעל, זײנס אן אײניקעל מסתמא, זאָגט גאָרניט, נאָר שמײכעלט אויף מיר אזוי נאַקעט־ווײס פון׳ם צווײט ארויס.

איך בין צוגעגאַנגען צו איר נעהענטער.

— דו האָסט א פרילינגדיגען גאָרטען, זאָג איך צו איר, אין וועלכען דער צווײט האָט זיך פאנאנדערגעבליט, ווילסטו דאָך ניט, אז דער צווײט — און ווען דער זומער וועט קומען, די עפּעל — זאָל זיך אין אלע זײטען פאנאנדערשפּרײטען, האָסטו א פּלויט ארום דעם גאָרטען אויפגעבויט. דאָס האָלץ איז רוי, אײדעל, און בלויע אָדערלאַך שלאָגען זיך פון אונטער דער פרישער האָלצענ־הויט ארויס. וועל איך עס צודעקען מיט א מאַנטעל פון גלעזער־נעם, טונקעל־דורכזיכטיגען לאַקיר, מיט א בגד פון קרישטאָלענעם

בארג־גלאזור. ווארט נאָר, מיידעל, איך וועל דיר ברייננען אביסעל וואַרניש.

ג.

ניין.

עס האָט נישט געהאָלפען.

פון וואַנען ווייס איך דען. פיליכט איז עס דער שטארקער באנגער מיינער פאר א באשייד געווען די סבה פון מיין טאָג־חלום? און האָט זיך דען דער דאָזיגער זעלבינגער טאָג־חלום מיר אויך באוויזען דאן ביינאַכט? ווער וועט דאָס מיר זאָגען? און דער עיקר — דער עיקר איז, אז איצט איז דאָך גאָרניט פרילינג, נאָר עס איז א נאסער ווינטערדיגער טאָג, און א שניי־רעגען גיסט זיך אומעטיג אין דרויסען. די גאסען קוקען אויס ווי זיי וואָלטען זיך געקליבען צו זיין נאָס פאר יאָרען און יאָרען, קאָנען זיך נישט העלפען, און וויינען דעריבער איבער דעם.

און נאָס און פארנעפּעלט ציהען זיך מיינע רעיונות:

וואַרניש מיינט אין אידיש לאַקיר, גלאַזור. עס איז פליסיג און דורכזיכטיג, ווי צעשמאָלצענער דינער גלאָז. ווען איר לאַקירט אָפּ א זאַך מיט דעם, איז די זאַך, ווי אונטער א גלאָז־צודעק. אָט שטעהט ביי אייך, צום ביישפּיל, אין צימער א טיש. איז דער טיש פון נייעם האָלץ, רוי, טעמפּ, פרעמד, האָט צו אייך קיין שום שייכות ניט, א טויטע זאַך. איר נעמט דאן און לאַקירט אים אָפּ.

איצט איז עס דערזעלבער טיש — און ניט דערזעלבער. ער קוקט אויף אייך שוין פון דער זייט, מיט אַן אייגענער חשיבות, איידעלער, לעבעדיגער, מיט אַן א י י ג ע נ ע ם לעבען, נאָענטער — נאָענט־פרעמד שמייכעלט צו אייך, ווי אַן אלטער זעהר גוטער באַקאַנטער, וואָס האָט אויף זיך א שווארצען בגד פון פרעמדקייט און דערווייטערטקייט אָנגעטאָן.

— אָנו־נאָר, טרעפ — — — — איך בין שוין אונטער גלאָז.

איר בויגט זיך איבער איבער׳ן טיש, און דערזעהט דאָרטען — זיך. — — — —

וואָס־זשע האָט עס מיך אויפגעוועקט אין מיטען דער נאַכט, און מיך געצוואונגען אָנשרייבען:

— איך וועל אייך ברייננען אביסעל וואַרניש?

פארטונקעלט גאלד.

פאַרטונקעלט גאָלד:

בײנאַכט.

ס'איז שוין צײַט צו דאַווענען מעריב.

כּרת.

Resurgam.

ביינאַכט.

אין דער שטאָט צ ע נ ט ע ר ו ו י ל, וואָס געפינט זיך אין אַ מיטעלוועסטליכען שטאַט, האָט געלעבט אַמאָל אַ מאַן, ניט קיין פרומער און ניט קיין גאָטספאָרכטיגער. איז ער געווען ענליך אויף אַ סך אַנדערע מענשען — אויף דער גאַנצער וועלט.

און אויך די שכנים אַרום האָבען געוואוסט, אַז ער איז ניט קיין פרומער מענש.

און דער דאָזיגער מענש איז געווען אַ איד, כאָטש אין דער נאכבארשאפט, אין וועלכער ער האָט געוואוינט, זענען די איינ־וואוינער געווען גוים. נאָר זיי האָבען ניט געוואוסט, אויב ער איז אַ איד, אָדער אַ גוי. מען פלעגט אים אפילו אַמאָל, אין אַ זונטאָג, אָדער אַ קריסטליכער חגא, זעהן אריינקומען אין קירך. אָבער דאָך וואָלטען זיי באשטימט ניט געקאָנט זאָגען, אַז ער איז אַ קריסט. ווייל צו קיין קריסטליכען „פעריש*) איז ער ניט גע־ווען צוגעשריבען. מען פלעגט אים אויך זעהן אריינקומען אין די פארשידענע קירכען. אַמאָל פלעגט עם זיין אַן עפיסקאָפּאַלישע — און אַמאָל אַ יוניאַניסטישע, אַמאָל אַן אוניווערסאַלע — אַמאָל אַ קאַטוילישע, אַמאָל אַ ספּירטואַליסטישע — אַמאָל אַ באַפּטיס־טישע, אַמאָל אַ מעטאָדיסטישע — אַמאָל אַ לוטעראַנישע, אָדער אַ פּרעסביטעריאַנישע — מיט איין וואָרט, דער דאָזיגער מענש האָט איבערגעדינט אַלע עבודה־זרות.

און אפשר האָט ער זיי גאָרניט געדינט. עטליכע פון די קירכען־מתפללים פלעגען אַמאָל אַ באַהאַלטענעם בליק וואַרפען אויף אים, ווייל זיי האָבען געוואָלט זעהן, אויב ער בוקט זיך און נויגט זיין קאָפּ, בשעת דער קריסטליכער תפלה בלחש. און אין די קאַטוילישע קלויסטערס, צווישען די גרויע ערפורכטיגע שטיי־נערנע ווענט, האָבען איניגע שטילע גאָטבעטער, קניענדיג זיך אויף די קאַלטע פּליטעס פאַר די שטיינערנע פיגורען פון די הייליגע און מאַרטירער, אויך באמערקט, אַז ער מאַכט ניט קיין זשענו־

---

*) קירכען־געמיינדע.

פלעקס ביים אריינגעהן אין קירך אריין, און צלמ'ט זיך ניט איבער ביים ארויסגעהן. נאָר ער זיצט שטענדיג אן אויסגעגלייכטער, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און פאַרטראַכטע אויגען, וואָס זעהען און זעהען ניט, און קניט זיך ניט, און בוקט זיך ניט.

האָבען זיי גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ פרעמדער.

נאָר אַזוי ווי עס איז ניט געווען קאָנטיג, אַז ער זאָל זיין אַ גאָט'ס לעסטערער און זאָל האָבען געקומען אהער אָפּשפּעטען, נאָר ער האָט זיך געהאַלטען זעהר שטיל און בנעימות'דיג, האָט מען אים דעם אריינגעהן אין ערגעץ ניט פאַרבאָטען, נאָר פאַר־קערט. מען האָט אים אומעטום אויפגענומען בסבר פנים יפות, מיט די פריינדליכסטע שמייכלען און באגריסונגען. און אין די ניט־קאַטוילישע קירכען, וואו די גלחים פאַרטראָגען זיך מער מיט'ן עולם, און זענען ניט אַזוי כהנים'ש־דערוויטערט, פלעגען די פאַ־סטאָרס און די מיניסטערס מיט שטראַלענדיגע פנים'ער אים דערלאַנגען די הענט ביים ארויסגעהן. זיי פלעגען אים ווינשען אַ „פיספול סאבבאטה" און אים בעטען, ער זאָל נאָכאַמאָל קומען.

און ער פלעגט טאַקע קומען נאָכאַמאָל, און נאָכאַמאָל, און נאָכאַמאָל. וואָרים דער דאָזיגער מענש, וואָס כאָטש ער איז ניט געווען קיין פרומער און גאָטספאַרכטיגער, איז ער אָבער דאָך גע־ווען פון די לעצט־היינטוועלטיגע. פלעגט ער דאָס הפנים טאָן צוליב דער שעהנער רעליגיעזער מוזיק און די הייליגע פייערליכ־קייט פון דעם גאָטעס־דינסט, וועלכע פלעגט אים אַזויפיל רוה און העכערען תענוג פאַרשאַפען. און תענוג־האָבען — דאָס איז דאָך די לעבענס־קלוגהייט, צו וועלכער אונזער דור, דער לעצטער, איז געקומען.

איז געווען, אַז מען פלעגט שפּילען און זינגען די ביבלישע אָראַטאָריאָס פון מענדעלסאָן־באַרטאָלדי, פלעגט ער חלום'ען פונ'ם געזאַנג פון די לוים, באַגלייט דורך אַ געקלימפּער אויף האַרפען. און ער האָט געפיהלט, אַז אַמאָל — אין אַן אַנדער געשטאַלט, אַנגעטאָן אין אַ ברייט־לויזען מאַנטעל, מיט אַ קאַש־טאַנען־ברוינער באָרד און זיין הויט־קאָליר — טונקעל־איילבירטיג, — האָט ער שוין דעם דאָזיגען געזאַנג געהאַט פאַרנומען.

און ווען דורך דער טונקעלער לופט פלעגען זיך דורכקוויקלען די טיף־אויפרודערנדיגע, אין די נידעריגע אָקטאַווען, אָרגעל־

ברומען, בשעת מען האט געשפילט ה י י ד נ ׳ ס, ה ע נ ־ ד ע ל ׳ ס און ב א כ ׳ ס רעליגיעזע מוזיק, פלעגט אים דאס הארץ צעגעהן און די אויגען זיך צומאכען, און ער פלעגט זיך גע־ פינען אין אנאנדער וועלט.

ווייל זייענדיג פון די לעצט־הייגטוועלטיגע מענשען, האט ער מסתמא געהאט גענוג צייטען פון ספקות, אפהענדיגקייט און מידיג־ קייט, ווען זיין גאנץ אינערליך וועזען האט זיך געצוקט און גע־ ווארפען. געוואלט האט ער דעריבער, אז א רו זאל אויף אים נידערען און אים שטיל מאכען.

און דער דאזיגער מאן איז געווען א איד. נאר קיינער האט עס ניט געוואוסט, אויסער אים גופא. ניט אפילו די אידען פונ׳ם קליינעם, וויניג־מענשענדיגען אידישען קווארטאל אין דער דא־ זיגער שטאט.

ווייל פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך אהינצו קומען, און א פרעמדער, אהן ליבע, אפשר מיט בלויז אביסעל רחמנות, זיך ארומדרעהען איבער די אידישע גאסען. געפרואווט האט ער אויך איינמאל ארייגגעהן אין דער אידישער שול. דא האט מען אים זעהר פריינדליך אויפגענומען, און מען האט זיך ארום אים א סך, שוין צו־פיל, געשמאיעט, און געפארעט, באקוקט און באוואונ־ דערט, געקוקט אין די אויגען, און אין מויל אריין, געווארט אויפ׳ן פארבייגעהענדיגסטען אויסדרוק, וואס וועט זיך א שפיגעל טאן אין זיין אויג, און אויף יעדען ווארט, וואס ער וועט לאזען פאלען. ווייל מען האט ניט געוואוסט, אז ער איז א איד.

האט מען אים א סדור׳ל דערלאנגט און מיט א פארשולדיגט שמייכעל אים פארשידענע זאכען דערקלערט. און אין זייער גאנץ באנעמען זיך צו אים איז געווען צו דערקענען די נבנע׳דיגקייט צו דעם פרעמדען, וואס האט באוויליגט זיך ארונטערלאזען אונטער דעם שאטען פון זייער באלקען, און דער שמייכעלע האט זיך פארענטפערט:

— נעמט נישט אן פאר אומגוט אונזער ארימקייט דא... כע־בע.

און אים האט וועה געטאן דאס הארץ, וואס ער קוקט זיי אויס ווי א פרעמדער. און ער האט זיי מיט א העפליכען שמייז

בעל אויסגעהערט. אַ פרעמדקייט האָט אויף איהם געוועהט פון דער שול. דער טומעל, דער געפילדער פון די מתפללים, זייער וואַכעדיג האַלטען זיך אינ׳ם מקום־קדוש, די נישט ריינקייט און אָרימקייט פון דעם בנין, די פאַרהאַוועטקייט און דאָס איילען־זיך, די געוועהנליכקייט און אומהייליגקייט פון דער גאַנצער לופט ארום — דאָס אַלץ האָט אים אָפּגעשטויסען. ער האָט פאַרקרימט מיט דער נאָז, און פאַרשטשעמעט די ליפּען.

זעלטען־זעלטען פלעגט ער שוין איצט קומען אהין. די צוויי־שענציגט צווישען איין שול־באַזוך און דעם צווייטען פלעגען וואָס אַמאָל ווערען לייגנער. די ענד־פונקטען — בלייכער און אָפּגע־מעקטער. און זיין פרעמדקייט — שטאַרקער, ענגער. און אז ער האָט אַמאָל אַ טראַכט געטאָן, אז ער איז אַ איד, האָט עס אים אויסגעקוקט זעהר מאָדנע און ווייט, ווי אַ לאַנג־פאַרשאָלענער הילך.

און עס א י ז דאָך געווען מאָדנע...

ווייל דער דאָזיגער מענש איז געווען ניט נאָר אַ איד, נאָר אפילו אויך אַ אידישער שרייבער. אָבער קיינער ארום אים האָט עס ניט פאַרדעכטיגט און קיינעם ארום אים האָט ער וועגען דעם ניט געוואָלט דערציילען, ווייל געוואוסט האָט ער דאָך, אז קיינער ארום אים דאַרף ניט זיין שרייבען, און די, פאַר וועמען ער שרייבט, נאָך וויינינגער, ווי עמיצער אנדערש. און אַזוי ווי צווישען אידען איז אים געווען פרעמד און אָפּשטויסענדיג צו וואוינען, ווייל זיי האָבען מיט זייער איצטיג לעבען און זייער ווירקליכקייט אַלע זיינע חלומות איבער׳ן פּנים געשמיסען, האָט ער זיך ביסלעכווייז דערווייטערט פון זיי, כדי ער זאָל קאָנען פירען אַ ריין־אידיש לע־בען. ער האָט איצט געוואוסט: אמת׳ע אידישקייט, פונקט ווי זיין שרייבען, איז אַ פּריוואַט־זאַך, וועלכע קיינער דאַרף ניט, אויסער אים אליין. האָט ער עס פאַרשלאָסען אין זיך, און קיינעם אהינצו ניט אריינגעלאָזט.

קיינעם נישט — אפילו נישט זיין פרוי.

ווי מאָדנע...

כל־ימיו האָט דער דאָזיגער מאַן געבענקט און גע׳חלומ׳ט

ווענען א אידישער היים. ער האט געזעהן, אז דאס איז דאס איינ־ציגע, וואס עס בלייבט פאר די אידען איבער אין די איצטיגע טעג. עס ווערט אפגעשוואַכט דורכ'ן מבול דער אידישער דרויסען, די אידישע גאסען און די אידישע שטעט. עס בלייבט בלויז אי־בער די היים, וועלכע מיר זאלען נאך האלטען אידיש, ווי גאר אמאל אין מיטעל־אלטער, ווייל מיר קערען זיך דאך אום צום מיטעל־אלטער.

נאר ווי ביי אלע מענשען, אזוי איז אויך זיין פריוואט־לעבען ביי אים נישט ארויסגעקומען, ווי ער האט עס געוואלט. ווארים צוליב זיין אויסערליכען גוי'אישען באנעמען זיך און גוי'איש אויסזעהן און מאנירען, פלעגט ער כמעט אויסשליסליך פארקערען מיט גוים און גוי'אישע אידען. און אין געוויסע מינוטען האט ער זיך מענשליך פארליבט אין א מיידעל. דאס מיידעל איז גע־ווען א אידישע לויט איר אפשטאם, אבער א גוי'אישע לויט איר דערציהונג, ארט דענקען און לעבענס־אופן. און ווען ער האט זיך עס ארומגעזעהן, איז שוין געווען צו־שפעט. די זאך האט זיך צו־פיל פארפלאנטערט. אפפלאנטערען האט מען שוין ניט גע־קענט, נאר בלויז איבערשניידען. נאר אויף דעם האט ער קיין כח ניט געהאט. האט ער עס געלאזט געהן, ווי עס געהט און זיך נאך מער איינגעשלאסען.

און די פרוי האט גארניט פארשטאנען, וואס עס טוט זיך ביי איר מאן אין הארצען. זייענדיג ביידע היינטוועלטיגע מענשען, האבען זיי שוין געפונען גענוג געמיינשאפטליכע גרונדען, אויף וועלכע זיך צוזאמענצוקומען און זאכען, איבער וועלכע צו שמועסען. האט זי זיין פרעמדקייט גאר ניט געפיהלט. אבער אים האט עס נאך מער וועה געטאן, וואס ער דארף פירען א טאָ־פעלטען לעבען, און האבען א געהיימען לעבען, וועלכען ער דארף באהאלטען אפילו פון זיינע נאהענטסטע.

און אז ער האט דערזעהן, אז עס איז אים שוין באשערט דורכ־צושטופען זיינע טעג אויף א ניט אידישען אופן, אז אין הויז איז ביי זיי אלץ אומאידיש, די שפראך, וואס זיי האבען גערעדט איינס צו דאס אנדערע איז ניט זיין שפראך, און זיינע חלומות און געדאנקען זענען ניט אירע, — איז ער נאך פארשלאסענער

געוואָרען. און ביי אים איז אפילו אָפּגעשטאָרבען דער חשק צו האָבען קינדער, ווייל ער האָט געוואוסט, אז זיי וואָלטען נאָך מער די פּרעמדקייט אינ׳ם הויז פארשארפט.

און עס איז נאָך געווען גוט, וואָס זי איז געווען א היינט־וועלטיגע, האָט זי דאָך זעלבסט געהאט א וויכטיגערע באשעפ־טיגונג אין לעבען: אַ ל י י ן צ ו ל ע ב ע ן און צו האָבען תענוגים, וואָס דאָס איז דאָך גופא ניט קיין אידישער געדאנק.

און זיי האָבען געלעבט צוזאמען: זי, דער היינטיגער מענש, וועמען עס ארט נישט, ווען אפילו מיט אים וועט אונטערגעהן די וועלט, און ער, דער היינטיגער איד, וועלכער ווייס, אז ער איז פון די לעצטע.

אָט אזוי זענען פארגאנגען טעג און יאָרען. דאָס לעבען איז זיך געגאנגען זיין וועג, בארג־אראָפּ און בארג־ארויף. דער מאן וואָס האָט געלעבט אין דער שטאָט צענטערוויל אין דעם מיטעל־וועסטליכען שטאַט, איז וואָס אמאָל אָפּגעפרעמדטער געוואָרען. זיינע באציהונגען מיט דער אידישער וועלט זענען וואָס אמאָל גע־וואָרען ווייניגער, ווייטער און זעלטענער. און מיט דער ארומיגער גוי׳אישער וועלט איז ער זיך בלויז אויבענאויפיג צוזאמענגעקו־מען. אזוי אז אמאָל, ליגענדיג אזוי וואכענדיגערהייט אויף זיין בעט האָט זיך אים אויסגעדוכט: ער איז איין מענש, איין איד, פארוואָרפען ערגיץ אויף אן אינזעל.

און דאָס שרייבען איז ביי אים געוואָרען זעלטענער. און אז ער פלעגט אמאָל עפּעס אָנשרייבען, פלעגט עס זיין פון אן אנדע־רער, אויסגעטראכטער, אמאָליג־אידישער וועלט, ווייל מיט דעם איצטיגען אידישען לעבען האָט ער גאָר ניט געוואָלט האָבען צו טאָן. דעריבער פלעגט זיין שרייבען זיך אים אָפטמאָל אויסוויי־זען, ווי ער וואָלט געצויגען פון אן איינזאמען שטיין אונטער א וואסער.

און ווער ווייס גאָר.....

איינעמ׳ס אומגליק איז דאָך דעם צווייטענ׳ס גליק, און איי־נעמ׳ס פורעניות איז דאָך דעם אנדערענס דערלייזונג.

איז אין א וואָכעדיגען טאָג געגאנגען דער דאָזיגער מאן איי־

בער די גאסען פון דער שטאָט, און זיינע פיס האָבען אים פאַר־טראָגען אין דעם אידישען קוואַרטאַל.

נו, מילא, ער איז שוין דאָ. איז ער פארבייגעאנגען לעבען אַ קענדי־סטאָר. דרויסען פון דער טיר איז געשטאנען אַ קליינער צייטונגס־סטענד מיט אידישע צייטונגען. ער האָט געקויפט צו איינע פון יעדער צייטונג און איז אוועק מיט זיי אהיים. און האָט זיי אין די גוי'אישע גאסען געטראָגען אונטער דער פּאָלע, אז קיין פרעמדער'ס אויג זאָל עס ניט זעהן. ער האָט זיך דערמאָנט בשעת מעשה, ווי ער האָט געלייענט אין די קינדער יאָרען וועגען די מאַראַנען, וועלכע פלעגען באהאלטענערהייט איינקויפען כריין אויף פסח און טראָגען עס אונטער'ן מאנטעל צו די פארבאָרגעני־שען, וואו זיי פלעגען פראַוועןן די סדרים. אַ גרויסע פרייד האָט זיין הארץ אָנגעפילט, ווי ער וואָלט אַ ווארים עופה'לע אונטער זיין פּאָלע געטראָגען, ווייל אַ יום־טוב איז עס ביי אים געווען, ווען ער האָט געקראָגען צו לייענען אַ אידיש וואָרט.

און אז ער איז געקומען אהיים און אריינגעקוקט אין די בלעטער, האָט ער דערזעהן, אז עס רינט בלוט. און עס איז אים געוואָרען רויט.

איינציגע טעג האָט עס אים גענומען, ביז וואנען די רויטע פארבע איז אים פון די אויגען צורונען.

עס איז געווען ליכטיג. די לופט האָט זיך געשפרייט אור־מעטום אַ גאָלדיג־זומערדיגע, איבער די גאָרטענס פון דער שטי־לער שטאָט. די גאסען, וואו ער האָט געוואוינט, זענען יעדען טאָג געווען יום־טוב'דיג צוגעפּוצט. און ער האָט זיך געדרייט אהער, און ער האָט זיך געדרייט אהין, עס האָט אים אָבער ווי־דער אַ ציי געגעבען אין יענע אומריינע גאסען.

און אז ער האָט נאָכאמאָל געקויפט אידישע צייטונגען, האָט ער ביים ערשטען בליק דערזעהן, אז דאָס בלוט רינט שוין מער ניט, נאָר עס פלייצט.

און אַ דריטען מאָל איז געווען דאָסזעלבע, און אַ פערטען מאָל, און אַ פינפטען מאָל. די אויגען האָבען זיך ביי אים פאנאנ־דערגלאָצט, און זיין בליק האָט ער ניט געוואָלט גלויבען, אז אזוינס

זאָל גאָר זיין מעגליך. עס האָט אים אָנגעהויבען צו שטיקען און ברענען.

איז ער דאָך מער ניט, ווי אַ מענש. האָט ער זיך מיישב גע־ווען, אַז וואָס קען ער דען העלפען? און אַז ער׳ט משוגע ווערען — איז וואָס? — — — האָט ער אויפגעהערט צו לייענען די אַוו־רישע צייטונגען. וועט ער זיך פּשוט ראַטעווען!

עס האָט אים אָבער ניט געהאָלפען. ער האָט עס סיי־ווי אַלעמאָל געזעהן, בייטאָג און ביינאַכט, אין חלום און אויפ׳ן וואָר.

וואָס איז דאָ אַ סך צו ריידען, ווי אַזוי ער האָט געפּיהלט, ווייל עס איז ניט איבערצוגעבען אין ווערטער, און קיין פאַרגלייך, און קיין בילד וועט דאָס ניט גענוי דערקלערען. ער האָט זיך פאַרשפּאַרט אין זיין אָפּגעזונדערטען חדר, און צו זיינע באַקאַנטע ניט געוואָלט מער געהן, און צו זיין אייגען ווייב מער ניט גערעדט.

און ער האָט אויפגעהערט צו שרייבען זיינע שעהנע חלום־ווערק, וואָס זענען געווען ווי ווייסע הייזלעך, וועלכע זעהען זיך דורך צווישען די ביימער אין אַ טאָל. איצט איז ניט די צייט פאַר דעם, האָט ער זיך געזאָגט.

און אַז ער האָט געפּרואווט אַמאָל, ווען אויפ׳ן האַרצען איז אים געוואָרען צו־שווער, אריינצוגעהן אין אַ קירך, האָט ער דער־פיהלט מיט פּיין און אַנטוישונג, אַז די רו נידערט שוין אויף אים דאָ ניט אַרונטער, ווי אין די פריהערדיגע טעג. אַ גרויסע גרויל איז אים באַפאַלען. די אויגען האָבען זיך אים פאַרגלייזט, ווי ביי אַ גוסס, און דורך אַ רויטען נעבעל האָט ער דערזעהן, ווי עס דערנעהענטערט זיך צו אים פונ׳ם אַלטאַר אַ רויטע מחנה מענשען. אַרויפגעשטעקט אויף די ביקסען־שטיקעס טראָגען זיי אָפּגעשניטענע קעפּ, פון וועלכע עס רינט אַרונטער בלוט, ווי אויף די בילדער פונ׳ם קאָפּ פונ׳ם געקרייציגטען ישוס פון נצרת.

איז ער אַרויסגעלאָפען פון קירך. ווי שפּיזען האָבען אים נאָכגעפאָלגט די פיינדליכע בליקען פון די מתפּללים, וועלכע האָבען אים מיט אַ וואָרימען באַדויער באַגלייט. און ער האָט זיי מער ניט געקאָנט קוקען גלייך אין פּנים אריין, ווייל ער האָט געזעהן, וואָס עס איז באַהאַלטען אונטער זייערע געזיכטער. און ער האָט

געוואוסט, אז א צייט וועט קומען, און זיי וועלען באווייזען זייער אמת'ע געשטאלט, וועלכע בלויז איינינגע קאנען איצט זעהן.

האט ער אנגעשריבען א גרויס פאפיר, וואו ער האט זיך אויסגערעדט דאס הארץ און אויסגעגאסען זיין כעס, און אויפגע־שריבען פארשידענע געדאנקען, און געגעבען פיל עצות, וואס עס זאל געטאן ווערען אין דער איצטיגער צייט, כדי אפצושטעלען די שחיטה און די פארלענדונג.

און דאס פארשריבענע פאפיר איז אפגעדרוקט געווארען אין א אידישער צייטונג אין דער ווייטער שטאט ניו יארק. עס האט געמאכט א רושם. א ווײלע האט עס דארטען אויפגעשוימט, א וואסער־פיענע אויף דער אויבערפלאך פון א נאכטיגען ים. און באלד איז עס צורונען און ניט געווארען. זיין קול איז דערטרונקען געווארען צווישען די טויזענטער אנדערע קולות, און האט קיינעם ניט געהאלפען, אויסער, אפשר, זיך.

דאס בלוט האט ווייטער געפלייצט, און זיך ניט אפגעשטעלט.

און אז ער האט דאס דערזעהן, האט ער זיך נאך שטארקער פארשלאסען. מיט א בייזקייט האט ער פארברענט אלע זיינע פאפירען און מיט א קללה ארויסגעווארפען דאס אש אויפ'ן ווינט. און דאמאלס האט ער זיך געלאזט געהן אין וועג אריין — אין זיין אייגענעם חדר.

ער האט געוואכט דורך נעכט און האלב־געדרימעלט דורך טעג. און אויסגעטראטען קרומע וועגען און סטעזשקעס אויף דער פאד־לאגע פון זיין חדר און אין זיין פאנטאזיע.

און אין טעג און טעג ארום איז ער פון זיין חדר ארויס־געקומען. זיין פרוי, וועלכע האט מיט אלץ מער און מער וואקסענ־דער אומרו באמערקט, אז עפעס קומט מיט אים פאר, האט איצט מיט פרייד געזעהן, אז ביי איר מאן איז דער פנים ליכטיגער גע־ווארען און רוהיגער, כאטש א סך בלייכער און שטילער.

איז זי אויך רואיג געווארען. עס האט זיך איינגעשטעלט אין הויז א רוי שטילע, פארריגעלטע טעג.

און ווען אין איינעם אזא טאג האט ער זיך אפגערופען צו זיין פרוי:

איין, טאָג אויס, פלעגט זיך אָנטאָן אין טלית און תפילין, זיך אומ־דרייען מיט'ן פּנים צום וואַנט, און דאַווענען אין דער שטיל. און ער האָט זיך געלאָזט וואַקסן אַ לאַנגע שוואַרצע באָרד, און מיט דער צייט האָט ער געקראָגן אַ אידישען אויסזעהן.

און בּיסלעכווייז האָבען זיך די אַרומיגע אידען דערוואוּסט, אַז דער דאָזיגער מאַן איז אויך אַ איד. און אַז זיי האָבען זיך עס דערוואוּסט, האָט זיך דער רעש געלייגט. זיי זענען איינגאַנצען אָפּגעקילט געוואָרען צו אים, און זיי האָבען איינער צום אַנדערן געזאָגט, מיט אַ באַליידיגענדיגען קוועטש מיט די אַקסלען:

— נו, ער איז דאָך בּלויז איינער פון אונזערע... פּונקט אַזוי איד, ווי מיר אַלע. איז מה רעש?.. צוליב וואָס האָבען מיר עס געמאַכט אַזאַ ווערע פאַר אים? מ'ניע, נאָך אַ איד.

און זיי האָבען אָנגעהויבען קוקען אויף אים מיט חשד־אויגען, ווי ער וואָלט ביי זיי עפּעס געוואָלט צונעמען. ווייל אין דער איינגקייט איז מיט זיין אָנקומען געוואָרען נאָך איינגער.

און זיי האָט אפילו פאַרדראָסען גאָר שטאַרק, פאַרוואָס זיי האָבען זיך צוערשט אויף די הענט אַרומגעטראָגען מיט אים, „וויבאַלד ער איז דאָך בלויז איינער פון אונזערע". און זיי האָבען אים נאָך פיינט געקראָגען, פאַרוואָס ער האָט זיי פריהער ניט גע־זאָגט, אַז ער איז אַ איד, און איבער דעם וואָס זיי האָבען ניט געוואוּסט, האָבען זיי אים אומזיסטען כבוד אָפּגעגעבען.

נאָר דער דאָזיגער איד, וואָס האָט געוואוינט אין דער שטאָט צענטערוויל, אין דעם מיטעלוועסטליכען שטאַט, האָט עס אַלץ אָנגענומען מיט ליבשאַפט, ווייל ער האָט געוואוּסט, אַז עס קומט אים אַזוי. די אידישע איינוואוינער האָבען זיך אָפּגעקערט פון אים, און פון די גוי'אישע איינוואוינער האָט ער זיך אָפּגעקערט. איז ער געבליבען אַליין. נאָר ער האָט געבענשט גאָט, ווייל ער איז איצט געווען אויפ'ן וועג צו גאַנצקייט און רו.

און אָט אַזוי איז פאַרלאָפען טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך, חדש נאָך חדש. ער איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ מחיצה פון דער גאָר־נאָהענטער וועלט. אַ וואַרים־באַרוהיגענדיגע פאַרנעפּילקייט האָט זיין נשמה אַרומגעוויקעלט. און וואָס עס קומט פאַר אַרום אים האָט אים שוין מער ניט געאַרט, און ער האָט עס ניט געזעהן.

אָט האָט אַ פרײטאָג־צו־נאכט אראָפּגענידערט אויף דער װעלט. די גאסען זענען געװאָרען רוהיגער. די קראָמען זענען פארמאכט געװאָרען. ער הערט נישט פון די גאסען קײן געררויש. אַ הײליגקײט שפרײט זיך אין דער לופט. דער איד האָט זיך אָנגעטאָן אין שבת'דיגע בגדים און איז געװען גרײט צו געהן אין שול ארײן.

און מיטאמאָל קוקט ער זיך ארום — אין שטוב בענשט מען גאָרניט קײן ליכט. ס'טײטש? לויט'ן לוח איז דאָך שוין איצט צײט צו בענשען ליכט. דער מולד איז דאָך...

איז ער צוגעאנגען צו זײן פרוי און האָט זי געפרעגט:

— פארװאָס בענשט זי נאָך ניט קײן ליכט? דער גאָלדענער טעלער איז דאָך שוין האלב אויף יענער זײט אנידערגעזונקען.

און די פרוי זײנע װעלכע איז שוין צוגעװאוינט געװען צו זײנע מאָדנע אײנפאלען, האָט גענומען און ארויפגעשטעלט אויפ'ן טיש גלעזערנע לײכטער און אָנגעצונדען אין זײ ליכט. און האָט פארמאכט דאָס פנים מיט די הענט און איז געבליבען שטעהן אזוי שװײגענדיגערהײט. זי האָט נאָך געדײנקט, אַז אמאָל האָט זי געזעהן, װי איר מאמע פלעגט טאָן אזוי.

עס איז געװען אַ שעהנער אָנשטעל און האָט קײנעם ניט געשאדט.

און װי דער מאן שטעהט אזוי און קוקט אויף איר, װי זי איז איבערגעבויגען שטיל־אומבאװעגליך, מיט פארדעקטע אויגען, איבער די ליכט־פלעמלאך, — הויבען אָן די גוף פאָרמען פון זײן פרוי צורונען צו װערען. אויף איר אָרט װאקסט אויס אַ גע־שטאלט, װאָס איז גאָר ענליך אויף אים. ער זעהט, װי צװישען די שפעלטעלאך פון אירע פינגער שמײכעלט ארויס אַ ביטרע פנים, באאפרבט מיט רוזש און באפוצט מיט שמינקע, — זײן פנים:

— צו װאָס מאכסטו זיך נאריש? צו װאָס דער גאנצער אָנשטעל? איך בין דאָך ניט קײן אידישע טאָכטער און דו ביזט דאָך ניט קײן איד. איך װײס דאָך אזוי גוט דײנע שװאכקײטען, דײנע זינד, װאָס זענען פיל... װאָס־זשע נארסטו זיך אלײן?

און אַ גרויס שרעק איז דעם אידען באפאלען, אַ שרעק פאר דער פרעמדער פרוי מיט'ן פארדעקטען אומגעזעהענעם פנים, װאָס

האָט אויסגעזעהן ווי זיין׳ס אַ געשטאַלט. און ער האָט זיך אויף גיך געאיילט פון שטוב אַרויס.

נאָר איידער ער האָט נאָך באַוויזען צו פאַרמאַכען די טיר הינטער זיך, דערהערט ער ווי זיין פרוי האָט אויסגעבראָכען אין אַ גרויס געלעכטער. און דער געלעכטער האָט אים נאָכגעפאָלגט אויף די טרעפּ אַרונטער און אויפ׳ן גאַנצען וועג אין שול אַריין, דער געלעכטער פון אַ שרעקענדיגען נאַכט־פויגעל.

אינ׳ם שפּעט־אָווענט איז ער געקומען אהיים פון שול. קיי־נער האָט אויף אים דאָרט ניט געוואַרט. די פרוי איז אוועק־געגאַנגען צו פאַרברייינגען די נאַכט אין שטאָט. די ליכט האָבען איינזאַם געברענט אין די גלעזערנע לייכטער.

און אַז ער האָט אָנגעהויבען שפּאַנען איבער די חדרים און זינגען שלום־עליכם, זענען אים די ווערטער פון מויל אַרויס פאַר־גליווערט געוואָרען און ער האָט זייער קלאַנג ניט געהערט. ווייל אין די אויערען האָט אים אַלץ געקלונגען דער געלעכטער פון זיין פרוי בשעת׳ן ליכט־בענשען. די שטילע שבת־לופט איז שוין מער ניט געווען שטיל — זי האָט נאָכאַנאַנד און אייגנגעהאַלטען גע־געהילכט, ווי אין ים־מויערל. און פון דעם הילך איז דער דינער פּאַלאַץ, אין וועלכען ער האָט די לעצטע צייט געלעבט, צעבראָכען געוואָרען און די אויגען האָבען זיך דעם אידען געעפענט. פאַר אים זענען געלעגען די גאָלדענע שערבלאַך, אין וועלכע דער גלאַנץ פון די שבת־ליכט האָט זיך געשפּיגעלט, רויט און שווייגענדיג.

און ער האָט זיך אין יענעם פריטאָג־אָווענט ווידער איינ־געשלאָסען אין זיין חדר און שעה נאָך שעה אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, און געטראַכט.

און ענדליך האָט ער צו זיך געזאָגט:

— די דאָזיגע פרוי — זי איז מיר דאָך פרעמד, און וועט מיר פאַרבלייבען אַזוי מיין גאַנץ לעבען, און מאָג איך זיין ווי נאָהענט צו איר. און ווי וועל איך האָבען אַן אייגען אידיש הויז, אַז מיין נאָהענטסטע איז מיר פרעמד? און דאָס איך דאָך אַ טייל פון מיין לעבען, און אַ שטענדיגער דערמאָנער אָן מיין פריהערדיגער פאַר־

— דו ווייסט, מיין ווייב, לאָמיר זיך אריבערקלייבען אינ׳ם אידישען קווארטאל אריין, —

האָט אים דאָס ווייב אָנגעקוקט מיט שטוינונג און פארוואונדערונג, ווי ער וואָלט ני ט געווען ביי זיינע פולע געדאנקען. ווייל די שטוב איז דאָך ביי זיי געווען אזא ריינ־אויסגעפוצטע און געשטאנען איז זי אין א שטילען, אריסטאָקראטיש־אָפּגעזונדערטען געגענד. און די אידישע גאסען זענען געווען טומלדיגע און אומריינע און ענג איז אזוי געווען, אז יעדער איינער האָט געמוזט דעם אנדערען טרעטען אויף די פיס.

און דער איד האָט דערזעהן, אז זי איז פּאָרט זיין פרוי און אז אים וועט דעריבער זיין שווער אויסצופירען אלע זיינע פארלאנגען מיטאמאָל. האָט ער ביטער א זיפץ געטאָן. נאָר געטרייסט האָט ער זיך, אז אויב ער קאָן ניט געהן אין דער אידישער גאס אריין, וועט ער ברייגגען די אידישע גאס צו זיך אין הויז.

און אזוי האָט ער געטאָן.

אין איינעם א טאָג האָבען זיך אויף דער שטיל־פרעמדער גוי׳־אישער גאס געלאָזט הערען קליינע שטילע האמער־קלעפלאך פון דעם אידענ׳ס שטוב ארויס, ווי מען וואָלט דאָרט עפּעס געבויט. דאָס האָט דער איד אָנגעקלאפּט מזוזות אויף אלע טירען. און אויף די ווענט האָט ער אויפגעהאנגען בילדער פונ׳ם ווילנער גאון, און דעם רב, און דעם צמח־צדיק, און דעם לייוועגטענעם רבי און ער האָט אויפגעהאנגען בילדער פונ׳ם בית־המקדש, און דער עזרה, אונ׳ם היכל, און מזרחים, און בילדער פון סדרים, און ווי מען ברייגגט דעם קרבן־פסח, און נאָך אזעלכע בילדער, אויסגענייט אין פארשידענפארביגע גאָרענס אויף קאנווע, אָן וועלכע ער האָט זיך געקאָנט דערמאָנען, ווען ער האָט זיך אריינגעטיפט אין די וווייטסטע, פארלאָפענע ציימען, און וועלכע ער האָט נאָר געקענט קריגען פון ניו יאָרק.

און איבער דער ארייננאנג־טיר האָט ער אויסגעהאקט אינ׳ם וואנט־פּאפּיר א קוואדראט שטיק, הויל, שווארץ האָט עס געלויערט, מיט א גרויסען מויל — א זכר לחורבן. און ער האָט ארויסגעוואָרפען פון הויז אלע ראָבער־פלאנצען, און טראָוט באגאניאס,

און גראַניאַומס און לעמפּערט־ראָזעס און די כינעזישע קאַרשען־בוימלעך. אַנשטאָט זיי האָט ער אַוועקגעשטעלט אויף די פענ־סטער פּאַפּירענע וואַזאַנעס און קליינע סטאַלעטניקעס און ליימענע טעפּעלאַך.

און צו זיך אין שרייב־צימער אריין האָט ער אַנגעבראַכט מאָדנע אַזעלכע ספרים, אין אַ שפּראַך, וועלכע זיין פרוי האָט ניט פאַרשטאַנען, און מיט אותיות, וועלכע האָבען איר אויסגעקוקט ווילד, — „טשייניז" פלעגט זי זיי רופען — און די ספרים זענען געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבען זיך אין די ביכער שראַנקען ניט אריינגעפּאַסט. זיי האָבען דעריבער געשטערט די האַרמאָנישקייט פון'ם מעבעל און אַנגעפילט די לופט מיט דער טובלעקייט פון אַלטע פאַרלעגענע ספרים, וואָס זענען שוין לאַנג, גאָר לאַנג פאַר־מאַכט געווען . און דאָ, איבער די גרויסע מסכתות און מדרשים פלעגט ער גאַנצע נעכט איבער אַ חלב'נעם ליכט אָפּזיצען, און שאָקלען זיך מיט אַ טרויעריגען ניגון.

און די פרוי האָט דערזעהן מיט אַ גרויל אין די אויגען, אַז דער מאַן אירער איז משוגע געוואָרען. האָט זי מורא געהאַט צו דערציילען אירע אייגענע און פריינט וועגען איר גרויס אומגליק, ווייל אַזאַ חלאת איז דאָך גאָר אומבאַקאַנט. האָט זי עס געשטיקט אין זיך. זי האָט זיך בלויז באַמיהט, אַז די אַרומיגע שכנים זאָלען עס ניט באַמערקען, ווייל עס איז געווען הערבסט, און די בלעטער פון די בוימער ביי די פענסטער זענען שוין אַרונטערגעפאַלען. דורך די אַנטבלויזטע צווייגען האָט אַ דורכזיכטיגע הערבסטיגע לופט אריינגעקוקט, און שטילע מענשען זענען פאַרבייגעגאַנגען די פענסטער.

אַ שטיק צייט האָט זי זיך אַזוי געצאַפּעלט אין אומרוה.

און דער איד האָט זי מער גאָרניט באַמערקט, ווייל פאַרטיפט איז ער געווען אין זיך. אפשר האָט ער זיך אַרומגעזעהן, אַז זי איז גאָרניט זיין פרוי, ווייל זיי האָבען דאָך ניט חתונה געהאַט לויט'ן אידישען דין. אין די ווייבערשע זאַכען איז זי אויך גע־ווען ניט אידישלאַך. האָט ער זיך דערווייטערט פון איר, און פלעגט צו איר אין חדר מער ניט אריינקומען אויף באַהעפטען זיך. ער פלעגט אַנטשלאָפען ווערען אין ריינקייט איבער די גרויסע ספרים אין זיין שרייבצימער, און זיך באַהעפטען מיט דער קלאָר־

קײט פון זײערע ווערטער. זי פלעגן אים אפּקלינגען אינ׳ם פאר׳ן־שלאָף־דרימעל, ווי ווײטע ליכטיגע שטימען אויף זומערדיגע וועגן.

און אז די פרוי האָט דערזעהן, ווי ער האָט זיך אָפּגעווענדט פון איר, האָט זי זיך אָפּגעווענדט אויך פון אים, און אירע נעכט דרויסען הויז, אין שטאָט פארבראכט. שפּעט בײנאכט פלעגט זי איצט קומען אהײם, אָדער גאָר פארטאָג, ווען בלאָקײט גיסט זיך פונ׳ם דרום־מזרח אין דער נאכט ארײן. זי פלעגט זיך ארײנ־ווארפען א מידע און אן אויסגעמאטערטע אין איר בעט ארײן.

און פונקט דאמאָלס אין אָט דער פארטאָגיגער שעה פלעגט דער איד שוין אויפשטעהן, אָפּגיסען נעגעל־וואסער און זאָגען די גוטיגע ברכות. נישט געמענדיג א ביסען אין מויל ארײן, פלעגט ער מיט גיכע טריט אוועקגעהן אין שול, מתפלל זײן מיט די ותיקון.

און אז ער איז דעם ערשטען מאָל געקומען אהינצו און האָט געבעטען בײ דעם שמש, ער זאָל אים געבען טלית און תפילין, האָט דער שמש מאָדנע אָנגעקוקט דעם גוי און זײנע אײגענע אויגען ניט געגלויבט. אז ער האָט אָבער דערהערט, ווי יענער רעדט צו אים אידיש, האָט ער זיך געטראכט:

— דאָס מוז אודאי זײן א מומר, וועלכער איז געקומען אין שול ארײן צום יאָרצײט פון א פארשטאָרבענעם טאטע־מאמע.

ווײל אזוי ווערט דאָך דערצײלט פון די דאָזיגע לײט, אז אין אזעלכע טעג הויבט אָן ברענען אין זײ א פלאָם.

האָט אים דער שמש דערלאנגט טלית און תפילין און בײ אים געפרעגט:

— קאָן ער אלײן זאָגען קדיש, אָדער ער וויל, אז עמיצער זאָל אים יוצא זײן?

און דער איד האָט אים שטיל געענטפערט:

— עס איז בײ מיר יאָרצײט איצט יעדען טאָג.

האָט זיך דער שמש געוואונדערט איבער דעם מיט א גרויס וואונדער, און אלע אידען האָבען זיך געשושקעט, און א שטיק צײט איז דער אידישער קווארטאל געגאנגען מיט אים כאָדאָאָם.

און דער דאָזיגער גלוח פלעגט קומען אין שול ארײן טאָג

בלאַנדזשעטקייט. גאָט, גיב מיר כח ארויסצושניידען זי פון מיין לעבען, אָפּצושניידען דעם פרעמדוואוקס פון מיין לייב.

און ער האָט זיך געשטאַרקט.

נאָהענט צו האַלבע נאַכט האָט ער צו זיך א זאָג געטאָן אין דער שטיל:

— עס איז האַלבע נאַכט. מען דאַרף פּראַוועָן חצות.

אויף די שפּיץ פינגער האָט ער זיך ארויסגע׳גנב׳עט פון זיין חדר און איז אריין צו זיין ווייב אין שלאָפצימער.

א פּאַספּאַריש־בלויער בליץ פון דעם עלעקטרישען שטאַנג פון א דורכפאָרענדיגען טראַמוואַי האָט זיך אריינגעשניטען אין דעם צימער אריין. אויף א רגע האָט ער באַלויכטען דאָס בעט און דאָס בלייכ־אויסגעלאָסענע פּנים פון זיין פרוי. אן אומרואיגע איז זי געשלאָפען און זיך געהיצט אין חלומות פון זינד. פון ווייטע גאַסען האָט זיך געטראָגען אהער א גערויש פון אן עולם, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון די טעאַטערס.

און ווידער איז געוואָרען טונקעל.

און אין דער טונקעל האָט באַלד א בליץ געטאָן דער שאַרף פון א חלף, וועלכען דער איד האָט מיט כונה דורכגעפירט הין און צוריק איבער זיין פרוי׳ס האַלז. א ריטשקעלע בלוט האָט באַדעקט דאָס ווייסע לייווענט און זיך געצויגען איבער דער פּאָדלאָגע, א רויטע סטעזשקע.

און דערנאָך האָט ער זי פאַר די האָר ארויסגעשלעפּט פונ׳ם בעט און איבער דער פּאָדלאָגע, אריינגעשלעפּט צו זיך אין חדר אריין. דאָרט האָט ער זי באַדעקט מיט א שוואַרצען טישטוך, ארומגעשטעלט די גלעזערנע לייכטער אַרום איר צוקאָפּענס און אין זיי אָנגעצונדען די ליכט. שטיל־צופרידען האָט ער גע־שמייכעלט:

— איצטער וועט זי שוין מער ניט לאַכען פון דעם.

און ער האָט זיך דאַמאָלס אנידערגעזעצט ביים טויטען גוף פון זיין פרוי און מיט א צעבראָכען האַרץ האָט ער אָנגעהויבען אָפּריכטען חצות.

אין דער שטילער נאַכט האָט זיך געהערט זיין תפילה:

„גאָט, זיי מיר מוחל די זינד, וואָס איך בין באַגאַנגען.

איך האָב מיך דערווייטערט פון דיר, און פון דיין געבאָט, און פון דיין פאָלק.

און איך האָב געקוקט אויף זיי, ווי אַ האָר קוקט אויף קנעכט, ווי אַ רייכער אויף אַן אָרימען, ווי אַ ריינער אויף אַן אומריינעם.

און איך האָב ניט געליטען דעם פּיין, וואָס זיי האָבען געליטען.

און איך האָב מיך געהאַלטען העכער פון זיי, ווייל איך האָב געוואוסט די וועגען פון די גוים.

און האָב איך ניט, אין די טיפסטע טיפענישען פון מיין נשמה, מיט בייגקעניש און טרויער זיך ניט איינמאָל געזאָגט: „ווען איך וואָלט נאָר געבאָרען געוואָרען איינער פון די גוים!..“

גאָט, פאַרגיב מיר אין דיין גרויסמוטיגקייט, איך האָב דיך ביז אהער ניט געקענט. אין די קירכען אריין בין איך דאָך ניט געגאַנגען צוליב דיר, כדי דיך צו גרויסען, נאָר צוליב זיך, צוליב מיין אייגענעם תענוג. און תענוג איז דאָך תענוג — פונ׳ם קערפּער, צי פונ׳ם גייסט. מיד וועריענדיג פון די תענוגים פון זינד און אויסגעלאַסענהייט, פלעג איך אויספּרובירען די שטילערע פאַרגניגענס פון פרומער רו און רעליגיעזען עקסטאַז, כדי איך זאָל שפּעטער נאָך שאַרפער פיהלען די פאַרגניגענס פון זינד.

גאָט, איך בעט ביי דיר פאַרגעבונג.

דו ביזט איינציג אויף אייביג און אייביג. איך וועל ניט נאָכפרעגען דיינע וועגען, און ניט נאָכקוקען דיינע מעשים.

און איך דערוואַרט ניט קיין שכר פאַר מיין דינען דיר, ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער וועלט.

גאָט, פאַרגיב מיר: איך בין ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער.

איך קער מיך אום צו דיר מיט׳ן פולען הארצען, אַ צעבראָכענער און אַ דערשלאָגענער.

און איך האָב דיר געבראַכט אַ קרבן חטאת פאַר מיינע זינד — אַ שטיק פון מיין פלייש און בלוט.

איך קער דיר אום מיין וועלטליכען גליק און אָנגעזעהענקייט, און דו קער מיר אום מיין גאַנצקייט און מיין רו.“

די נאַכט איז געווען שטיל, און קיינער האָט ניט געענטפערט פון דער שטילקייט.

אינ'ם סאַמע פֿאַרטאָג, מיט'ן קרייען פֿון די הענער און מיט דער פֿרימאָרגען־בלאָקיים האָט זיך דערהערט אַ סקריפּען פֿון אַ שליסעל אין דעם דרויסענדיגען שליסעל־לאָך. דאָס האָט זיך דעם אידענ'ס פֿרוי אומגעקערט פֿון איר נאַכטיגען פֿאַרברייגגען.

און אַז זי האָט דערזעהן ווי איר מאַן זיצט אויף דער ערד און פֿאַר אים איז אויסגעשפּרייט אַ שוואַרצער טוך אַרומגערינגעלט מיט ברענענדיגע ליכט, האָט זי זיך צוערשט דערשראָקען און אַ טראָט געטאָן צוריק. נאָר באַלד, דענקענדיג, אַז דאָס איז אויך עפּעס אַזאַ מאָדנער אידישער מנהג, האָט זי אויסגעבראָכען אין אַ גרויס געלעכטער איבער'ן דאָזיגען ווילדען איינפֿאַל.

נאָר דער איד איז אַלץ געזעסען איבער'ן טויטען קערפּער פֿון זיין פֿרוי און האָט גאָרנישט געזעהן, ווער עס שטעהט הינטער אים און האָט גאָרניט געהערט. און די פֿרוי איז געשטאַנען הינטער אים, אַ הויכע, אַ שלאַנקע, און אַ יונגע, מיט באַקען אויפֿגעפֿלאַמט פֿון זינד, אין איר שוואַרץ אַטלאַסענעם קלייד, וואָס האָט זי נאָך העכער געמאַכט. פּאַמעליך האָט זי אַרונטערגעשלעפּט די לאַנגע זיידענע הענטשיקעס פֿון אירע בלייכע אָרעמס. זי האָט דערביי הויך געלאַכט.

ס'איז שוין צייט צו דאווענען מעריב.

ניטא קיין מעריב, נאר געשלאָפען, —
וואָס־זשע קען מען פון אייך האָפען:
צו וואָס זשע לעבט איר אויף דער וועלט?
מיט וואָס וועט'ר קומען אויף יענער וועלט?
(פאָלקס־ליד.)

דעם גאנצען ווארים־גאָלדיגען נאָכמיטאָג האָט מען אויפ'ן פארם געארבייט ארום די סנאָפּעס קוקורוזע. מען האָט זי שוין מיט א וואָך צוריק אָפּגעשניטען, ארומגעבונדען די קוקורוזע־שטעקענער מיט א שטרויענעם פאס און זיי צוזאמענגעשטעלט אין סנאָפּעס, צום טריקענען. לעצטע נאכט איז פון די ד א ־ ק אָ ט א ס, און א מ א ה א און נ ע ב ר א ס ק א, גע־קומען צופליענדיג א צפון־מעריב'דיגער ווינט, א שטארקער און האָט זיי אומגעוואָרפען.

האָט מען היינט, אין סוף־הערבסטיגען נאָכמיטאָג צוגע־שטעלט איין קלייגעם סנאָפּ צום צווייטען, אָנגעשפארט איינער אָנ'ם אנדערען אין דער קרים, כדי זיי זאָלען זיך האלטען. גרויסע סקירדעס קען דער ווינט ניט אומווארפען.

און אז די זון האָט שוין געהאלטען אין אונטערגעהן און א רויטליכקייט איבער פעלד און וואסער גענאָסען, האָט מען זיך פארשוויצטע און פרעליכע געלאָזט געהן בארג ארויף. דאָס פעלד איז געלעגען אין טאָל לעבען א קליינעם טייך.

געארבייט האָבען זיי זאלבע־צוויי, דער פאָטער מיט'ן זוהן. אז זיי האָבען זיך איצט אויפגעהויבען איבער'ן שמאָלען שליאך, וועלכער פירט פונ'ם פעלד צום בערגעל ארויף, אויף וועלכען עס געפינען זיך די פארם־הייזער, האָבען זיי דערהערט שטיפערישע און פריידיגע קולות. האָבען זיי געוואוסט, אז דאָס זיינען זייערע

„באָרדערס", וועלכע זיינען זיך משמח אויפ'ן גראָז ביים ענד פונ'ם זוניגען טאָג.

און אז די צוויי זענען אָנגעקומען אויבען, אויף דער בארג־טעראסע, זענען די „באָרדערס" זיי באפאלען מיט געלעכטערס און יונג־קלינגענדיגע געשרייען, און זיי ארומגערינגעלט און אָנ־געהויבען דרעהען זיך אין קאראהאָד אינ'ם פארנאכט. דער פּאָ־טער מיט'ן זוהן, מידע און אָנגעהאָרעוועטע, האָבען ווארים־פריינדליך געשמייכעלט צו אלעמען. און אליין זענען זיי געבליבען שטעהן אין מיטען, צוויי אומבאוועגליכע ברוינע בוימער. ארום זיי האָבען זיך די איבריגע געדרעהט אין קאראהאָר, געשטאלטען, וואָס זענען אָנגעקומען מיט'ן אָווענט.

עס האָט זיך באלד דערהערט א קלינגען פון א גלאָק. ער האָט גערופען די „באָרדערס" אין שטאל אריין, צום מילך־טרינקען. ווי א סטאדע יונגע אָקסלעך, האָבען זיי זיך געלאָזט לויפען צו דער שטאל צו, וואָס איז געווען אריינגעבויט מיט צוויי זייטען אין דעם שטיינערנעם בארג אריין.

דער פאָטער מיט'ן זוהן האָבען אויסגענוצט די געלעגענהייט און אריינגעגאנגען אין הויז אריין. דאָרטען האָבען זיי זיך איינ־געוואשען, זיך איבערגעטאָן, איבערגעכאפּט עפּעס און אויף גיך זיך געלאָזט אין וועג.

אז די זומער־איינוואוינער זענען פארטיג געוואָרען מיט'ן טרינקען די ווארימע, שוימיגע מילך, פון וועלכער א פארע האָט געשלאָגען אין דער קילער לופט פונ'ם פארנאכט, און זענען מיט אויסגעשמירטע מיילער צוריק ארויסגעלאָפען אויפ'ן הויף, זענען שוין דער פאָטער מיט'ן זוהן דאָרט ניט געווען און קיינער האָט דאָס ניט באמערקט.

צוויי טונקעלע געשטאלטען האָבען זיך געהויבען קעגען דעם גרוי־בלייכליכען מזרח'דיגען הימעל, עטוואָס איינגעבויגען, ווייל דער ארויף־בארג איז געווען זעהר משופּע'דיג. ער איז אויך געווען אין גאנצען באזעהט מיט שטיינער, גרויסע און קליינע. גרויסע בלאָקען גראניט האָבען זיך געטונקעלט אינ'ם אָווענט, געשטאָר־בענע פארצייטיגע בוימער.

זיי האָבען זיך געאיילט. דער אָווענט האָט זיך שוין דער־געהענטערט. דער וועג האָט זיך געבלייבט פאר זיי צווישען מייפל

און קאשטאנגען־בוימער. דאָ, אויפ'ן שפּיץ־באַרג, האָט זיך נאָך געזעהן דער רויטער פייער אינ'ם מערב, ווייטער מערב־צו האָבען זיך געטורעמט אין א טיף־בלויען צודעק די בלוי־מאונ־טיינס. און צווישען די ווייטליכע בלוי־מאונ־טיינס און דעם בערגיגען וועג, אויף וועלכען פאָטער און זוהן זענען איצט געגאַנגען, זענען געווען צעשפּרייט נאָך בערג און טאָלען און פאַרוואָרפענע פאַרם־הייזלעך. א פאַרנאַכטיגע געגענד, באַ־וואָרפען מיט זון־ליכט און טונקעלהייט.

די צוויי האָבען זיך אָבער ווייניג צוגעקוקט צו דעם אַרומי־גען, ווייל זיי זענען שוין געווען געוואוינט דערצו. זיי האָבען נאָך אויסער דעם א צוויי מייל דורכצוגעהן, טאָל־אַרונטער און באַרג־אַרויף, ביז וואַנען זיי וועלען אָנקומען אין דער שול אַריין, וועלכע געפינט זיך אין דעם שטעטעל פּאַלסבורג.

דער דינער, מאָגערער און אויסגעהאָרעוועטער פאָרמער האָט אונטערגעאיילט זיין זוהן:

— שנעלער, ס'איז שוין באַלד מעריב־צייט.

ווען די צוויי האָבען זיך פאַרקירעוועט לינקס, כדי צו מאַכען דעם „שאָרט קאַט" דורכ'ן וועלדעל פון סאַסאַפראַס־בוימער צו דעם זאַמדיגען הויפּט־שאָסעי, האָט זיך פון רעכטס געלאָזט הערען א קרישטשען פון רעדער איבער שטיינדלעך און טרוקענעם זאַמד. אויפ'ן בלייכליך־בלויען הימעל האָט זיך באַלד אויסגעמאָלען א קליין צוויי־רעדערדיג וועגענדעל, איינגעשפּאַנט צו א גניאַדען פערד.

אינ'ם וועגענדעל איז געזעסען א יונג פּאָר פאָלק. די לייצעס האָבען זיי געהאַלטען שוואַך אין די הענט. ביידע האָבען זיי גע־קוקט צו דער ווייטער קייט פון די בלוי־מאונטיינס, ווי זיי וואָלטען ערוואַרט, אַז א מענש זאָל אַרויסקומען פון דעם ווייטען הויז, וואָס האָט זיך שטיל און ווייס געזעהן אַהער פון דער זייט פון די בלוי־מאונטיינס. אַזוי גלאַט־דורכזיכטיג איז געווען די הערבסטיגע לופט.

פאַמעליך האָט זיך געשלעפּט דאָס פערדעל איבער'ן שפּיץ באַרג, אויף משקולות, ווייל א זעקס פוס פון זיי איז געווען א גרויסער אָפּריס, א תהום, אין וועלכען זיי האָבען געקענט אַריינ־

פאלען האק און פאק. פערד, וואגען און מענש. גראד זענען זיי נ י ט ארייננעפאלען אהינצו, זיי האבען אבער פון דעם נס גאר ניט געוואוסט, און האבען דעריבער ניט געדאנקט גאט פאר דעם גרויסען חסד, וואס ער האט זיי באוויזען אין דיזער מינוט. און דער יונגערמאן האט געקוקט אויף דער ארומיגער געגענד פון בערג און טאלען, וועלכע האבען זיך געדעקט מיט זון־רויט און ברוינע שאטענס. ער האט געפיהלט ווי צו זאגען עפעס וועגען דעם צו דער פרוי, וועלכע איז געזעסען ביי זיין זייט. נאר עס איז אים שווער געווען צו געפינען א ווארט פאר דער ארומיגער שעהנקייט. יעדעס ווארט פון וועלכען ער האט איצט געקאנט דיינקען, האט זיך אים אויסגעוויזען בלייך און גארנישט־זאגענדיג.

און דאס וועגענדעל איז ווייטער געפארען איבער'ן שליאך אין דער אווענטיגער רוה. און דער יונגערמאן האט געטראכט ביי זיך, אז די געגענד ארום איז איהם טאפעלט שעהן, ווייל זי איז אים פרעמד, און וועט אים אזוי פארבלייבען. ווי א סך פון זיינס גלייכען האט ער דאך געוואוסט, אז ער וועט דא אין דער דאזיגער ערד, באגראבען ווערען. ער האט זיך אלץ אבער גע־פיהלט דא פרעמד און אומזיכער און האט דעריבער ליב געהאט די ערד מיט א זיסען וועהטאג.

דאס פורעל איז ווייטער געפארען אויפ'ן וועג צו דער פארם. שפעטער אביסעל איז זי אהין אנגעקומען. דארט האט מען זיי אויפגענומען מיט גרוים פרייד און טומעל, ווייל אלע זומער איינ־וואוינער האבען זיי ליב געהאט און זיי האבען דארט געהאט א סך פריינד.

מען האט זיך אנידערגעזעצט עסען אוונט־ברויט ארום די טישען, וואס זענען געווען צעשטעלט אויף דער „לאון". ס'איז שוין גאר קיל, די אוונטען זענען אצינדערט פראסטיג אין די בערג.

און ווי זיי זיצען אזוי און טוען זיך וואויל און לענען זיך אונטער דאס הארץ מיט אלערליי מאכלים, זעהען זיי ווי פון אונטער'ן בארג, איבער'ן טייך פארט צו זיי א פור. און אין דער פור זיצט א איד. כאפט זיי אן א גרוים וואונדער, וואס די פור געהט דורך גלייך דורכ'ן וואסער און ווערט גאר ניט דערטרונקען. נאר דא דערקלערט איינער פונ'ם עולם, אז דאס וואסער אין טייך

אין איצט גאנץ נידעריג און עס כאפט בלויז ביז די האלבע רעד־דער. פיהלען זיי זיך שוין אביסעל בארוהיגט. אבער אומצופרידען, וואס עס איז נ י ט קיין וואונדער. אבער אלץ — וואס קומט ער עס אזוי שפעט אהער?

און ווי זיי טראכטען אזוי, פארט דאס פורעל ארויף אויפ'ן בערגעל. א איד, וואס קוקט אויס גאנץ געוועהנליך, מיט א גע־גאלטער בארד און קורץ געקליידעט, ווי אן אמעריקאנישער איד, שטייגט ארויס פון פורעל. און אז די זומער אייננוואוינער קוקען אויף אים אזוי מיט פארגאפטע אויגען און אפענע מיילער, טרעט ער גלייך צו צום ענין.

היות, זאגט ער, זיי זענען זיך צונויפגעקומען עטליכע אידישע פארמערס ביי איינעם פון זיי אין הויז און ווילען מתפלל זיין בצבור אין די טעג פון ראש השנה, און היות ווי עס סטאיעט זיי ניט צוויי מענשען צום מנין, און היות, זאגט ער, זיי האבען זיך דערוואוסט, אז ניט ווייט פון זיי איז דא א גרויסע אידישע פארם, אין וועלכער עס געפינען זיך נאך א סך אידישע „בארדערס", — בכן בעט ער זיי זעהר און זעהר, אז צוויי פון זיי זאלען זיי אזוי פיל פריינדליך און זאלען זיך ארויפזעצען צו אים אין וועגעלע אריין און פארען מיט אים אין מנין אריין, נאר טאקע שוין, גלייך, ווייל עס איז שוין זעהר שפעט און די אידען ווארטען דארט צוויי־שען די בערג.

אט דא פארשווינדט די פארגאפטקייט פון אלעמענס פנים'ער, און א גרויס געלעכטער קלינגט אפ אין דער קילער לופט.

— כא־כא — רופט זיך אפ איינער — געפונען דעם ריכטי־גען פלאץ!....

— מיסטער לעבען — רופט זיך אפ א קלוג מיידעל, מיט קורץ אפגעשארענע האר — דא זענען נישט קיין פינסטערלינגע.

— ר' איד — גיט א זאג א יונג, מיט א כיטרע־פארשטעהענ־דיג בליקעל אין די אויגען — עפעס א ביזנעס'ל לכבוד ראש השנה, הא? וויפיל „טשארדזשעט" איר א טיקעט? מיר ווילען אויך א חלק אין די ביזנעס, יו נאו....

און דער יונגערמאן פון דעם פארעל, וועלכע איז פריהער אנ־געקומען מיט'ן וועגעלע, רוקט זיך דא אויך צו צום קרייז, וועל־

בער האָט זיך ארומגעשטעלט ארום דעם אידען. ער וואונדערט זיך: היינט איז ראש השנה און ער האָט גאָר ניט געוואוסט!

— א שעהנער אידישער שרייבער בין איך — האָט ער זיך א זאָג געטאָן אין דער שטיל. — איך ווייס אפילו ניט, ווען עס זענען חל די אידישע ימים־טובים.

און ווי זיי האָבען אים דערזעהן, האָט זיך דער עולם א נעם געטאָן פאר אים. זיי האָבען דאָך אלע געוואוסט, אז שוין א שטיק צייט שרייבט ער זאכען, אין וועלכע ער רופט צוריק צו אידיש־קייט, צו אידישע מנהגים אין הויז און צו דער אָפּהיטונג פון אי־דישע יום טובים. „צוליב זייער פּאָעזיע", ווי ער פלעגט זיך אין זיין גלאטער און געפיילטער שפּראך אויסדריקען. „און צוליב אונזער סאָלידאריטעט מיט'ן אידישען פאָלק, וועלכעס איז פון אלע זייטען ארומגערינגעלט מיט שונאים".

— אָט דו, — האָבען אלע אויסגעשריען — אָט דו וואָלסט דאָך טאקע געדארפט פאָרען מיט'ן אידען!

מנחם — דער יונגערמאן — איז צוערשט רויט געוואָרען און זיך פארלאָרען. ער האָט זיך אָבער באלד געפונען: דאָ האָט ער דאָך אן אויסגעצייכענטע געלעגענהייט ארויסצואווייזען זיין קלוג־שאפט און זיין היינטוועלטיגקייט פונ'ם גאָר־לעצטען מין.

ער האָט זיך הויך פאנאנדערגעלאכט:

— וואָס איז — דער עולם נעמט אים סיידען ערנסט? אזעלכע פראים.... פארשטעהען זיי ניט, אז עס איז בלויז אן אָנ־שטעל אזא, א פיינער זשעסט? און וואָס האָט דען א שרייבער'ס לעבען צו טאָן מיט זיינע זאכען? וואָס איז — א אידיאָט איז ער, און וועט נעמען פאָרען מיט'ן דאָזיגען אידען דאווגען מעריב?

און האָט זיך ווידער שטארק פאנאנדערגעלאכט. אינערליך איז ער געווען צופרידען, וואָס ער האָט איבערגעלאָזען דעם עולם אין א ניט־קלאָרקייט. ווייל דער עולם האָט זיך אזוי געטראכט: איז ער באמת'ן בלויז א קאָמעדיאנשטשיק, ביי וועמען דאָס שריי־בען איז בלויז אן אָנשטעל, א פּאָזע, און אין דער אמת'ן געהט אים גאָר ניט אָן דאָס, וואָס ער שרייבט? אָדער איז ער אפשר אזא טיף־פיהלענדיגע פערזענליכקייט, וועמען עס שטעהט ניט אָן ארויסצואווייזען פאר אלעמען זיין אמת'ע אינוועניגסטע שעהנ־

קיים, און ער וועט באדאי אפלאכען פון זיך זעלבסט, כדי אנידער־צושטעלען א פלויט צווישען זיך און דעם עולם?

עס פארשטעהט זיך: אים האט זיך בעסער געוואלט, אז דער עולם זאל טראכטען פון אים דאס לעצטע, און דעריבער האט ער עס זיך אזוי שטארק, צו־שטארק, כמעט טראגיש פאנאנדער־געלאכט. און דער איד, וואס איז געקומען מיט'ן וואגען, איז גע־שטאנען צווישען זיי א פארשעמטער און א נכנע און האט זיך געבעטען:

— רבותי, עס איז דאך מער ניט ווי א האלבער מייל פון דאנען. אויפ'ן וועג וואס פירט קיין ו ו א ו ד ר י ד ז ש, וועל־כעס דארף ווערט אויך אנגערופען סענטערוויל. דא גלייך, פאזע טייך. אין צוואנציג־דרייסיג מינוט וועט איר קאנען צושפאצירען צוריק און אויב איר'ט וועלען וועט איר בלייבען ביי איינעם פון אונז נעכטיגען און עסען א יום־טוב'דיגע וועטשערע פונ'ם שענ־סטען און בעסטען, איר'ט זיין זעהר אנגעלעגטע געסט.

האט זיך דער עולם נאך מער פאנאנדערגעלאכט, ווייל די גאנצע געשיכטע האט זיי אויסגעקוקט זעהר מאדנע־נאריש. און אז דער איד האט דערזעהן, מיט וועמען ער האט דא צו טאן, האט ער שוין מער קיין ווארט ניט גערעדט.

עס איז געווארען פראסטיגער. די בוימער זענען אזש גע־ווען טויט־שטיל. עס האט זיך געהערט, ווי עס פאלען ארונטער עטליכע עפעל מיט א הוילען קלאפ אן דער ערד.

מילא, דער איד, ווי דער איד — זיין פנים האט מען שוין ניט געזעהן, ווייל ער האט זיך אומגעדרייט און זיך געפארעט ביי די פאסטראמקעס. נאר דאס פערדעל האט אויפגעהויבען א פאר פייכט־אומעטיגע אויגען און אנגעקוקט דעם עולם מיט א טונקעלען גלאנץ.

— אומזיסט, הייסט עס, געשלעפט זיך אין דער קיל בארג־ארויף?

און דער איד האט זיך אריינגעזעצט אין וואגען. ער האט אנגעהויבען טרייבען דאס פערד בארג־ארונטער. — וויא! — האט ער אים געזאגט מיט א הארציג קול — אייל זיך אונטער, עס איז שוין באלד צייט צו דאווגען מעריב.

און שפעט אין יענעם אָוונט האָט פון די באַלויכטענע פענסטער פון אַן איינזאַמען הויז אין פעלד זיך געלאָזט הערען אַ האַרצרייסענדיגער געשריי און געוויין. אַליין איז געשטאַנען דאָס הויז צווישען בערג און טאָלען און האָט מיט זיינע צוויי רייען באַלויכטענע פענסטער געפייערט אין דער נאַכט אריין. אין אַלע חדרים זענען געווען אָנגעצונדען ליכט צוליב׳ן יום־טוב. אָבער די מתפללים האָבען זיך פאַרזאַמעלט בלויז אין איין צימער, ווייל עס איז געווען פונקט אַ מנין. מען האָט נאָך צום דאָזיגען מנין מצרף געווען אַן עלטערען גרוי־בערדיגען פראַנצויזישען אידען, וועלכער האָט געדאַוועט אויף אַן אומפאַרשטענדליכען אופן פון אַ פראַנצויזישען רעפאָרמערישען סידור׳ל, און אַ פרוי, וועלכע האָט זיך אין הויז געפונען — די איינציגע פרוי אין הויז, וועלכע האָט געקענט עברי, — און אויך אַ יונגען נעגערישען בחור׳ל, וועלכער האָט דערקלערט, אַז ער איז אויך פונ׳ם אידישען גלויבען, נאָר קיין עברי האָט ער ניט געקענט און האָט געהאַט זיין אייגענעם ענגלישען געבעט־ביכעל.

און אַז מען איז געקומען צום קאַפיטעל תהילים, וועלכען מען זאָגט ראש השנה צו מעריב, האָט אויסגעבראָכען ביי די מתפללים אַ קוואַל פון געוויין, ווי ווען אַ גרויסע עדה וואָלט געווען פאַרזאַמעלט דאָרט. וואָס איז, זיי איז ברוך השם געגאַנגען דוקא גאַנץ גוט, אין פרנסה און אין רוהיגקייט, נאָר אַלע האָבען זיך דערמאַנט, אַז זיי קומען אַהער פון אַ ן אַ נ ד ע ר ל אַ נ ד, און זענען דאָ פאַרוואָגעלטע און אַליין צווישען בערג. יעדער איינער פון זיי האָט געטראַכט פון אַ סך אַנדערע ראש השנה׳ס, וועלכע זיי האָבען פאַרבראַכט אויף אַ גאָר אַנדערען אופן, מיט יאָרען און יאָרען צוריק — און עס האָט זיך שוין איצט זיי אויסגעדוכט, אַז דאָס זענען גאָר געווען אַנדערע מענשען, ניט זיי — אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלאך פון גאָר דער וועלט. און עס האָט זיי שטאַרק פאַרקלעמט פאַר׳ן האַרצען און זיי האָבען פאַרגאָסען פלגי מים.

און דער נעגער׳ל האָט אויך געוועוועט הויך אויף אַ קול. זיינע ווייסלעך האָבען זיך געקאַטשעט הין און צוריק אין די אויגען און וואַסערלעך זענען אים געראָנען איבער׳ן פנים. ער האָט זיך גאָר געפיהלט דערשראָקען. געשראָקען האָט ער זיך אויך

פאר די מענשען ארום, וועלכע האָבען געוויינט. האָט ער געיאָ־
מערט נאָך שטארקער.

און דער איד, דער באלעבאָס פונ'ם הויז, ווי ער האָט זיך
אזוי דערמאָנט אָן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען פארנאכט, האָט
אים נאָך שטארקער פארשטשעמעט פאר'ן הארצען, ווייל ער האָט
דערפיהלט זייער אלעמענס איינזאמקייט. האָט ער העכער געזונ־
גען דעם מזמור פון תהילים.

מען האָט געענדיגט דעם מעריב. יעדער איינער פון די
מתפללים איז זיך אוועקגעאנגען איבער פארשידענע וועגען צו
זייערע פארם־הייזלעך, וועלכע זענען געווען צעוואָרפען אין פאר־
שידנע ווינקעלעך אין די ארומיגע בערג און טאָלען פון די
קעטסקילס.

נאָר דאָס הויז איז נאָך געבליבען ברענען אזוי א גאנצע
נאכט מיט אלע זיינע יום־טוב'דיגע באלויכטענע פענסטער, ווייל
די באוואוינער זיינע האָבען זיך אין דער דאָזיגער נאכט געפיהלט
אומרוהיג און איינזאם אליין צווישען די טונקעלע בערג. די
ליכטיגע פענסטער האָבען אָנגעזאָגט דער ארומיגער פרעמדער
חשכ'נים, אז עס איז ראש השנה אויף דער וועלט.

און מאָרגען:

פונקט אזוי האָט זיך עס מנחמ'ן געחלומ'ט: א הויז אליין
אין פעלד, מיט רויטע, שטארק־באלויכטענע פענסטער.

אויף דער פארם האָט מען זיך תחלת־אָוועגט געלייגט שלאָ־
פען, ווייל מען איז געקומען אהער אויסרוען זיך, ניט ווייס־איך
וואָס. אויסער דעם איז עס געווען גאנץ פראָסטיג. א ווײַלע איז
מען געזעסען אין קיך, ארום דעם גרויסען אייזערנעם אויווען,
וועלכער איז געווען הייס־אָנגעגליט. דער פראָסט האָט זיך אָבער
געשטארקט. מען האָט געהערט ווי דער אלטער בארען־בוים אין
דרויסען, מיט זיינע קרום־צעדרייטע צווייגען, רייבט זיך אָן דער
וואנט, און קרעכצט. איז מען באלד געגאנגען שלאָפען. מען
האָט זיך צעלייגט צו צוויי אין א בעט, ווי עס האָט זיך געמאכט.

און דאָ האָט עס מנחמ'ען א ברי געטאָן אין סאמע אָנהויב
שלאָף און ער האָט זיך אויפגעכאפט. דער קאָפ האָט אים גע־
ברענט. ער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין געלעגער.

אין דער שטילער פראסטיגער נאכט האט זיך געלאזט הערען א רודערען, עס האט זיך וואס א מינוט אלץ געשטארקט און גע־נעהענטערט. ער האט ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער. מיט שטורם און רעש איז אויף דער נאהענטער אייזענבאן־ליניע פאר־בייגעפלויגען א צוג. אלע זיינע וואגאנעס זענען געווען שטארק באלויכטען.

א יום־טוב איז ארומגעפלויגען איבער דער וועלט.

פאראויס איז געפלויגען דער נידעריגער, שווארץ־קוילענדיגער לאקאמאטיוו, א פייערדיגער פערד. און ער האט אויף אים א קוק געגעבען מיט זיינע צוויי קרעפטיגע ליכטער, און מנחם האט מיטאמאל דערזעהען פאר זיך דאס פערדעל מיט'ן אומעטיגען אויגען־גלאנץ פון פארנאכט. נאר דער דאזיגער נאכט־פערד האט אויף אים געקוקט מיט אזויפיל כעס און פייערדיגקייט, ווי א נידעריגע, בייז־סאפענדיגע חיה וואלט אים מיט צארן אויפ־געווארפען:

— זעהסט, א יום טוב איז איצט אויף דער וועלט, א יום טוב... און דורך דער נאכט פייערט ער דורך.... און דו — דו שלאפסט...

א סקרוך איז מנחמ'ען דורך איבער'ן לייב.

און באלד האט עס אין אים אויך א פייער זיך א צינד אן געגעבען.

גיך גיך האט ער זיך אנגעטאן, שטיל זיך פון זיין חדר ארויסגעגנב'עט, כדי נישט אויפצוואועקען די יונגע פרוי, מיט וועלכער ער איז געשלאפען, אין דרויסען האט אים דער פראסט א סמאליע געטאן אין פנים אריין און אים גלייך אפגעפרישט.

ער האט ניט געוואוסט, ווי לאנג ער איז געשלאפען. אים האט זיך אויסגעוויזען, אז ער האט בלויז געכאפט א קורצען דרע־מעל. ער האט זיך דערמאנט, ווי דער איד האט פארנאכט גע־זאגט, אז דאס הויז געפינט זיך בלויז א האלבען מייל פון דאנען, אויפ'ן וועג קיין וואודרידזש.

— א פארמער'ס מייל, — האט ער זיך א זאג געטאן מיט א שמייכעלע — קאן אפילו מיינען גאנצע צוויי מייל. נאר דאך האט עס אים ניט געארט. די נאכט איז געווען קלאר און פרא־

סטיג. ער האָט זיך געפּיהלט דורכגעשלאָפען און אומרואיג. און ער האָט זיך מיט א לעבעדיגען טראָט געלאָזט געהן אין וועג אריין.

ער איז אריבערגעגאנגען דעם אייזענבאן־בריק איבער'ן טייך, און האָט גלייך געזעהן ווי דער וועג בלייבט זיך פאר אים אין דער בלויער נאכט־לופט אריין, פאזע טייך. דאָ און דאָרט שימערען אויף ווייסע שטיינדלעך, שטיקלעך פערלמוטער. גוט, האָט ער זיך געטראכט.

ער איז געגאנגען מיט א שטילען לייכטען טראָט, ווי א הירש וואָס געהט אין דער נאכט נאָך וואסער. דער וועג איז אים גע־לאָפען אקעגען. אין די בערג איז געווען שטיל. פון א ווייטען שפּיץ בארג האָט זיך א פייער געלויכטען, א לאמטערנע וואָס האָט געברענט א גאנצע נאכט. א הונט האָט פון ערגעץ א פאר־הוילענעם טאָל אָנגעהויבען בילען און איז אנשוויגען געוואָרען. דער „גרייוועל" האָט געברושטשעט אונטער די פיס.

און אז מנחם איז אזוי אָפּגעגאנגען אן ערך פון א מייל אנדערהאלבען, האָט ער זיך אָנגעהויבען פיהלען נאָך אומרוהיגער. וואר־זשע איז דאָס הויז? ער זעהט אפילו אין דער טונקעל עט־ליכע הייזער אויף די בערגלאך ביים וועג, אָבער אלע פענסטער זענען דאָרט אויסגעלאָשען. זאָל זיין, אז עס איז שוין שפּעט? אז מען האָט שוין לאנג אָפּגעדאוונט און אפילו אָפּגעגעסען די יום־טוב'דיגע וועטשערע? זאָל זיין, אז עס איז שוין שפּעט אין דער נאכט אריין? דאָס הארץ האָט אים וועה געטאָן ביי די דאָזיגע געדאנקען.

און ווי ער געהט אזוי ווייטער, דערהערט ער געשרייען אין דער פינסטערניש. דער יאָמער איז אים א באקאנטער, א שוין לאנג צוריק געהערטער. ער וואָלט געמאָגט שווערען, אז די קולות ציען זיך פון א הויז ערגעץ דערנעבען, וואו אן עדה אידען דאווענען אין דער חשכ'גיש צווישען די בערג. און ער ווענדט זיינע אויגען רעכטס, און ער ווענדט זיינע אויגען לינקס. נאָר קיין הויז מיט ברענענדיגע פענסטער זעהט ער נים.

און אז ער איז אָפּגעגאנגען נאָך א היבש שטיקעל וועג און האָט דערזעהן, אז אין קיין הויז לייכטען זיך ניט קיין פענסטער, האָט ער זיך מיט א צעבראָכען הארץ געלאָזט געהן צוריק. און אזוי ווי דער וועג איבער די אייזענבאן־שפּאלען איז זעהר א בא־

קוועמער און מען קומט אן מיט אים גיכער, איז ער ארויפגעקראָ־
כען אויף דעם ערד־אָנשיט פון דעם אייזענבאַן־וועג, וועלכער האָט
זיך געהויכט פאזע דעם דאָרפס־וועג, און זיך געלאָזט געהן צוריק
אהיים.

אין מיטען נאכט האָט זיך די יונגע פרוי אויפגעכאפט, ווייל
עס איז איר געווען קאלט. האָט זי מיט פארשלאָפענע אויגען
ארומגענומען דעם מאַן, וועלכער איז געלעגען ביי איר זייט. נאָר
זי האָט ארומגענומען לופט. האָט זי געוואַרט א ווײַלע, און אז
דער מאַן איז אלץ ניט געקומען, האָט זי זיך אויפגעכאפט א דער־
שראָקענע.

און אין א ווײַלע ארום האָט זי געמאכט א גוואַלט און אין
נאָך א ווײַלע ארום האָבען זיך אלע אין הויז אויפגעכאפט. א
דערשראָקענע לאָמפען־ליכטיגקייט האָט אָנגעפילט אלע חדרים.
איצט האָט יעדער איינער געזאָגט, אז ער וואָלט זיך געמעגט
שווערען, אז ער האָט דורכ'ן שלאָף געהערט טריט איבער'ן קאָרי־
דאָר און ווי די דרויסענדיגע הויז־טיר האָט זיך א קלאפ געטאָן.
ער האָט אָבער געמיינט, אז דאָס איז פונ'ם ווינט. אציגדערט
האָבען זיי איינגעזעהן, אז עס איז גאָר ניט געווען פונ'ם ווינט.

און אין נאָך א ווײַלע ארום האָט זיך א קופּע דערשראָקענע,
פון קעלט ציטערנדיגע מענשען, געלאָזט געהן אין דער נאכט אריין
מיט לאמטערנעס אין די הענט. די לאמטערנעס האָבען געשטאָ־
כען די חשכ'ניש מיט הערנער־ליכט.

און אזוי ווי זיי האָבען ניט געוואוסט אויף וועלכען וועג צו
נעמען זיך, האָבען זיי זיך גענומען אויף עטליכע וועגען. האָבען
זיי געבלאָנדזשעט אזוי א שטיק נאכט. און עס איז שוין געווען
העט ווייט אין דער נאכט אריין, ווען זיי האָבען זיך ענדליך גע־
נומען אויפ'ן וועג, וואָס האָט געפירט קיין וואודרידזש,
וועלכע שטעטעל איז אויך באקאנט מיט'ן נאָמען סענטער־
וויל.

און אז זיי זענען אזוי געגאנגען ביי א צוואנציג מינוט, האָ־
בען זיי פון ווייטענס דערזעהן א גרויס הויז, וועלכעס האָט גע־
לויכטען אין דער חשכ'ניש אריין מיט צוויי רייהען ברענענדיגע
פענסטער. זענען זיי צוגעקומען נעהענטער.

דאָס פענסטער־ליכט האָט באַלויכטען אַ שטיק וועג אין דער ברייט. אין דעם קעגענאיבערדיגען שפּוּע פון'ם אייזענבאַן־אָנשיט, האָבען זיי דערזעהן איג'ם ליכט אַ מענשליכען גוף, וועל־כער איז געלעגען אויפ'ן וועג. און אַז זיי האָבען זיך איינגע־בויגען, האָבען זיי דערקענט דעם מענשליכען גוף.

האָט אויסגעבראָכען אַ גרויס יללה און אַ גרויס געוויין. ער איז נאָך געווען אַ יונגער מענש.

פון דער יללה און דעם געוויין האָבען זיך די מענשען אין דעם ליכטיג־פענסטערדיגען הויז אויפגעכאַפּט פון זייער שלאָף און זענען אַרויסגעלאָפען אין דרויסען. האָט מען דעם יונגענמאַן אַריינגעטראָגען צו זיי אין הויז אַריין.

דאָ האָט מען דערזעהן, ווי ער איז אינגאַנצען פאַרבלוטיגט. דער שאַרבען איז זעהר ברייט צעשפּאַלטען, און דער גרויליך־פאַרבלוטיגטער מאַרך מיט די בלויע אָדערלאַך זעהט זיך אַרויס. ער האָט קוים געזשיפּעט.

מען האָט פאַרשטאַנען: געהענדיג איבער די שפּאַלען, האָט ער געמוזט מאַכען אַ צו ברייטען אָדער צו קורצען שפּאַן, זיך אויסגעגליטשט און הינטערוויילעכטס אַרונטערגעפאַלען פון דעם הויכען ערד־אָנשיט. עס איז אָבער געווען אַ חידוש, אַז דאָס זאָל גראָד פּאַסירען לעבען דעם הויז, וואָס איז געווען אַ ג אַ נ צ ע נ אַ כ ט ל י כ ט י ג.

און די מענשען האָבען זיך אַרומגעקליבען אַרום אים און האָבען געוויינט.

עס האָט ניט געוויינט דער איד, — דער באַלעבאָס פון'ם הויז, — די אַלטע אידענע, — די איינציגע אין הויז וועלכע האָט געקענט עברי, — און דער נעגערשער בחור'ל. נאָר זיי זענען דאָך געווען פרעמדע.

און פאַרטאָג, ווען אַ קילע דעמערונג האָט דורכ'ן פענסטער אָנגעהויבען אַריינבלייכען, און דאָס געוויין האָט עטוואָס אויפ־געהערט, האָט מען באַמערקט, ווי ביים גוסס'ן שאָקלען זיך די ליפּען. דער, וואָס האָט זיך איינגעבויגען צו אים, האָט קוים גע־קענט הערען זיינע לעצטע שוואַכע ווערטער:

— וואו־זשע איז עס דאס ליכטיגע הויז ביים וועג? גיכער, גיכער, ס׳ווערט שוין אוונט. ס׳איז שוין צייט צו דאווגען מעריב.

ער האט די דרעש־לאפעטע אין זיין האנט, און ער וועט זיין שייער גוט אויסריייניגען, און וועט זיין ווייץ צונויפנעמען אין שפייכלער אריין, דאס שטרוי אבער וועט ער פארברענען אין איין אומפארלאשענעם פייער.

מתיתיה ג, 12.

כָּרֵת.

א.

ער איז געווען א העברעאישער לערער. נאָר עס איז ניט געווען זיין פּראָפעסיע, וועלכע האָט אים אין א איינעם א מרה־שחורה'דיגען אָוועגט געבראַכט צום באשלוס, צו וועלכען ער איז געקומען. ער האָט פארדינט ארום פינף־און־דרייסיג דאָלאַר א וואָך פון זיין שטעלע אין דער אָרטאָדאָקסישער תלמוד־תורה, אויף וועלכער ער האָט שוין כל ימיו פון אינערציע וועגען זיך גע־האַלטען, הגם ער האָט געוואוסט, אַז די ארבייט, וואָס ער טוט, איז אן ארויסגעוואָרפענע, און דעריבער אן אומווירדיגע. ער פלעגט נאָך אויסער דעם, ווען עס איז אים צו־שווער געווען אויפ'ן געמיט, אָנשרייבען א שיר פאר א העברעאישען וואָכענבלאַט, און קריגען זיבען דאָלאַר שכר פאר זיין טרחה.

עס איז אים אין פרנסה ניט געגאַנגען אזוי שלעכט.

נאָר דאָך האָט ער אָנגענומען דעם באשלוס, אָן וועלכען ער האָט זיך זיין גאַנץ לעבען צוגעזאָגט צו האַלטען. זיין לעבען איז דערפאר געווען אן אומעטיגער, און אן אָנאַזייטיגער.

געשפּראָצט האָט ביי אים דער געדאַנק אין מח שוין א לייג־גערע צייט. ווי א זאָמען אין שוואַרצע ערד־שיכטען, וועלכע די אויבענגעהענדיגע מענשען פיהלען ניט, האָט דער געדאַנק אין דער מח־טונקעלהייט געעגבערט. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך באווייזען, א גלי־ווערימעל אין דער בלויער האַלב־ליכטיגקייט פון א זומער־אָווענט. פלעגט אים דער יונגערמאַן, וואָס איז על־פי־צופאַל געווען א מדריך פון אידישע עלטערנ'ס קינדער אין דעם געהעריגען וועג, מיט'ן האַנט אוועגטרייבען, און עס אַלץ אָפּלייגען אויף שפּעטער.

ווייל עס איז שווער געווען זיך איינמאָל פאר אַלעמאָל דעם וועג אין מיטען איבערצושניידען אויף אייביג.

נאָר איינמאָל — אין שטוב איז גראָד קיינער ניט געווען, א פוסטקייט האָט אין די חדרים געזונגען, און אן איינזאַם־ליכטיגע האָט אויפ'ן טיש דער לאָמפּ געברענט מיט אַ שווייגענדיגען גלאַנץ, און אַן אָוונט־בלויקייט האָט מיט דער פרעמדקייט פון א גרויסער שטאָט דורך די פענסטער אריינגעשמעקט — האָט ער זיך דאַמאָלס גלייך אין פנים אריינגעקוקט, און זיך קאַלט צווישען די ליפּען ארויסגעזייט:

— דו ביזט א פחדן. דו דאַרפסט עס סוף־כל־סוף באַשליסען.

ב.

ער האָט נאָך דערמיטלעבען אָוונט זיך אין די הענט אריינגענומען, און ניט געלאָזט זיך ארויסדרייען. אין שטוב איז געווען שטיל. די לאָמפּען האָבען געלויכטען.

ער האָט זיך געזאָגט:

— מען דאַרף קיין קינדער ניט האָבען. קיינער ניט. דו — אודאי ניט.

עס איז געווען שטיל, און גאָרניט האָט אים געשטערט ווייטער צו שפּינען דעם געדאנק:

— אַ מענש ווערט געבוירען צו ווייטאָג, און צו אומזיסטיגע האָרעוואַניע. צוליב וואָס זשע ב אָ ך א מענשען צום ליידען ברייגנען, און די סומע פון דעם פּיין, דעם וועלטליכען, פאַרגרעסערען?

און אוועקשטופּענדיג פון זיך גלייכגילטיג א גרוי־באַטאָוועלטען גראָב־בלעטערנדיגען בוך, מיט ברייט־ליידיגע קאַנטען, האָט ער זיך איצט דערמאָנט אָן דעם, וואָס ער האָט שוין פון לאַנג־אָן געוואוסט, אז

— די וועלט איז פון אייביג־אָן שלעכט געווען. די דערציילונגען וועגען גוטס און מענשליכקייט, וועלכע זענען אין די אלטע היסטאָרישע ספרים אַרונטערגעצייכענט געוואָרען, זענען בלויז אויסטראַכטונגען פון פּחדנות'דיגע נשמות און שוואַכע הערצער, וועלכע האָבען דעם אמת אין די אויגען ניט געוואָלט קוקען, און אָן אנהאַלט פאַר זיך, און א באַרעכטיגונג פאַר זייער לעבען געוואָלט געפינען. און ניט קוקענדיג אויף די אלע האָפנונגען, וואָס באַ־

בריליענט־גליוויקע ליכט האָבען אויף דער וועלט׳ס צוקונפט גע־לייגט, געהט זי זיך, די וועלט, אַלץ מיט איר אייגענעם אַהן־וועג, און נעמט זיך קנאַפּ צום הארצען די אַלע חשבונות און אויסרעכ־נונגען, וואָס די גוטע און גרויסע לייט האָבען געמאכט וועגען דער וועלט׳ס ענדליכער דערלייזונג, און ווערט, ווי אויף צו־להכעיס, וואָס אַמאָל ערגער.

ער האָט אַלץ אין איין אָטעם גערעדט:

— דו, זרחי, — זרחי איז געווען דער נאָמען פון דעם העברע־אישען לערער, — ווייסט עס דאָך. היינט — צוליב וואָס? עס איז געווען אַן אומפאַרגעבליכער טעות, וואָס די וועלט איז גאָר באַשאַפען געוואָרען. דער יוצר האָט דעם מענשען אין אַ רגע פון מידקייט און פאַרשלאָפענקייט באַשאַפען, האָט ער די אורשטאָפען פאַרביטען, און געגעננגעזעצטע און קריגערישע חומר׳ס צונויפגע־שטעלט. רייסען זיך די מענשען ניט נאָר איינער מיט׳ן אַנדערען, נאָר ווערען אַליין, פון דעם אייביגען אינערליכען קריג, צעריסען.

— דער באַשאַפער האָט שוין לאַנג אויף זיין מלוכה חרטה געהאַט, און פון צייט צו צייט פאַרזוכען געמאַכט אַפּצואַווישען דאָס לעבען פון דער ערד. נאָר די שרעקעדיגע און גאַרנישטדיגע מענשען פלעגען, אין דער אומוויסענדקייט זייערער, אַלעמאָל אָפּ־שרייען די „גזירה“, וואָס וואָלט אין דער אמת׳ן געווען די איינ־ציגע רפואה און דערלייזונג פאַר דער וועלט. אָבער דו, זרחי, ווי אַלע מענשען, וואָס האָבען פונקען יצירה אין זייער מח — ער איז געווען איינער אַליין אין זיין חדר, און האָט זיך דעריבער ניט גע־שעמט דעם העזה׳דיגען געדאַנק אויף יענער זייט ליפּען אַרויסצו־ברענגען — דאַרפסט דיין העברעען חבר, גאָט, צו הילף קומען, און די וועלט צוריק צו איר פאַר־ששת־ימי־בראשית׳דיגען תהו־ובהו ברענגען!

זרחי האָט זיך פאַרטראַכט, און אַ פינגער־קנעכעל זיך גע־ביסען:

— תהו־ובהו? דאַרף מען דען אַ גרעסערען תהו־ובהו, ווי דעם פון לעבען?

און דעריבער האָט דער העבראישער לערער, וועמעס נאָמען עס איז געווען זרחי, געמוזט איצטער, ווען אַרום אים איז געווען שטיל און לאָמפּען־ליכטיג, איינזעהן, אַז דער איינציגער אויסוועג

פאַר א קלוגען מענשען איז, דאָס מענשליכע לעבען צו פאַרקלענע־רען, ביז עס וועט גאָר פאַרשווינדען.

די דאָזיגע מחשבות האָבען זרחי'ן אין יענעם אָוונט מיט זייער אמת'קייט, ווי מיט א קעלט־שוידער דורכגענומען. און די אויגען זיינע זענען גרעסער געוואָרען, און ווייטער. ער האָט זיך געפיהלט אויסגעמאַטערט און זיך געלייגט שלאָפען.

ג.

אויף מאָרגען אָוונט — דער טאָג איז בלויז אן אויסגע־טראַכטער געווען און א חלום עמיצענס, — האָט ער זיינע רעיונות פאַרטגעזעצט.

הפנים, אז עס איז אים גאַנץ שווער געווען צו פיהלען יעדען טאָג פון זיין לעבען, ווי ער געהט אויס און ווערט אלץ ווייניגער און פאַרקלענערט, ווי אן אָפּגעברענט ליכט, און גאָרניט בלייבט הינ־טער אים א צייכען, וואָס זאָל מיט א שטומקייט פון א בלויזען זיין־דאָ אָן אים דערמאָנען. און אין א קרייז פון היימישע וועט שוין קיינער ניט, ביז'ן ענד פון די דורות, וואָס וועט זיך נאָך אזוי לאַנג פאַרשפּעטיגען, דערציילען די שטילע, ווארימע מעשה, אז אמאָל האָט געלעבט א מענש, וואָס איז געווען א העברעאישער לערער, און זיין נאָמען איז געווען זרחי.

האָט ער דעריבער געזוכט היינטיגען אָוונט א נייען אָנשפּאַר פאַר דעם געדאַנק, וואָס האָט אין אים זיין צייטיגקייט דערגרייכט. און האָט זיך אָן נאָך סבות, וואָס זענען א ו י ס ע ר אים גע־לעגען, דערמאָנט.

— אָט, — האָט ער קיל, צו־קיל, מיט דער שטיל־ברענענדי־גער לאָמפּ אויף'ן ווייסבאַשפּרייטען טיש איינגע'טענה'ט, — דאָס אידיישע פאָלק געהט אונטער. עס האָט שוין אזוי לאַנג געלעבט דורך א נס, אויף א דינער האָר. אמת, דאָס איז קיין לעבען ניט געווען, נאָר א גסיסה, א לאַנגע, כאָרכלענדיגע גסיסה, וואָס האָט לייגגער געדויערט, ווי זיין אייגענטליכער, קורץ־געזונטער לעבען. א קורצער לעבען, און א לאַנגע טויט־מאַטערניש. און דאָס דאָזיגע גסיסה־כאָרכלען איז פון פאַלשע אויערען אויפגענומען געוואָרען אלס צייכען פון לעבען, אפילו אלס א סימן פון אויפלעבונג —

כא־כא! אויפלעבונג — הייסט עס, אז דאָס פאָלק איז דאָך י אַ טויט געווען?

— אָבער איצטער, שטילער לאָמפּ מיין איינזאמער, קומט עס ענדליך צו אַ סוף. עס לעבט איצט דורך די יסורים, וואָס פאר׳ן טויט. עס האלט ביים באפרייט ווערען פון זיין לאנגען, פארשאָל־טענעם לעבען, ווייל אייביגער לעבען איז אַ קללה פאר אַ פאָלק אויך, ניט נאָר פאר אן איינציגען מענשען, וועלכער האָט שוין זיך זעלבסט אריבערגעלעבט, און קאָן זיך אויפ׳ן אייגענעם טויט ניט דערוואַרטען.

שווער איז זרחי׳ן געווען ווייטער אין דעמזעלבען אופן צו טראכטען, און ער האָט אַ קאלטע גלאָז־וואסער געמוזט אויסטרינ־קען. דאָס וואסער האָט אין אים אביסעל פרישע לעבעדיגקייט אריינגעגעבען, האָט ער ווייטער כח געהאט פאָרטצוזעצען זיינע טויט־געדאנקען:

— דאָס אידישע פאָלק לעבט איצט דורך אַ שקיעה־צייט, אן אָוועגט, איידער עס קומט אָן די נאכט. די אויפלעבונגס־פונקען, וואָס באווייזען זיך פון צייט צו צייט אין זיינע אויגען, זענען דאָך בלויז קאָנוואולסיעס פון א שטארבענדיגען, די לעצטע אויפפלאמונגען פון אַ דערברענענדיג ליכט.

— אזוי, אזוי.

א ווײַלע האָט זרחי געשוויגען, און נצחונ׳דיג, מיט אַ שטי־לען שמייכעל, האָט ער זיין אָווענטיגען מחשבות־גאנג פאר־ענדיגט:

— אַ קינד פארשטעהט ניט זיין פאָטער, ווייל פרעמד איז שוין איין מענש צום צווייטען. און אַ אידיש קינד פון היינטיגע צייטען, דערהויפּט ביי די יונגע אידען, וואָס פיהלען אזוי זיס־פייניגענדיג זייער אידישקייט, איז נאָך דאָפּעלט־פרעמד זיין פאָטער. זיין שפּראך רעדט ער ניט און ווייס ניט, זיינע געדאנקען פארשטעהט ער ניט, און זיינע חלומות בלייבען אים אייביג־פרעמד. דאָס קינד פון די אידישע עלטערען איז ניט קיין איד. נו, מיר פיהלען זיך דאָך אזוי אויך פרעמד אין דער וועלט, צווישען אונזערע נאָהענטע און שמייכלענדיגע שכנים. היינט צוליב וואָס נאָך אין אונזער אייגען הויז, דעם איינציגען מקלט־פּלאַץ פון אַ

מענשען דורך אלע דורות, אריינברייננגען נ אָ ך פרעמדע, פרעמ־דע פונ׳ם אייגענעם בלוט?

אָט דאָ, אין יענעם שטילען אָווענט, האָט זיך זרחי אָפּגע־שטעלט. און איידער נאָך דער אָווענט איז אין נאַכט אריבער־געגאנגען, און איידער נאָך ער האָט דעם לאָמפּ אויסגעדרייט, האָט ער אָנגענומען דעם באשלוס:

— ער וועט זיין דער לעצטער.

און מער האָט ער וועגען דעם ניט גערעדט, ניט מיט זיך און ניט מיט קיין פרעמדען.

און דעם כרת־גזר אויף זיך האָט ער טיף אין הארצען גע־טראָגען.

ד.

דאָס מיידעל, מיט וועלכער ער האָט מיט א שטיקעל צייט שפּעטער חתונה געהאט, איז געווען פון אן אלטער אריסטאָקראַ־טישער פאמיליע. די מיטגלידער פון דער דאָזיגער פאמיליע האָ־בען פאר לאנגע יאָרען בלויז זיך זעלבסט מיט אייגאנדער מתחתן געווען. די דאָזיגע משפּחה האָט זיך דעריבער, פון גרויסער און שטארק־אָפּגעהיטער בלוט־ריינקייט, געהאלטען אין דעגענערירען און אונטערגעהן. זעלבסטמאָרדען און אָנפאלען פון משוגעת האָ־בען זיך אין די גאָר לעצטע צייטען אין דער משפּחה געטראָפען. און אלע — אָהן ישום אויסערליכע און פאר א זייטיגען מענשען פארשטענדליכע מאָטיווען. גאנץ פּשוט — עס איז זיי די ווי־טאַליטעט, דער חשק צו לעבען, פאמעליך אויסגעגאנגען, פון צופיל אָפּגעאיידעלטקייט.

און דאָס מיידעל, א בלייכ־באַקיגע מיט א פארטונקעלטען און נעפּיל־פארצויגענעם איידעל־גלאנץ אין די שמאָל־לייגליכע אויגען, איז געווען דינ־לייביג און פארפיינערט, און א ריח פון ניט־דהי האָט פון איר אָפּגעגעבען. זי איז געווען אזוי שטיל־קלוג, אזוי אָפּגעטאָקט־פארשפּיצט, אז עס איז געווען וואונדערליך — ניט צום פארשטעהן, ווי אזוי אזא דורכזיכטיג־פאַרצעלאַיענע וואזע וועט ניט צעבראָכען ווערען אונטער מאנסבילשע הענט.

די דאָקטוירים האָבען איר טאקע פארבאָטען צו האָבען קינ־דער, ווייל זי איז געווען שטארק אנעמיש, און אין דעם ביסעל

בלוט אירען האָט זי זי[illegible]טיגט, כדי אויפצוהאַלטען איר ווייס־רויזיגען גוף, וואָס איז געווען ווי א חלום פון א בלייכליכען פאַר־טאָג.

איז עס פאַר זרחי׳ן געווען ווי אָנגעמאָסטען. צו איידעל און צו אינטעלעקטועל איז זי געווען פאַר אזא גראָבער און פרימיטיוו־רויהער, חיה׳דיג־מענשליבער פונקציע, ווי קינדער־האָבען, און קליינע מענשעלאַך כאָוּוען. נו, האָט זרחי געטראַכט, איידעל איז דאָך אויך דאָס פאָלק זיינס, צו אריסטאָקראַטיש־רוחניות׳דיג, מיט צו הויכע ווערט־מאָסען פאַר לעבענס־אויפפירונג, אז עס זאָל קענען ווייטער עקזיסטירען צווישען די ארומרינגלענדיגע אינגערע און געזונט־ווילדערע שכנים.

האָבען זייביידע חתונה געהאַט.

זרחי מיט זיין פרוי האָבען געלעבט צוזאַמען, און אזוי זענען פאַרלאָפען יאָרען.

און דעם חלל פון זייערע טעג האָבען זיי זיך שוין געקליגט אויסצופילען מיט פאַרשידענע באַשעפטיגונגען און שכל׳דיגע פאַרגניגענס.

זיי האָבען געלעבט ווי א סך פון זייערס־גלייכען.

ה.

און איינמאָל האָט עס גערעגענט, ווען זרחי איז געגאַנגען אהיים. ער איז געווען דורכגענעצט און נאַס. איז דאָך עס גאָר־נים. וועט ער קומען אהיים, און זיך אויסטריקענען.

אז ער איז אָבער געקומען אהיים, האָט ער קיינעם נים גע־טראָפען דאָרטען. דאָס ווייב איז אין ערגיץ אוועקגעגאַנגען. איז ער ארומגעגאַנגען א שטיק צייט איבער די פוסטע טונקעלע חדרים, און קיין ליכט נים געוואָלט אָנצינדען, כדי ער זאָל נים דערזעהן די פוסטקייט.

נאָר ביים פענסטער האָט ער זיך אוועקגעשטעלט, און דאָס פנים צוגעקלעפט צום גלאָז.

אין דרויסן האָ געפליוכעט, ווי פון עמערס. גאַנצע פלאַכטעס וואסער האָט זיך געשאָקעלט אין דער לופטען, געטריבען פונ׳ם ווינט. א וואַסערדיגע בייטש האָט אונטערגעאיילט איינגעבויגענ־נאַסע מענשען אהיים.

גענאָסען האָט עם אזוי [illegible]ך פון גאנצע שעה׳ן. טייכלאך האָבען זיך אָנגעהויבען אָנצוקלייבען אויפ׳ן ברוק.

און ווי ער שטעהט אזוי, און עס פליוכעט א גוס־רעגען אין דרויסען, פאלט אים איין, אז ווען ער וואָלט דאָ אין טונקעלען חדר אויסגעגאנגען, וואָלט קיינער וועגען דעם ניט געוואוסט און די וועלט וואָלט זיך ווייטער אזוי אָנגעגאנגען. זיין זכר וועט אָפּ־געמעקט און אָפּגעוואשען ווערען פונ׳ם אייביגען רעגען, וואָס גיסט אויף דער וועלט. א פוסטקייט וועט פארנעמען דעם פלאץ, וואָס ער האָט אויסגעפילט אין דער וועלט. און ביי לאָמפּ־באלויכטענע טישען און אָוועגטליכטיגע חדרים וועט ער קיינמאָל ניט זיצען, אין א יונגערער געשטאלט, און אָן זיך, דעם אמאָליגען, דערמאָנען. קיינמאָל ניט.

און יענע, אויף יענער זייט, זיינע פרעמדע שכנים, וועלען אלעמאָל, ביז׳ן ענד פון אלע דורות, ביי זייערע טישען זיצען. אלעמאָל.

אין אלץ נייערע געשטאלטען.

אָבער זיין נאָמען וועט שוין קיינמאָל ניט דערמאָנט ווערען. קיינמאָל.

ו.

און א גרויס שרעק, א שרעק אין מיטען דער נאכט, איז אים באפאלען. און די טונקעלהייט ארום אים האָט זיך געשטארקט.

די ווענט פון הויז זענען איינגעזונקען געוואָרען, און ער האָט זיך דערפיהלט אין דרויסען. ער פאלט אנידער צום נאַסען ברוק, א מיד־אָפּגעשוואכטער. דאָס אייביגע וואסער דעקט אים צו.

און זרחי האָט דערפיהלט, ווי ער הויבט שוין אָן אָפּצושטאר־בען, און זיך פאנאנדערלייזען אין דער פינסטער. אין קאָפּ האָט אים אויפגעצונדען, און ער האָט אָנגעהויבען שרייען:

— איך וויל ניט! איך וויל ניט! איך וויל נאָך ניט שטארבען!

און אָנגעהויבען ארומלויפען איבער אלע טונקעלע חדרים, אנטלויפענדיג פון א שווייגענדיגען נאָכיאָגער.

האָט ער מיט ציטערנדיג־נערוועזע הענט אלע לאָמפּען אין אלע חדרים אָנגעהויבען אָנצינדען.

אָבער מיט ווילד־צעטומעלטע אויגען האָט ער דערזעהן, ווי זיי לויכטען מיט טונקעל־קאַליע פלעמלאַך, ווי צו אַ יאָרצייט־מעריב און פינקלען אין די קרישטאָלענע גלעזלאַך פון די שענדע־ליערס מיט אַן אומעטיגען גלאַנץ, — דער שיין פון אַ וואַקסענער ליכט אין אַ גלעזעל בלוט.

און דאָ האָט אים נאָך אַ גרעסערע שרעק אָנגעכאַפּט. אַ פלאַמענדיגע איינזאַמקייט האָט ער דערפיהלט אין די פילע ברע־נענדיגע לאָמפּען. עס איז געווען בלייך־שטיל אין די בלוי־ווענטיגע חדרים. און ער האָט זיך אויסגעדוכט ווי אַ מת, וואָס איז פון דער אייגענער מיטה ארונטערגעקראָכען, ווען דער טויטען־שומר איז אויף אַ מינוט, צוליב אַ מענשליכער באַדערפעניש, אין צווייטען חדר ארויס.

און דאָס זענען אַלץ טויטענליכט ארום זיין מטה.

ער האָט אַ הייזעריג־פאַרשטיקטען געשריי געטאָן, און איז צוגעפאַלען צו דער וואַנט.

ווייל אין דער מינוט האָט ער טאַקע דערזעהן אַ וויים־באַצוי־גענע טויטענבעט הייגענדיג אומבאַוועגליך אין דער לופט.

7.

עס האָט אים קוים געסטאַיעט כחות ארויסצוכאַפּען זיך פון דעם שטיל־צוואַנגענדיגען נעץ, געשפּרייט פון די ברענענדיגע לאָמפּען ארום דער וויים־באַצויגענער מטה.

ער איז געלאָפען אָהן אָטעם, מיט ציטערנדיגע איברים און פאַרגליווערטען מח.

אין דעמזעלבען קאָרידאָר האָט געוואוינט זיינע אַ שוועסטער, אַ פאַרהייראַטע. איז ער צו איר אריינגעלאָפען ארויסראַטעווען זיך פון די נעגעל פון דער גרויסער איינזאַמקייט, וועלכע האָט אים דאָס האַרץ געריסען.

ער האָט געמוזט האָבען אַ שרעקליכען פּנים, ווייל זיין שוועסטער האָט ביי זיין אריינקומען אויסגעשריען:

— מיין ברודער, וואָס טוט זיך מיט דיר! דיין פּנים איז דאָך ווי ביי אַ טויטען!

ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער, מיט פאַרמאַכטע אויגען און אַ פּאָר'חלש'טער. מיין פּנים איז ווי ביי אַ טויטען,

האָט ער צו זיך געזאָגט. און מיינע מחשבות זענען פון אַ באַלד־שטאַרבענדיגען.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים קיכ־טיש. דאָ איז געווען היימישער. דער אויוועז איז נאָך געווען הייסלאַך, און אַן אומ־געזעהענע וואַרימקייט האָט פון אים אַרויסגעשטראַלט. „מיין ברודער!“ די צוויי ווערטער האָבען שטיל אין דער לופט געצי־טערט און אים געלאַשצעט.

זיין שוועסטער האָט צו אים גערעדט, זיך נאָכגעפרעגט. ער האָט געענטפערט, נאָר ניט געהערט האָט ער ניט אירע פראַגעס, ניט זיינע ענטפערס. ער האָט געפיהלט אַזוי גוט. אַ חיות׳דיג־קיי האָט זיך אים אין די איברים צעשפּרייט. ער איז געווען אונ־טער אַ דאַך, איבער וועלכען עס האָט זיך געקלאַפּט אַ היימיש־וואַרימער רעגען.

עס איז גוט — — — זיין שוועסטער׳ס אינגעל איז צו אים צוגעגאַנגען — — — ניין. דער שוועסטער׳ס אינגעל איז צו אים ניט צוגעגאַנגען. דאָס האָט זרחי בלויז געוואָלט, אַז ער זאָל צו אים צוגעהן, און זיך צווישען זיינע קני שטעלען. ער איז אָבער ניט געווען, דער שוועסטער׳ס אינגעל.

קליינע אינגלאַך שלאָפען אין דער צייט.

איז ער אריין אין קינדער־חדר. אויפ׳ן ווייטען בעטעל איז דאָס קינד געלעגען און פּאַמעלאַך־גרינג געאָטעמט. די ווענט און די האַלצ־אַרבייט זענען געווען געפאַרבט ווייס. ליאַלקעלאַך און שפּילגעצייג זענען אומעטום געווען אָנגעוואָרפען. זרחי האָט דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזען, און מיט אַ שטיל־טרויעריגען שמייכעל גע־טראַכט, אַז צו דעם האָט ער שוין ניט זוכה געווען. ער האָט שטיל און איידעל באַרירט דאָס קליידעלע פון אַ גרויסער ליאַלקע, פונ׳ם גרויס פון אַ לעבעדיג קינד. פון דער קיך האָט זיין שוועסטער געהערט, ווי ער האָט זיך אין קינדער־צימער עפּעס געפּאָרעט, און זאָכען אומגעוואָרפען. זי האָט געטראַכט וועגען דעם, וואָס איר ברודער איז עפּעס אַזוי מאָדנע, מיט אַ פאַרטראָגען געזיכט און פאַררודערטע געדאַנקען, און איז פעהיג צו טאָן אומדערקלערבאַרע זאַכען.

אָט איצטער האָט זי שוין געהערט, ווי ער איז מיט אַ ראַ־

שיגען קלאפּ פון דער טיר צוריק ארויסגעלאָפּען. קיין גוט־נאכט אפילו האָט ער איר ניט געזאָגט!

ח.

זיין הארץ האָט אין אים זיך געצאפּעלט, ווי א ניט־דערקוילעט עוף. וואנדערן בלוטענדיגע און שוין פּאר א שטיק צייט מיט א פארגעסעניש־הייטעל פארצויגענע, האָבען זיך אין דער נאכט איצט פאנאנדערגעבליט. פלאמען, ווי א רויטער מאָך, זענען אין הארצען אים אויפגעגאנגען. איינזאמקייטס־פייערן האָבען אין מח זיך געגומען גאָלדען. דאָס בלוט האָט אין אים מיט פּיין געברענט.

איצטער איז די צייט. ער האָט געוואוסט, אז עס וועט אים גרינגער ווערען, ווען ער וועט זיין ווייטאָג אויסזינגען.

איז ער אריין אין קאבינעט. זיך געזעצט ביים שרייב־טיש.

א שטיק צייט איז ער אזוי געזעסען און פיבעריש־חשך׳דיג געשריבען. אין דער שטילקייט פון די חדרים האָט זיך געהערט, ווי ער רייסט, מיט גאָר קורצע פּויזען, איין בויגעלע נאָך דעם אנ־דערען פון׳ם שרייב־העפטעל אראָפּ.

מיטאמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און די אויגען מיט משוגעת אויף דער קופּקעלע אָנגעשריבענם אויסגעסטארטשעט. גאָט, דו אויסגעטראכטער, איינציגער און אייביגער! צי דען איז ער בלינד געוואָרען? אָדער האָט ער אפשר פארגעסען איינצו־טונקען די פּען אינ׳ם טינט?

די אָנגעשריבענע בויגעלאך זענען געווען וויים־ליידיג, אומ־באשריבען, ווי די אותיות וואָלטען פון דעם פּאפּיר ארונטער־געפלויגען און ניט־געוואָרען.

מיט א קילענדיגען שרעק אין הארץ האָט ער די פּען אין טינ־טער איינגעטונקט, די אויגען מיט כונה פארמאכט, און מיט פאר־דריקטע אויגען אָנגעהויבען שרייבען. ער האָט זיך געפּיהלט אזוי שוואך, און די פּען איז אים פון האנט ארויסגעפאלען.

האָט ער צוריק אויפגעעפענט די אויגען. אויפ׳ן פּאפּיר פאר אים האָט זיך געשווארצט א קופּקעלע פון עטליכע אותיות.

ער האָט איבערגעלייענט דאָס איינאונאיינציגע וואָרט:

— „ערירי“.

ט.

ער האָט אויף דעם וואָרט געקוקט מיט ליידיגע, ברייט־פאנאנדערגעעפענטע אויגען. האָט זיך געוואונדערט פון וואנען דאָס וואָרט האָט זיך דאָרט געקענט נעמען. בשום אופן האָט ער גלויבען ניט געקענט, אז דאָס האָט ער עס, מיט זיינע אייגענע ווארימע הענט, אָנגעשריבען. דאָס איינציגע וואָרט, וואָס איז שוין יאָ געבוירען געוואָרען ביי אים, איז א מפיל־קינד געווען, אן אָפּגעריסענער, פארדארטער קלאנג.

מיט פארטויבטע, ניט־פיהלענדיגע חושים איז ער א שטיק צייט אין דער נאכט ארומגעגאנגען אין זיין אָפּגעאיינזאמטען קאבינעט . האָט זיך א כאַפּ געטאָן, אז ער האלט אין איין אומ־באוואוסטזיניגען איבער'חזר'ען דאָסזעלביגע וואָרט. עס האָט א טרוקענעם, ברעקעלדיגען קלאנג, ווי פארטריקענטע יעסיענ־בלעטער, וועלכע ווערען געטראָטען אונטער די פיס:

— עריררי—ר—ר—רי—רי—רי—ררררי...

י.

שפעט ביינאכט איז זיין ווייב אהיים געקומען, און אן איי־דעל־פארפיינערטער ריח פון פארפיום און פרויען־לייב האָט אין שטוב פארשמעקט.

זי האָט געפונען אלע לאָמפּען אין די חדרים אָנגעצונדען, ווי צו א יום־טוב. עס איז געווען שטיל און ליכטיג. און די גרויסע שטילע ליכטיגקייט האָט אין דער שפעט־נאכטיגער שעה אויס־געזעהן פרעמד און טראכטעריש.

זי האָט אירע קליידער אויסגעטאָן און אין שלאָפצימער אריינגעקומען, דאָרטען איז אויך געווען שטארק ליכטיג. האָט זי דערזעהן:

אויפ'ן ווייסען פארבעטען געלעגער, א ניט־אויסגעטאָנענער, איז געלעגען אויסגעצויגען די טויט־שווארצע פיגור פון איר מאן, א שטילע אויפ'ן ווייסען בעט. שטארק צום הארצען צוגע־קוועטשט, מיט פארטשעמעטע פינגער, האָט ער געהאלטען א גרויסע ליאלקע, א ליאלקע פונ'ם גרויס פון א לעבעדיג קינד.

— וואו האָט ער די ליאלקע געקראָגען? האָט די פרוי געטראכט.

און אויסגעלאָשען די לאָמפּען.

Resurgam.

אין איינעם פון די ערשטע טעג פונ׳ם חדש סעפטעמבער האָט זיך איבער די טאָלען און די בערגלאַך, וואָס ארום דעם דאָרף אי־דזשיפּט מיללס, געלאָזט הערען אַ שטיל קלינגען.

די פארמערס פון די נאָהענטע און ווייטע פעלדער, וואוהין דאָס קלינגען האָט אינ׳ם קיל־זוניגען פרימאָרגען דערגרייכט, האָ־בען אויף אַ ווײַלע אויפגעהערט ארבייטען. זיי האָבען מיט אַ „והאָאו!" אָפּגעשטעלט די פערד, וואָס זענען געווען איינגעשפּאַנט צום אקער, און מיט פריידיג־באַלויכטענע פּנים׳ער זיך אומגע־דרייט אין דער ריכטונג צו יענעם אָרט, פון וואנען עס האָט זיך געצויגען דאָס קלינגען.

אַ גאנצען זומער האָט מען עס שוין ניט געהערט. און איצט — עס װענדט זיך וואו איינעמ׳ס שייער אָדער פעלד איז געווען. האָבען איניגע טאקע געזעהן מיט זייערע אויפגלאנצענדיגע אויגען דעם הילצערנעם קופּאָל פון דער דאָרפס־שול, אויף אַ ווייטליכען בערגעל. און צו אנדערע האָט ער זיך בלויז פאָרגעשטעלט אין דער קלאָר־קילער לופט.

און אזוי ווי איג׳ם דאָזיגען פרימאָרגען האָבען זיך די פאר־מערס געפונען אליין אין פעלד, ווייל דאָס קליינוואַרג איז אין שול אוועקגעגאנגען און די שטאָטישע ארבייטער האָבען זיך שוין צעפאָרען, האָבען זיי ניט געהאט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצור־ריידען. שווייגענדיג האָבען זיי דאמאָלס אַ גלעט געטאָן די פערד, און ווייטער געאקערט. און נאָך אנדערע האָבען געשטופּט בינט־לאך תבואה אין די דרעש־מאשינען אריין, און פונ׳ם נאָכאנאנד זיך־טרייסלענדיגען און ציטערדיגען מעכאניזם האָבען זיך קליינע קערנדלאך געשאָטען אין די צוגעבונדענע שטויביגע זעק אריין.

אין יענעם פרימאָרגען האָבען פון אַ סך אומגעזעהענע ווינ־קעלאך, פון פארמישע הייזער, וואָס זענען געווען פארהוילען אין

פעלדער און אין טאָלען, זיך געצויגען יונגע קינדער, אָנגעטאָן אין ריינע אָנצוגלאך, מיט ביכער און אַן איינגעפּאַקט אָנבייסען אונ־טער די אָרעמס. אליין און באַזונדער זענען זיי געגאַנגען איבער די זוניגע וועגען, וואָס האָבען זיך געשניטען דורך פעלדער און דורך בערגלאך, און די קינדער האָבען זיך געזונגען, ווער מיט אַ קול און ווער אָהן אַ קול.

זיי האָבען געפּיהלט:

עטוואָס נייעס און פריידיגעס הויבט זיך אָן. דער זומער איז פאַרגאַנגען. אין דרויסען איז עס נאָך ניט צו זעהן, אָבער דאָס געהן אין שול אריין האָט שוין געטראָגען אין זיך דעם שטי־לען אָנזאָג. אין דער וואַרימער זוניגקייט פון דרויסען האָט גע־שמעקט מיט אָפּגעשניטען היי און פריש־אויפגעאַקערטער ערד. די ווילדע וויינטרויבען־בוימער ביים וועג זענען אָקאָרשט צייטיג געוואָרען. די גרינ־שטייפע טרויבען, ווי ניסלאך, זענען ווייך און פול געוואָרען, און טיפ־בלוי . אין דער שטיל דורכזיכטיגער לופט האָט זיך שטאַרק געשפּירט דער ריח פון וויין.

און דאָרטען, וואו די וועגען צו דער מ אַ ס ק ע נ אָ ז אַ אָ ז ע ר ע און צום מ י נ ק ס פּ אַ נ ד בוקען זיך איינע צו דאָס אַנדערע ביי זייער באַגעגניש, האָבען זיך אויך די קינדער, וואָס זענען געקומען דורך פאַרשידענע וועגען, באַגעגענט. פּאָר־לאַך און קופּקעס האָבען זיך צונויפגעשלאָגען. אַ היבש ביסעל פאַר ניין אַ זייגער איז מען שוין פאַר דער פאַרמאַכטער טיר פון דער דאָרפס־שול געשטאַנען. אינגלאַך האָבען זיך דערלאַנגט די הענט. מיידלאַך האָבען זיך ארומגענומען. פאַרשידענע געשיכ־טעס פון׳ם פאַרגאַנגענעם זומער האָבען זיך אָנגעהויבען צו וועבען אין דעם פרימאָרגען. מען האָט זיך דערציילט איינער דעם אַנ־דערען, וואָס מען האָט אויפגעטאָן פאַר׳ן זומער, און געוואַרט אויפ׳ן אָנקומען פון דער לערערין.

און מ אָ ר י ס, דער זוהן פון דעם איינציגען אידישען פאַרמער אין דער געגענד, איז דאָ אויך געוועזען. ער האָט זיך גע־פרעהט ווי די איבעריגע, און נאָך מער, ווייל יעדער איינער האָט געוואוסט, אַז ער האָט שטאַרק געהאָלפען אין דעם צוקלייבען און צוראַמען פון דער שול בשעת די לעצטע צוויי וואָכען. אין גרויסע לעדערנע שטיוועל — עס האָט גראָד געדעגנט דאַמאָלס, און די

וועגן זענען געווען בלאָטיג — איז ער איבער'ן איינציגען היבש־ליכען חדר ארומגעגאנגען, ארונטערגעווישט דעם שפינוועבס פון די ווינקלען, דעם שטויב פון די ביינק, האָט צעשטעלט די שווארצע טאָפלען ביי די ווענט, און געהאָלפען אויפהיינגען די גרויסע געאָגראפישע קארטעס. יאָ, ע ר איז עס געווען, וועלכער האָט צו־געהאלטען דעם עמער מיט קאַלך, אין וועלכען מר. ד ז ש ע ־נ י נ ג ס, דער שול־קאָמיסיאָנער און דער אָנהאַלטער פון נאָך פיר זעהר וויכטיגע עמטער אין דער אדמינסטראציע פון דער שיטער־באַפעלקערטער קאונטי, האָט געטונקט א גרויסע בארשט און געקאַלכט מיט איר די סטעליע און די ווייסע ווענט.

זיין טאַטע, הער ג ר י נ ש ט י י ן, האָט אויך צוגעשטעלט דעם קלענסטען „עסטימייט" אין דעם סקול־באָארד, און עס איז אויף אים געלעגען איצט די פליכט צוצושטעלען האָלץ פאר דער שול דעם גאנצען קומענדיגען ווינטער.

דערווייל איז אָנגעקומען די לערערין אויף א וועלאָסיפעד. זי איז געווען איינגאנצען אָנגעטאָן אין ווייסען. אויפ'ן קאָפּ — א ברייט־ברעגיגער שטרויענער הוט. די קינדער האָבען זי שטיל געגריסט.

באַלד האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פונ'ם שול־גלאָק. ווי אין א שטילער דאָרפס־קירכעלע זענען די קינדער אריינגע־גאנגען און זיך צעזעצט אויף זייערע פלעצער.

דעם גאנצען פאָרמיטאָג האָט מאָרים פלייסיג געארבייט אויף די לעסאָנס אין ספעלינג, אריפמאטיק און געאָגראפיע. דער־הויפּט האָבען זיך ביי מאָרים'ן פאנאנדערגעעפענט די אויגען בעשת דער געאָגראפיע־שטונדע. אזויפיל לענדער, אזויפיל לענ־דער... ער, פון זיין זייט, האָט געוואוסט בלויז פון איין לאנד, פון אמעריקא, דאָס לאנד, וואָס איז געווען זיין לאנד. געבוירען געוואָרען איז ער אין ניו יאָרק, נאָר פון דעם געדענקט ער בלויז א חלום פון א ריי הויכע טורעמס צווישען וואסערען, איינגעווי־קעלט אין א נעבעל, אמאָל א זוניגען און אמאָל א גרויען. אויפ־געהאָדעוועט געוואָרען איז ער אָבער דאָ, צווישען די בערגלאַך און טאָלען פון קינג'ס קאונטי, אין דעם העכערען טייל פונ'ם שטאַט ניו יאָרק, באַזונטע און ליכטיגע בערגלאַך און טאָלען, ווי לענדער אין ערגעץ א מעשה.

נאָכמיטאָג איז ער שוין געוואָרען אַביסעל אומגעדולדיג. ער האָט זיך דערמאַנט, אַז אין מיטען גרויסען פעלד, אויפ'ן בארג ניט ווייט פון זייער הויז, ליגען גרויסע קופּעס טרוקענע צווייגען און קוסטעס, וועלכע דאַרפען נאָך היינט פאַרברענט ווערען.

איידער דער פאָטער האָט זיך געשטעלט אַקערן, האָבען זיי ביידע צונויפגעקליבען אַלע שטיקער פּאַרטריקענטע צווייגען, וועלכע זענען אַרונטערגעפאַלען פון די ביימער אין מיטען פעלד, ווי אויך די קוסטעס און ווילד־גראָז, וואָס זענען דורכ'ן זומער אָנגעוואַקסען ביי דעם פּאַרקאַן. אַ גאַנצען טאָג נאָכאַנאַנד האָט זיי גרינשטיין געשניטען מיט דער קאָסע. מען האָט צונויפגעשאַרט די קופּעס אין מיטען פעלד. מיט זיין אַקעראַייזען האָט גרינשטיין דערוויל געפּאַסט די ערד אַרום און אַרום, אָנהויבענדיג פון די זוימען. וואָס אַמאָל איז ער אַלץ נעהענטער צוגעקומען צו די קופּעס. היינט האָט מען שוין זיי געמוזט פאַרברענען.

האָבען זיך אַרום דריי אַ זייגער אַלע קינדער אַ שפּאַר געטאָן דורך דער שמאָלער טיר פון דער שול, ווי אַ מחנה יונגע הירשען. מען האָט זיך געלאָזט שפּרינגען איבער פעלד, באַרג און טאָל. מאָרים האָט שוין מער ניט געקאָנט איבערבלייבען כדי צו פאַרמאַכען די פענסטער פון דער שול, וואָס ער פלעגט געוועהנליך טאָן. אַ זיסע אומרו האָט אים אַרומגעכאַפּט. די פיס האָבען געביסען פון צופיל זיצען. דורך די זומער־חדשים האָט ער זיך שוין פון דעם אָפּגעוואוינט, און ווי אַ הונט, וועמען דער ווינט האָט פּלוצלונג געבראַכט דעם שפּור פון דער פאַרלאָרענער חיים, האָט ער זיך אַ שאָס געטאָן דורך דער לופט צו זייער פאַרם צו.

אין אַ ווײַלע אַרום, בײַסענדיג אַ לוסטע ברויט מיט „דזשעם", האָט ער זיך שוין קוים דורכגעזעהן דורך דעם רויך פון אַ גרויסען פייער. קופּעסווייז האָט ער אויף די שפּיציגע יונגע אַקסלען געשלעפּט גרויסע צווייגען און זיי געוואָרפען אין פייער אַריין. אַ רויך האָט זיך געלייגט איבער'ן הימעל פון די נאַסליכע בלעטער.

און וואָס מער דאָס פייער האָט געקנאַקט, און אין וואָס מער צווייגען און קוסטעס עס האָט זיך אַריינגעביסען, אַלץ גרעסער איז מאָרים'ס פרייד געוואַקסען, און אַלץ בלישטשענדיגער זענען זיינע אויגען געוואָרען. שטילע פּישטשען האָט זיך געלאָזט הערען פונ'ם פייער אַרויס.

מאַרים האָט געוואוסט, אַז דאָס זענען די קליינינקע פליגעלאַך און אינסעקטען, וועלכע האָבען געהאַט זייער היים אין די צווייגען און אינ׳ם האָלץ. דער פייער האָט זיי געפּאַקט אין מיטען. זיי האָבען שוואַך זיך־בעטענדיג געפּישטשעט.

— זאָלען זיי ברענען — האָט מאַרים פריידיג ארומגעטאַנצט.

— זאָלען זיי ברענען. וועמען אַרט עס? דאָס פעלד וועט שוין אינגיכען אָפּגעליידיגט ווערען פון די צווייגען און ווילד־גראָזען. דער פאָטער וועט אים צואַקערען, דערנאָך וועט מען אים באַשי־טען מיט׳ן דינעם, צוגעטריקענטען הנאַי, און אין אַ ווינטער אַרום וועט עפּעס אויסוואַקסען פון דעם.

און אַז דער פייער האָט זיך געשטאַרקט, האָט זיך מאַרים אין אַ טאַנץ געלאָזט געהן אַרום און אַרום, מיט׳ן קאָפּ אויסגעשטרעקט פאָראויס און אַרונטער, ווי די אינדיאַנער בשעת אַ קריגס־טאַנץ, מיט שטומען געזאַנג, און פרייד, און פייערליכקייט.

אַרום דער צייט איז שוין דער פאָטער אונטערגעקומען מיט קיידי׳ן און דיק׳ן צום עק פעלד, וואו ער האָט זיך געדאַרפט פאַר־קירעווען. ער האָט אָפּגעשטעלט די פערד, אַרויסגענומען די ליול־קע, אָנגעשטאָפּט זי מיט „בול־דיורהעם" און פאַררויכערט. זיין רעכטען פוס האָט ער אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן אַקעראייזען־רוקען, און דעם עלנבויגען — אויפ׳ן פוס.

ער האָט געקוקט אינ׳ם מערב, דורכ׳ן רויך פון דער ליולקע האָט ער געזעהן, ווי די זון דערנענטערט זיך צום אונטערגאַנג. עס איז געוואָרען קילער. די פערד האָבען אָנגעהויבען אונטער־צוציטערען. האָבען שווערליך געטאָפּעט. די אויערן און די קעפּ זענען אַרונטערגעהאַנגען.

אַ קיל־רויטליך ליכט האָט זיך אָנגעהויבען שפּרייטען איבער׳ן לאַנד אַרום און אַרום.

און דאָ האָט ער אַ קוק געגעבען אויפ׳ן אינגעל, זיין זוהן, ווי ער האָט עס געטאַנצט אַרום פייער, ווי אַ ווילדער געצענדינער, איז אים מיטאַמאָל איינגעפאַלען, אַז איצט זענען די לעצטע טעג פון עשרת ימי תשובה. מאָרגען איז ערב יום־כפור, און אַ געפיהל פון פרעמדקייט האָט אים אַרומגענומען צום אַרומיגען פעלד.

דער דאָזיגער גרינשטיין איז אין זיינע יונגע יאָרען געווען אַ

אידיש קינד׳. האָט ער נאָך געדיינקט, ווי פונקט אין דער צייט זענען אין דער היים די בין־הזמנים געווען, מיט א גאָטספאָרכטיג־קייט און אָן אומעט, און דאָ גאָר הויבט זיך ערשט אָן אין דער צייט דער שול־יאָר און די פרייד. די פרייד פון די קינדער, פאר וועמען די ארבייט הויבט זיך ערשט אָן און די פרייד פון די דער־וואקסענע, פאר וועמען די שווערע זומער׳דיגע ארבייט איז שוין אריבער.

— און וואָס ווייס זיין קינד פון דעם, וואָס א אידיש קינד דארף וויסען? אָט איז מאָרגען יום־כפור... און וואָס וועט פון דעם קינד אויסוואקסען? וועט דאָס פיהלען כאָטש א קליין בי־סעלע פון דעם, וואָס א אידיש קינד האָט געוואוסט און געפיהלט אין אזוינע טעג ערשט מיט איין דור צוריק? און איז זיין זוהן גאָר א אידיש קינד?

גרינשטיין האָט די דאָזיגע פראגע שוין ניט איינמאָל גע־שטעלט, און שוין פון לאנג געוואוסט דעם ביטערען ענטפער אויף איר. געוואוסט האָט ער, אז זיין קינד איז אים פרעמד און מיט זיין, גרינשטיינ׳ס, טויט וועט עפּעס אָפּשטארבען אויף אייביג.

ער האָט שטארקער געפיפקעט זיין ליולקע.

איג׳ם קילען סוף־טאָג האָט ער דערפיהלט א סקרוך איבער׳ן לייב ביים געדאנק, אז דאָס קינד פון זיינע לענדען איז אים א פרעמדס, און אז ער האָט זיך דערמאָנט, אז אים איז שוין באַ־שערט אזוי אָפּצולעבען זיינע יאָרען אויף דער פרעמדער ערד און ארויסנ׳ריינגען פון זיך א דור, וועלכער איז אים פרעמד, איז אים נאָך קילער געוואָרען אינ׳ם אָווענט, און פארביסען האָט ער די אונטערשטע ליפּ, ווי ער וואָלט אין זיך א לעבען אויף אייביג איינ־געשלאָסען.

און אז ער האָט ווייטער דערזעהן, ווי זיין זוהן טאנצט עס ארום דעם פייער מיט א פרייד און מיט א זיכערהייט, ווי ער וואָלט ארויסגעקומען פון א שטאַם, וועלכער לעבט שוין דאָ פון דערוויי׳ל אָנגעהויבען שפּרייטען שאָטענס צו מזרח־צו, צו דער צו איז גרינשטיין דערפיהלט א ניט־פארגינערישקייט — און א שנאה.

די בוימער און די שטיינערנע פארקענס ארום פעלד האָבען דורות־לאנג, און וואָלט געווען א טייל פונ׳ם ארומיגען, — האָט

בערגעלדינער געגענד. אויפ׳ן בארג־שפּוע האָבען זיך אָנגעהויבען לויכטען ווייסע הייזלאך אינ׳ם שקיעה־פלאם. גרינשטיין האָט אויסגעשפּאנט דעם פערד פונ׳ם אקער, אריבערגעוואָרפען די פּאַ־סטראמקעס איבער׳ן פערד׳ס רוקען, און זיך געלאָזט געהן צום טויער פונ׳ם פעלד. מאָריס האָט אונטערגעטאנצט הינטער אים. מיט די אויגען האָט ער ארומגענישטערט צווישען די שטיינער, און געזוכט א שלאנגענעסט. אין די הענט האָט ער געהאלטען אן אויטאָמאטיש צוויינגעל, וועלכעס ער פלעגט ווארפען אויף א שלאנגענקאָפּ און עס גלייך אָפּהאקען.

אז זיי זענען ארויסגעגאנגען פונ׳ם פעלד אויפ׳ן וועג אהיים, האָבען זיי א קוק געגעבען אין מערב־זייט. א געשטאלט האָט זיך אויפגעהויבען פון ארויף יענער זייט בערגעל, פונ׳ם טאָל, וואו דאָס הויז איז געשטאנען. די געשטאלט האָט זיך געשווארצט אויפ׳ן בלויען הימעל, ווי א גרויסער בוים וואָלט זיך אויסגעריסעוועט אויפ׳ן בלאָ.

א ווײַלע איז די געשטאלט געשטאנען קעגען הימעל און גע־שווינגען. דערנאָך האָט זיך דער שווארצער בוים אָנגעהויבען באוועגען און זיך דערנעהענטערען צו זיי. איצטער האָט דער ני־דעריגער, ברייטער בוים געהאט שוין א לאנגע, ווייסע באָרד, און איז געווען איינגאנצען באלויכטען פון שקיעה־גלאנצען.

— דער טאטע מוז אודאי געהן דאווענען מנחה אין פעלד, — האָט זיך גרינשטיין א טראכט געטאָן.

און אז זיי האָבען זיך אלע דריי באגעגענט, האָט זיך גרינ־שטיין א ווײַלע אָפּגעשטעלט און ארויפגעלייגט זיין האנט אויפ׳ן פערד.

— פאָרען מיר, הייסט עס, טאטע, מאָרגען גאנץ פרי קיין פּ אָ ק י פּ ס י, איבער יום־כפור.

דער אלטער זעליג האָט אויף דעם גלייך ניט געענטפערט. ער האָט פאמעלעך אומגעפירט זיינע אויגען איבער׳ן ארומיגען לאנד, און געטראכט. דערנאָך האָט ער אָנגעהאנגען זיינע בליקען אויפ׳ן אייניקעל, און באלד נאָכדעם — אויפ׳ן זוהן, מיט׳ן האָרעפּאשנע־צעאקערטען געזיכט און מיט די טונקעלע אויגען, פון וועלכע עס האָט אן אומרוהיגקייט ארויסגעקוקט. עס איז אָבער געווען קענטיג, אז ער זעהט אים ניט.

פאמעליך און מיט ישוב־הדעת האט ער געשאקעלט מיט'ן קאפ הין און צוריק: — ניין מיין זוהן, איך פאר ניט. איך וועל שוין בלייבן דא.

און מיט עטליכע שעה שפעטער, אינ'ם שווייגענדיגען אווענט אויפ'ן לאנד, זענען די דריי געזעסען אויף דער וועראנדע. א טונקעלקייט האט געשפראצט פון די ארומיגע בערגלאך און טאלען. מען האט שוין געהאט אויסגעמאלקען די בהמות. פון דער גראזיגער פינסטערניש, פון די פעלדער, וואו זיי האבען זיך איצט גע־פאשעט, האט זיך געלאזט הערען דער געקלאנג פון זייערע גלעקלאך. דאס קלינגען האט אלע ווײלע איבערגעריסען דעם חלום פונ'ם אווענט. און ווידער איז דער אווענט אנדרימעלט געווארען.

אינ'ם הויז, וואס האט מיט זיינע פענסטער געלויכטען אין דער בערגיגער געגענד אריין, — אן אויג פון דער נאכט, — איז די שנור געשטאנען איבער דעם קרים־סעפאראטאר, און אפגע־טיילט די סמעטענע פון דער מילך.

— פארוואס, טאטע, ועסטו ניט פארען אין שטאט אריין אויף יום־כפור?

א שטיק צייט האבען זיי ביידע געשוויגען. אויפ'ן פארמע־רישען אופן. געפיפקעט די ליולקעס און געווען יעדער פארטראכט אין באזונדערע רעיונות, וועלכע זענען אפשר געווען איינע און ריזעלבע. אומפארשטענדליך און מאדנע האט עס גרינשטיינ'ען אויסגעקוקט דעם טאטענ'ס בלייבען אין דער היים אין אזא טאג.

— איך בין שוין צו־אלט, מיין זוהן, — האט אים ר' זעליג געענטפערט מיט א פייער'ל־גלי פון דער נאכט ארוים. — שווער איז פאר מיינע אלטע ביינער די דאזיגע רייזע אין א וואגען פאר גאנצע פופצען מייל. גאט וועט שוין מיר מוחל זיין. איך האב אים דאך אזא לאנגע צייט אזוי כשר געדינט. ניש'קשה, ער וועט שוין פארשטעהן מיין געמיט.

און נאך א ווײלע שווייגען, האט ער צוגעגעבען:

— אויסער דעם וויל איך ניט איבערלאזען די מאמע אליין אין אזא טאג.

און ביי די ווערטער זענען אלע ווידער אנטשוויגען געווא־רען. די מאמע, ר' זעליג'ס פרוי, איז געווען א לעבעדיגע טויטע,

און ווענען איר האָט מען זעלטען גערעדט. אומהיימליך האָט מען זיך געפּיהלט ביים געדאנק, אז זי איז נאָך צווישען די לעבעדיגע. אין א ווינקעל מח האָט מען די עראינערונג פון איר פארשטופּט, פּונקט ווי זי גופא איז געווען פארשלאָסען אין א חדר פונ'ם משוגעים־הויז, וועלכעס האָט זיך געפונען אויפ'ן שדים־בערגעל, לינקס פונ'ם הויפּטוועג.

נאָך אינ'ם סאמע ערשטען יאָר פון זייער קומען אהערצו אין לאנד, איז זי משוגע געוואָרען. געריררט האָט זי זיך פון מח נאָך דאָרטען. נאָר א פּנים, אז דער שרעק און די גרויל זענען דאָרט אויפ'ן פּלאץ געווען צו־שטארק, אז מען זאָל זיי קאָנען אקוראט באגרייפען. אָבער זיי זענען פּאמעלעך אין איר געוואקסען און צייטיג געוואָרען.

ערשט דאָ, אין דעם רוהיגען בערגיגען געגענד אין ק י נ ג ' ס ק א ו נ ט י, ווען זי איז אין איינעם א טאָג אזוי געגאנגען איבער'ן זאמדיגען וועג און האָט זיך געוואונדערט איבער דער שטיל־קייט און זוניגקייט פון דער געגענד ארום, ווי זי וואָלט פארבלאָנ־דזשעט אין א גן־עדן התחתון, האָט זי פּלוצלונג פאר זיך דערזעהן:

אויף א שפּיץ בארג, אין דער ליכטיגער זוניגקייט, זענען אין א ריי אויסגעשטעלט געווען אירע קינדער, — די צוויי זיהן און דריי טעכטער, וועלכע זענען געשאָכטען געוואָרען אין א צייט פון א פּאָגראָם. קעגען דעם בלויען הימעל, פון וועלכען א היציגע ליכ־טיגקייט האָט געציטערט, זענען איבער זייערע קלאָרע העלזער ריטשקלאך בלוט גערונען.

און די קינדער זענען געווען אירע קינדער.

האָבען זיך די אויגען אירע דאמאָלס שטארק צעעפענט און מער האָבען זיי זיך ניט פארמאכט. אויף איר גאנצען לעבען איז זי פארבליבען מיט אָפען־זעהענדיגע אויגען, און דאָס איז ניט גוט פאר קיין מענשען. האָט מען זי געמוזט פארשפּארען אין א משוגעים־הויז.

איז געבליבען, אז ר' זעליג וועט שוין מאָרגען ניט פאָרען, נאָר דאָ האָט זיך מאָרים צוגעשארט און ארויפגעלייגט די האנט אויף דעם אינגערען גרינשטיינ'ס קני:

— טאטע, אָבער מיך וועסטו דאָך מיטנעמען?

און גרינשטיין האָט אויף אים א קוק געטאָן אין דער פּינ־סטער, און א טראַכט געטאָן:

— צו וואָס? צו וואָס געהערט ד ע ר אהין?

נאָר דער אַלטער זעליג האָט א שלעפּ געטאָן דעם זוהן ביים אַרבעל און אים אויפ׳ן אויער געזאָגט:

— דו נעם אים מיט. זאָל ער עפּעס זעהן! בעסער אזוי. זאָל ער דאָ איננאַנצען ניט פאַרפרעמדט ווערען.

און דער זוהן האָט ברוגז׳דיג־קאַלט מסכים געווען.

און דעם אינגעל האָט זיך שוין א גאַנצע נאַכט געפּלאָנטערט אין קאָפּ די שעהנע שטאָט פּ אָ ק י פּ ס י, וואָס ליגט אויף א באַרג ביים ברעג האָדסאָן, און דער הויכער אייזערנער בריק, וואָס הויערט איבער׳ן טייך, איבער וועלכען זיי דאַרפען אריבערפאָרען, און די ליכטיגע ווייס געפאַרבטע דאַמפּערס, וועלכע גליטשען זיך אויפ׳ן וואַסער פון אָ ל ב א נ י קיין נ י ו ־ י אָ ר ק, און צוריק, אזוי יעדען טאָג דורכ׳ן זומער, ווי זיי וואָלטען געווען ווייסע חלומות פונ׳ם טייך.

און אין דער פריי איז ער אויפגעשטאַנען א ליכטיגער און א פריידיגער, גרייט צו א גרויסען יום־טוב, און האָט זיך ארומגעוואַ־שען מיט קאַלטען וואַסער. אז ער האָט ארויסגעקוקט דורכ׳ן טיר, האָט ער דערזעהן, אז די וועלט איז א נייע.

דערנאָך זענען זיי עטליכע שטונדען געפאָרען אין דער לייכ־טער, צוויי־רעדער׳דיגער „באָגי“, צווישען זונ־באַגאָסענע פעלדער און אין רויט־גראָזיגע טאָלען, פאַרביי ווייסע פאַרם־הייזלאַך און פעלדער, אויף וועלכע מען האָט די לעצטע היי געקאָסעט אָדער צוגעגרייט די ערד פאַר׳ן זייען דעם ווינטער־ווייץ.

די בלעטער זענען געווען רויט, און בלוי, און שאַרלאַך, און פונ׳ם קאָליר פון בוריקעס.

און די ארומיגע גוים האָבען זיך געוואונדערט, וואָס עס איז פאַר א יום־טוב ביי דעם אידען, וואָס ער האָט אוועקגעלייגט די אַרבייט אין אזא „ביזי“ צייט. נאָר א איד איז דאָך אַלעמאָל א מאָדנע־פרעמד באַשעפעניש, וואָס פאַר דעם קאָן מען בלויז דרך־ארץ האָבען אָדער שטאַרק האָבען פיינט, און ערשט קיינמאָל אים

ניט וויסען. האָבען זיי זיך אָפּגעקערט אָן א זייט, אויסגעשפּיגען און ווייטער געאַרבייט.

און אז הערי גרינשטיין מיט זיין זוהן, מאָריס׳ן, האָבען זיך ארום מיטאָג־צייט ארויפגעקאראפּקעט אויפ׳ן לעצטען בארג, פון וואנען עס האָט זיך שוין געזעהן די שטאָט פּ אָ ק י פּ ס י, מיט פאבריק־קוימענס און דעכער, וואָס האָבען געגלאנצט אין דער זון, מיט דעם בלוי־גרינעם טייך אונטען ביים בארג־זוים און די טונקעל־פארראָיבערטע צוגען, וואָס האָבען פּרעליך ארומגעשמייעט, ווי לאנגע, פּיל־גלידערדיגע חיות, — האָט מאָריס׳ן ארומגענומען אזא פרייד, אז ער האָט אזש אָנגעהויבען צו שרייען און צו טאָפּ־טשען מיט די פיס אינ׳ם וועגעלע. אויפ׳ן בארג־שפּוע, צום טייך־צו האָט זיך אויסגעשפּרייט א נייע וועלט, א יום־טוב׳דיגע און א יונג־פריידיגע.

— טאטע — האָט ער אויסגעשריען — זעה!... זעה!... זעה!... ס׳ארא מאָדנע גאָלדענע פויגלען!

אויף די פּארקאנעס פון די ערשטע הייזער האָבען גערוט עט־ליכע „גאָלדענע פינטשעס“, איינגאנצען פון גאָלד, בלויז מיט שווארצע שנעבעלאך און א שווארצען שפּיץ עקעלע. זיי האָבען אָנגעקוקט די וועלט פארווירט, פארבלאָנדזשעטע און זעלטענע פויגלען.

און דער אינגעל האָט געשריען אין גרויסער פרייד.

— זעה טאטע, קוק נאָר אָן, ס׳ארא גאָלדענע פויגלען! פויגלען פון גאָלד!

גרינשטיין אָבער האָט אויף אים א זייטיגען טרויעריגען קוק געגעבען און געפרעגט ביי זיך אין דער שטיל, אויב זיין זוהן דיינקט ניט, אז היינט איז שמחת־תורה.

דער זוהן האָט גאָרנישט געדיינקט. אים איז בלויז געוועזן פריידיג און זוניג.

לאָמיר דאָ איבערלאָזען דעם זוהן און דעם טאטען אין דער קליינער שול פון דער קאָנגרעגיישאָן „תפוצות ישראל“, און זיך אומקערען צום זיידען.

א חלום פון ווייסע פעלדער האָט זיך דורכגעטראָגען אין דער קאַלט־ווערענדיגער לופט.

ביינאַכט האָט מען אין שטוב אונטער די אַריבערגעצויגענע קאָלדרעס געציטערט. אינ׳ם פרימאָרגען האָט מען אין דער קיל פון די חדרים גרויליכע פּאַרעס געלאָזען רעדלען זיך. און אַז מען איז שפּעטער אַרויס אין דרויסען, האָט אַ באַהאַרטע ווייסקייט זיך געשפּרייט אויפ׳ן גראָז.

אויף יענער זייט פון די ווייטליכע ק ע ט ס ק י ל ־ ב ע ר ג האָט דער שניי שוין געוואַרט, אַ ליכטיג־שמייכלענדיגער.

אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט, דער נאַכט פון יום־כפור, האָט דער אַלטער ר׳ זעליג אַ חלום געהאַט, אַ חלום פון ווייסע פעלדער.

ער איז געגאַנגען אַליין איבער אַ באַשנייטען פעלד. ער איז געגאַנגען און געגאַנגען און האָט ניט געזעהן קיין סימן פון קיין בוים, אָדער הויז, אָדער מענשען. ער איז געווען גאָר אַליין אויפ׳ן שנייאיגען פעלד. איז ער מיד געוואָרען, און זיך אַנידערגעזעצט אויפ׳ן שניי. איז ער נאָך מידער געוואָרען און האָט זיך אַנידער־געלייגט. און אַז ס׳איז שוין געווען אַזוי גוט, האָט ער זיך אויס־געצויגען און איינגעשלאָפען, דער שניי האָט אים צוגעדעקט, און אים איז געווען וואַרים.

און מיט חדשים שפּעטער איז די זון אויפגעגאַנגען, און עס איז געוואָרען פרילינג, און אַז די זון האָט שטאַרקער געוואַרימט, איז דער פּלאַץ, וואו ער איז איינגעשלאָפען, אָפּגעדעקט געוואָרען פונ׳ם שניי, — נאָר ער איז שוין דאָרטען ניט געווען. בלויז ציי־כענס פון אַ מענשען האָבען זיך איינגעקריצט אין דער ערד, ווי סמנים פון אַ פאַר׳מבול׳דיגען בוים.

און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, און עס איז געווען אַ חלום.

און אַז ער איז אויפגעשטאַנען אינ׳ם סוף־נאַכט, האָט אים גלייך אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ, אַז דאָס איז זיין לעצטער טאָג.

און וויבאַלד אַז עס איז זיין לעצטער טאָג, האָט ער קיין סך ניט גערעדט, נאָר אַרונטערגעגאַנגען פון בעט, זיך ניט איינגע־וואַשען — עס איז דאָך געווען יום־כפור — און אינ׳ם שיין פונ׳ם לעמפּעל, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט געברענט, האָט ער אָנגעהויבען זאָגען דעם יום תהלים, וואו ער האָט געהאַלטען.

א שטיק צייט האָט ער געזאָגט אַזוי געשמאַק, און אַז עס

איז געקומען צום פּסוק: „אל ההרים אשא עיני, מאין יבוא עזרי...“ האָט ער דורכ׳ן בלייב־ווערענדיגען פענסטער אַרויסגעקוקט אין דרויסען, וואו די פרימאָרגען־דעמערונג האָט געגרויט. אין דער ווייטקייט האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסשיילען די פאַרנעפּעלטע שפּיצען פון די קעטסקיל־בערג. א ווײַלע האָט ער געטראַכט אַזוי, און דערנאָך געפרעגט ביי זיך מיט א שטילען אינווייניגסטען קול:

— וואָס וועט זיין מיט מיין זוהן? און וואָס וועט זיין מיט מיין אייניקעל?

נאָר קיין ענטפער האָט ער ניט געקראָגען. האָט ער ווייטער געזאָגט תהלים פאַר זייערע נשמות, פאַר די נשמות פון די לעבעדיגע.

נאָר אין דער פרי, אז די זון איז אויפגעגאַנגען און דער האָ־ריגער ווייסער שטויב איז פון׳ם גראָז אַנטרונען געוואָרען, איז געוואָרען וואַרימער, האָט זיך דער אַלטער ר׳ זעליג דערפיהלט שטאַרקער און געזינטער, און האָט נאָר פאַרגעסען אָן דעם חלום פון דער לעצטער נאַכט. פאַרקערט, ער האָט זיך נאָך אָנגעהויבען פיהלען פריידיג, ווייל ער האָט געטראַכט פון דעם באַזוך, וואָס ער וועט מאַכען זיין פרוי היינט בייטאָג.

ביים דאַוונען געדאַנק האָט ער זיך אָנגעהויבען פיהלען יום־טוב׳דיג און האָט זיך אָנגעטאָן אין זיינע שענסטע און בעסטע בגדים, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס עס איז געווען יום־כּפּור, ווייל ער האָט מער ניט געוואָלט טרויערען.

און מיט א זיכערען טראָט און א יונגען גלאַנץ אין די אויגען איז ער אַרונטער די טרעפּ און זיך געלאָזט גײן צום הויפּט־שאָסעע, וועלכער שניידט דורך דאָס גאַנצע לאַנד, פון מ ע י ן ביז ס א ן ־ פ ר א נ צ י ס ק א.

אויפ׳ן דאָזיגען הויפּט־שאָסעע, וועלכער איז געווען טונקליך־בלישטשענדיג פון דעם בוימאייל, מיט וועלכען ער ווערט פון צייט צו צייט באַגאָסען, כדי קיין שטויב זאָל זיך אויף אים ניט אויפ־הויבען, איז ער געגאַנגען פאַר שטונדען און שטונדען און האָט זיך אַלץ געוואונדערט, פאַרוואָס ער פיהלט זיך ניט מיד. פיל זאַכען האָט ער אין דעם טאָג איבערגעטראַכט.

געטראַכט האָט ער אויך וועגען זיין זוהן, און האָט גאַנץ גוט

געפּיהלט זיין ביטער האַרץ. און ער האָט אויך געטראַכט וועגן זיין אייניקעל און וועגן זיך, און וועגן זיי אַלעמען. און ווען ער האָט געטראַכט וועגן זיין אייניקעל, איז אים באַפאַלען אַ גע־מישט געפיהל פון פרייד מיט שטילען טרויער.

און ער איז ווייטער געגאַנגען.

ארום מיטאָג־צייט, ווען די זון האָט זיך געשטאַרקט און איז פון איר מזרח'דיגען ווינקעל ביז הויך אינ'ם מיטען־הימעל ארויפ־געקראָפּקעט, איז ר' זעליג אָנגעקומען ביז יענעם אָרט אינ'ם הויפּט־שאָסעע, וואו עס פאַרנעמט זיך דער וועג לינקס צום משוגעים־הויז.

דאָרט, ארום און ארום דעם ציגעל־הויז, האָט ער זיך אַ שטיק צייט געדרייט און אַלץ ארויפגעקוקט צו די ליכטיג־בלאַנקענדיגע שויבען, וועלכע זענען געווען אָפען אין דעם שטיל־הערבסטיגען טאָג אריין.

אויף יענער זייט פון איינעם פון די דאָזיגע פענסטער איז אויף אַ בעט געלעגען זיין ווייב, ביי וועמען די אויגען האָבען זיך פריידיג פאַנאַנדערגעעפּענט פון דער רו און שעהנקייט פונ'ם ארומיגען לאַנד, און איר איז אומגלויבליך־גוט געוואָרען. אין דער אומדערוואַרטעטער און צו־גרויסער פרייד האָט זי אַ בייזען חלום דערזעהן, האָט זי די אויגען שוין מער ניט געקאָנט פאַרמאַכען. אָפען־דערשראָקענע און פאַר'חלומ'ט־ווייטזעהענדיגע זענען זיי ביי איר געבליבען אויף איר גאַנץ לעבען.

ער האָט זיך איצט דאָ ארומגעדרייט, ווי אַ פוינעל קרייזט זיך ארום אַ שטייגעל, וואו עס איז פאַרשפּאַרט די מוטער פון זיינע עופ'לאַך. און דאָ, אז די מיטאָג־זון איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען, האָט זיך אים ווידער דערמאָנט דער חלום פון דער לעצטער נאַכט.

נאָר מאָדנע — ער האָט גאָר קיין וועהטאָג און קיין טרויער ניט געפּיהלט, ווייל ער איז שוין געווען זאַט אין יאָרען און האָט פאַרבראַכט זיין עלטער אַ באַרוהיגטער, אין אַ פרידליכען לאַנד, וואו מענשען זענען געבענשט צו שטאַרבען מיט זייער אייגענעם טויט.

אַן אָפּשייד־בליק האָט ער בלויז ארויפגעהאַנגען אויפ'ן ליכ־טיגען פענסטער, וואָס האָט מיט אַ גרויליכער לופטיגקייט אויפ'ן

טאָג ארויסגעקוקט, אין דער שטיל־בלויער לופט האָבען נאָכאנאנד געטרעשטשעט און געקלונגען די „קריקעטס“, וואָס דאָס איז געווען דער געזאַנג פונ׳ם לאַנד ארום.

און ר׳ זעליג האָט געבעטען גאָט, אז ער זאָל מוחל זיין זיין פרוי, פארוואָס זי איז ניט אימשטאַנד אָפּצוהיטען דעם הייליגען טאָג, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און זאָל אויך מוחל זיין טאָקע אים גופא, ר׳ זעליג בר׳ משה׳ן, פאַרוואָס ער פיהלט זיך גאָרניט אזוי טרויעריג און ציטערדיג־ערפורכטיג אין דעם דאָזיגען טאָג.

— כ׳האָב שוין גענוג, גאָט — האָט ער גערעדט — געטרויערט און געפּייניגט זיך אין מיין לעבען מיט מיין אייגענעם ווילען, אויסער די פילע פּייניגונגען, וואָס פרעמדע האָבען מיר פאַרשאַפט. און איצט איז אויפגעגאַנגען מיין טאָג, א ליכטיגער און א זוניגער, און איך וויל מיר מאכען א יום־טוב. און דער נייער דור, וואָס קומט ארויס פון מיינע און מיין גלייכענ׳ס ליידען, זאָל אויך מאכען א יום־טוב. און לאָמיר פאַרענדיגען אונזערע טעג אין פרייד און אין זוניגקייט, ווייל מיר האָבען שוין צופיל געטרויערט.

אָט אזוי האָט ער גערעדט.

און ער איז ארומגעגאַנגען א גאַנצען זוניגען טאָג איבער די בערג און טאָלען פון דעם פרעמד־שטילען לאַנד און געוואָרפען זיינע בליקען איבער פעלד און וואַלד און אויף די איינציגע פאַרמער־הייזלאַך, וואָס האָבען זיך דאָ און דאָרט געוויזען פונ׳ם גרינעם ארויס. עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט באַקוקט א לאַנד פאַר זיינע קינדער, און ער האָט געזעהן, אז עס איז גוט.

און אז די זון איז קיילעכדיג און רויט געוואָרען, ווי א גרויסער גאָלדענער טאַץ, האָט זיך אָן אַנגענעמע מידיגקייט אים אָנגעהויבען שפּרייטען איבער אַלע אברים. אויפ׳ן וועג אהיים איז ער אריין אין א פּויערשער הייזעל און האָט געבעטען, מען זאָל אים געבען א גלאָז מילך, ווייל ער איז דורשטיג.

און די אומבאַקאַנטע גוי׳ע האָט דעם אַלטען אידען מיט דער לאַנגער שיוואַרער באָרד באַנגעגנט מיט א גאַסטפריינדליכען שמייכעל און פאַרשטאַנען די בקשה, וועלכע ר׳ זעליג האָט אין אידיש ארויסגערעדט און אים געגעבען צו טרינקען.

און ר׳ זעליג האָט געדאנק די פרוי, און גאָט.

און ער האָט זיך מתיר געווען צו טרינקען אום יום־כפור, ווייל ער האָט שוין אין זיין לעבן גאָר א סך געפאסט, און אלע זיינע זינד זענען אים שוין זיכער אין פאַראויס פארגעבען גע־וואָרען.

מיט׳ן פארנאכט איז ער אָנגעקומען אהיים.

מיט די ערשטע מוצאי־יום־כפור׳דיגע שטערען איז ער ארויס אויפ׳ן הויף און מחדש געווען די לבנה. דערנאָך האָט ער אויפ־געזוכט א דריינגעל און אים אָנגעהויבען אריינקלאפּען אין דער ערד אריין, אן אָנהויב פון א סוכה. ער האָט דערפיהלט, ווי א יונגקייט קוואַלט אים אויף אין זיין בלוט. איינזאמע קלעפּ האָ־בען פריידיג אָפּגעהילכט אינ׳ם אָוועגט און אינ׳ם לבנה־ליכט.

ווי ער איז אזוי געשטאנען איינגעבויגען און האָט געקלאפּט מיט דער איבערגעקערטער זייט פונ׳ם האק אין דריינגעל אריין, האָט ער זיך מיישב געווען, אז אפשר איז עס גאָר ניט נויטיג.

איז ער ארויף צו זיך אין חדר און א שטיק צייט געשריבען און זיך די איבערגעבליבענע שווערקייט פון הארצען ארונטער־געשריבען.

און אז די קינדער האָבען זיך פארזאמט צו קומען פון שטאָט, איז ער ארונטערגעגאנגען אויף דער ווערענדע און א בארוהיגטער זיך אריינגעזעצט אין א שאָקעל שטול.

און די מידיגקייט האָט זיך אין אים פארשטארקט, און ער איז איינגעשלאָפען.

און אז דער טאטע מיט׳ן זוהן זענען אין שפּעט־נאכט גע־קומען פון זייער יום־טוב׳דיגער נסיעה, האָבען זיי געפונען ר׳ זעליג׳ן שלאָפענדיג אין זיין שטול.

האָבען זיי אים געפרואווט אויפוועקען, ווייל עס איז שוין געווען שפּעט־נאכט און די לופט איז געווען קאלט, און אז זיי האָבען אים ניט געקאָנט אויפוועקען, האָבען זיי געוואוסט, אז ער איז טויט.

האָבען זיי אויסגעבראָכען אין א גרויס געוויין, ווי דער שטיינער איז אין אזוינע פאלען. און האָבען אים ארויפגעטראָגען אין זיין צימער אריין און אים אויסגעשטרעקט אויפ׳ן בעט.

און מען האָט אָנגעצונדען דעם לאָמפּ, ווייל עס איז דאָ א דין,

אז א פייער דאַרף אַלעמאָל ברענען ביים געלעגער פון א טויטען, האָבען זיי דערזעהן אויפ'ן טיש א שטיק פארשריבען פאַפיר, גע־שריבען אין ר' זעליג'ם דראָבנינקע אותיות'לאַך, האָט דער פאָ־טער ארייגעקוקט אין דעם און דערזעהן, אז דאָס איז א מין בריף צו מאָרים'ן, נאָר אזוי ווי מאָרים האָט ניט געקאָנט לייענען קיין אידיש, איז געשעהן אָט וואָס:

אין דער שפעט־נאכטיגער שעה איז דער פאָטער געזעסען אויף א שטול צווישען דעם בעט פונ'ם טויטען און דעם אינגעל מאָרים, וועלכער האָט פאר אים צוגעהאַלטען דעם לאָמפּ. אינ'ם געלבליכען שיין פון דעם לאָמפּ האָט גרינשטיין געלייענט דעם בריף, וועלכען זיין פאָטער האָט געשריבען צו זיין זוהן. מיט א טרוקען, גלייך און ווייט קול האָט ער אים געלייענט, ווי א זייטי־גער. פון צייט צו צייט בלויז האָט ער א ציטער געטאָן, ווייל די קעלט האָט זיך געשטארקט אין דרויסען.

אָט איז דער בריף:

„מיין קינד,

א גאנצען טאָג בין איך היינט ארומגעגאנגען איבער פעלד און וועג.

די זון האָט שטארק געשיינט. מיין לעבען איז אויפגעקוואָ־לען אין מיר. נאָר איך האָב געפיהלט, אז דאָס איז מיין לעצטער אויפציטער, אז דאָס איז מיין לעצטער טאָג.

איך וועל אינגיכען שטארבען — אויף א פרעמדען לאַנד.

*

מעסערם פלעגען אלעמאָל שניידען מיין הארץ ביים דאָזיגען געדאנק. וואָס איז דער וועהטאָג פון ל ע ב ע ן אויף א פרעמ־דען לאנד אין פארגלייך מיט דעם ש ט א ר ב ע ן אין א פרעמ־דען לאנד? אפילו די לעצטע זוניגע טעג פון מיין לעבען פלעגען איבער דעם פארטונקעלט ווערען.

און אין די פינסטערע נעכט, אליין מיט מיין געדיכטער שווארצקייט, פלעג איך גאָט בעטען, ער זאָל מיינע ביינער אומ־קערען צו יענעם לאַנד, וואו איך, און מיינע עלטערען, און מיינע

עלטערנ'ס עלטערען זענען געבאָרען געוואָרען, און וואו אונזער לעבען איז שוין איצטער געקומען צו א סוף.

דאָס לאנד, וואָס איז פארבליבען מ י י ן לאנד, אויף אייביג און אייביג, ביז מיין לעצטען טאָג.

*

וועג, איז מיר גרינג געוואָרען.

נאָר היינטיגען טאָג, געהענדיג אזוי איבער זוניגען שטעג און

איך האָב געזעהן, אז דאָס לאנד, וואו איך און דו וואוינען,

א י ז דיין לאנד, ו ו ע ט ו ו ע ר ע ן דיין לאנד.

איך וויים, מיין קינד, אז דו וואקסט מיר אוים א פרעמדער, און אז מיין שפראך איז ניט דיין שפראך, מיינע מנהגים זענען ניט דיינע מנהגים, מיין אופן לעבען איז ניט דיין אופן לעבען.

איך וועל דיר פארבלייבען פרעמד. אין בעסטען פאל — א מאָדנער, אָרימער, ווייטער קרוב.

דיין פאָטער וויים עס אויך, דעריבער איז זיין הארץ אזוי בלוטיג און פארוואונדעט, און זיינע אויגען פארטונקעלט, און א שנאה פיהלט ער צו דיין פריידיגקייט.

פארדיינק אים ניט, מיין קינד. ער וויים, אז ער איז דער לעצטער. ער איז אן עקר און ווי א דאָרען אין דער וויסטעניש, וועלכער ווערט פארוויאנעט אָהן א בלאט און אָהן א פרי. זיין לעבען ווערט איבערגעהאקט אויף אייביג.

*

און איך — איך וויים עס דאָך אויך.. און דאָך — איך שטארב שוין איצט א בארוהיגטער, מיט א שטילען הארץ און קלאָרען קאָפּ. און וואָס איז, אז דו וועסט מיר א פרעמדער בלייבען? און וואָס איז, אז דו וועסט מיין שפראך קיינמאָל ניט וויסען? און וואָס איז, אז מיין גאנצער אמאָליגער לעבען און דאָס לעבען פון מיינם גלייכען וועט דיר אויסקוקען, ווי דאָס לעבען פון עפּעס א ווייטען, ווילדען שבט? אָבער א לאנד וועסטו דאָך האָבען, וואו דו וועסט קאָנען ארבייטען און לעבען רוהיג. און פאר ד י י ן פרוי וועט די פרייד זיין א נאטירליכע און א געוועהנליכע זאך, און זי וועט פון דעם ניט משוגע ווערען. און ד י י נ ע זיהן און טעכטער וועלען זיך אין א זוניגען טאָג ניט שווארצען אינ'ם זומער־בלאָ אויף א בארג.

א, ס׳איז גענוג... א דאנק דיר, גאָט... כ׳האָב דערלעבט א גליקליכע עלטער. רו.

*

מיין קינד,

איך זעה א י ב ע ר די אקסלען פון מיין זוהן, דיין טאטען.

איך ווייס, אז דו וואקסט מיר אוים אן אנדערער און א פרעמ־דער, און וועסט זיך אויסמישען מיט די ארומיגע.

נאָר האָב איך דען א הארץ צו פארלאנגען, אז דו זאָלסט בלייבען דערזעלבער, וואָס איך, און פיהלען אויף זיך די פייניגונ־גען און שנאה פון דער גאַרער וועלט?

זאָל שוין זיין גענוג! לאָמיר זיך פרעהען מיט דער פאר־לייגנערונג פון אונזער לעבען, וואָס מיר קריגען, לאָמיר מאכען א יום־טוב א גרויסען אין אונזערע לעצטע טעג.

און איצט איז מיר שוין גוט. דאָ שטארב איך און דאָ הויבסטו אָן לעבען. אין דיר, דורך דיין וויאנענדיגען פאָטער, בין איך ענדליך אָנגעקומען צו א ברעג.

*

איצט שטארב איך מיר רוהיג אויפ׳ן פרעמדען לאנד. וואָס — דאָ איז דאָך פאָרט ווארימער... דאָ וועל איך דאָך זיין באַ־גראָבען, —

אויף ד י י ן לאנד.

דיינע אייניקלעך וועלען מיך דאָך ניט אויסגראָבען פון קבר און ווארפען פאר די הינט, מיין קינד?...

א — — — איך בין שוין מיד טראכטענדיג. ה י י נ ט איז מיר דאָך גוט — איך שטארב — איך וועל אויפשטעהן — אויף דיין לאנד.״



קאלטער טאג ליכט.

קאַלטער טאָגליכט:

אויף די פעלדער פון דזשאַרחזשיא.
צום נייען תאפען.
מענשען איר גוטע.
פאר אונזערע אָריגע ברידער.

אויף די פעלדער פון דזשאָרדזשיאַ

אַ איד איז געגאַנגען ביי דער זייט פון זיין וועגעל אויפ'ן שליאַך וואָס פירט קיין דזשעקסאַנוויל, וואָס אין פלאָרידאַ. דער שליאַך איז געווען אַ זאַמדיגער, האָבען זיך די רעדער אין אים איינגעגראָבען, און דאָס וועגעלע האָט זיך פּאַמעלעך באַוועגט.

איז געווען היים. שפּעט נאָכמיטאָג, און די זון אין פולען ברען. אַ טאָג איז עס אַ ווינטערדיגער, נאָר אויף די ברוינע שטאַמען פון די געלע סאָסנעס פינקעלט זיך אין דער זון דער סאָק, וואָס רינט פון זיי אין דער וואַרימקייט אַרויס, ווי עס טרעפט ביי־טאָג אין דרום. אַ שאָטען אָבער האָבען די ביימער אויפ'ן וועג ניט געוואָרפען, ווייל די זון איז געווען אין מיטען הימעל. דאָס פערדעל באַוועגט זיינע גלאַנציגע היפטען פּאַוואָליע, און דעם אידענ'ס טראַכטונגען ציהען זיך שווער.

אין פאָראויס ציהט זיך דער זאַמדיגער וועג קיין פלאָרידאַ. אויף אַ שיידוועג שטעהט אַ סלופּ, געפאַרבט אין פּאַסען, און אויפ'ן סלופּ איז אָנגעקלאַפּט אַ ברעטעל. אויף דעם זיינען אויסגעמאָלט צוויי הענט פאַרמאַכטע, מיט'ן טייט־פינגער אָפען אין יעדער ריכטונג. איינע צייגט אָן אין דער ריכטונג, אין וועלכער זיין וועגעל שלעפּט זיך, און די אַנדערע אין דער אַנטקעגענגעזעצטער, קיין דזשאָרדזשיאַ.

צפון־צו ציהט זיך דזשאָרדזשיאַ, און דערנאָך דרום־קאַראָליינאַ, און דערנאָך צפון־קאַראָליינאַ, מיט די רויזליכע בוימוואָל־פלאַנצען, ביז מען קומט אָן צו אַ ברייטליכען שיינעם טייך, וואָס איז דער גרעניץ צווישען צפון און דרום, און נאָך אַ קליינעם וויבּ־טערדיגען טאָג'ס רייזע פון יענעם טייך, קומט מען אָן קיין ניו יאָרק, וואו דער איד האָט אַ פרוי מיט קינדער.

האָט זיך דעם אידען פלוצלונג פאַרביינקט נאָך זיי, אין דעם הייסען ביי־טאָג, אליין צווישען די זוניגע זאַמדען. דאָס וועגעל אָנגעלאָדען מיט אַלערליי אַרטיקלען, שניט־סחורות און צעלניק, שלעפּט זיך קיין דרום, נאָר זיין מח, אָנגעלאָדען מיט בייַנקשאַפט, ציהט זיך נאָך נאָרד. דאָס ווייב זעהט ער זעלטען, בלויז איין מאָל

אין יאָר, אויף פּסח, ווען דער פרילינג איז נאָך אַן אייזיגער דאָרטען.

אַלץ צוליב פּרנסה. נ־נ־נאַ.

עס ווערט טונקעלער, עס באַווייזט זיך אַ גרויסע קיילעכ־דיגע זון, אַ קופּערנע, און באַלד איז זי שוין ניטאָ. דעם פאַרנאַכט אין דער דאָזיגער געגענד באַמערקט מען קוים, ווייל איידער דאָס אויג האָט נאָך צייט געהאַט זיך אָפּגעוועגען פון׳ם טאָג, איז עס שוין אָוונט. און אין דער אָוונטיגער טונקעלקייט בלייבען זיך ארוים די פעלדער.

עס איז ווינטער. די תבואות האָט מען שוין לאַנג אַרונטער־גענומען, נאָר עס גרינט זיך נאָך ערגעץ אַן איבערגעלאָזענער פּאַס קאַרטאָפליעס. אויף די איינגעדאַרטע בוימוואָל־שטעקלאַך רויזט זיך נאָך אין דער טונקעלהייט אַ בוימוואָל־בלום. עס טוליעט זיך וואו אין בלייבען זאַמד אַן איבערגעלאָזענע דיניע, אַליין אויף נאַכטלעגער אין פעלד, און עס איז איר אומעטיג.

אָוונט. קיל. ביים זייט וועג ווערען די בוימער געדיכ־טער, און פלויטען בוימערדיגע און טונקעלע הויבען זיך אויף, הוכע פּלויטען פון געלע סאָסנעס און רויט־דעמבעס. פון צווישען די בוימער ארויסלייכטענדיג טרעפט מען אָן וואו אַ פאַרמער׳ם הויז, מיט אַ שטאַל, אַ שפּייכלער, און קלענערע בנינים פון הינ־טען. די פענסטער זענען ליכטיגע, עס זענען דאָרט אָנגעצונדען לאָמפּען, און עס שמעקט אָפּ אין דער טונקעלהייט פון אָוונט מיט היים.

דער איד קוקט פון דרויסען אויף די באַלויכטענ־וואַרימע פענסטער, וואָס זעהען צווישען די ליידיגע פעלדער אויס ווי ניט אמת׳דיגע. עס שוועבט איבער זיי ווען דער שאָטען פון איינעם פון דעם הויזגעזינט, און די שאָטענדיגע געשטאַלטען הינטער די פענסטער פאַרשטאַרקען נאָך די אָפּגעווייטערטקייט און די מעשה־אַרטיגקייט פון די הייזער. אין אַזאַ קילען אָוונט, — טראַכט דער איד, — איז גוט צו זיין מיט דיין הויז־געזינט אין אַ וואַרים באַלויכטען שטיבעל.

דאָ דערמאַנט ער זיך, אַז גראָד היינט איז חנוכה. אָט זענען דאָ גאַנצע משפּחות אין די הייזער צווישען די בוימער, און ער איז אַלעמאָל אין דער פרעמד, ווייט אַוועק פון זיין היים.

העכער טויזענט מײלען װײט פון דעם זאַמד, אױף װעלכען זיין װאָגען סקריפּעט איצט, איז דאָ אַ גרויס פּיל־פענסטערדיג הויז, און פון אַ צאָל פון די פענסטער לײכטען זיך ארום די פייערען פון זיין װאױנונג. ער װאָלט דאָך אויך געקאָנט זיין אין אַזאַ אָװענט ביי אַ לאָמפּ־באַלויכטענעם טיש.

און אין די אלע הײזער דאָ ארום זענען אלע הויזגעזינדען, און נישטאָ קיין איינזאַמער, אָט ווי ער...

דאָס פערד האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס איז מיד. אַ טונקעלערע, גלאַנציגערע שטיק נאַכט, שטעלט אויף אים אָן גרויסע פייכטע אויגען... „באַלעבאָס, בין מיד. דעם גאַנצען הייסען נאָכמיטאָג האָבען מיר אינ׳ם זאַמד געשפּאַנט. איך און דו“.

באַטראַכט זיך דער איד, אַז קיין דירקוויל, װעלען זיי שוין היינט אין אָװענט סיי ווי ניט אָנקומען. דאַרף מען זיך ערגעץ אָפּשטעלען, און בעטען נאַכטלעגער. די חיה וועט זיך אָנקאַרמענען, ער וועט זיך אויסרוען — און באַור צוריק אין וועג אריין.

מיט די אויגען זוכט ער צווישען די הייזער ביים וועג, און וויל טרעפען אין וועלכען הויז מען וועט אַ וואָגלער אויפנעמען גאַסטפריינדליך, ווייל ער וויל זיך אויף קיינעם ניט ארויפצווינגען. פאַרשטעהט זיך, ער וועט אָפּצאָלען. בלויז איבערצונעכטיגען, און האָבער פאַר׳ן פערד. אַ גלאָז טיי אפשר, פאַר אים גופא. און אַ וואָרט אַ פריינדליכס ביים לאָמפּ, פאַר וואָס קיין זאַך איז ניט צו טייער, און עס געדיינקט זיך נאָכדעם לאַנג דורך די נעכט.

פון צווישען די רויטע דעמבעס טונקעלט זיך אין אָווענט אריין אַ הויז, אַ קליינס, פון אַ האַלב־קײלעכדיגע שפּאָלעם, געדעקט מיט שינדלען. אַ פענסטער איז אין ווינקעל־הויז אויסגעבראָכען. קענטיג, אָרימע מענשען וואוינען אין דעם. בעסער אַזוי, טראַכט ער.

עס ווערט אלץ קילער. שוין שפּעט־אָווענט. דאָס פערדעל שטעלט זיך אָפּ ביים גאַניק, נישט וואַרטענדיג אויף קיין „האָר־האָ“. די ביינער טוען אים וועה, צעבראָכען אין גאַנצען, קיין וואונדער נישט. אַ גאַנצען טאָג — — — —

דער איד קלאַפּט אָן מיט׳ן בייטש אין טיר. שנעל עפענט מען זי, ווי מען וואָלט אויף אים געוואַרט. אינ׳ם חשך דערזעהט

ער צוערשט צוויי שורות ווייסע פערעלדיגע ציין, אַ פּאָר גלאַצענ־דיגע ווייסלען. ער גיט זיך ניט ווילענדיג אַ רוק צוריק. אַ נע־גערטע, אַ פול־לייביגע, אַ שווערע נעגערטע שטעהט אין טיר.

און זי:

— וואָס דאַרפט איר, גוטער מענש?

עס איז שוין צו שפּעט. די ווינטער־נעכט אין דרום, און נאָך צווישען ליידיגע פעלדער, זענען קאַלט. און דאָ הויבט אָן צו בלאָזען אַ פייכטער מזרח־ווינט, פונ׳ם אטלאַנטישען אָקעאַן. מען דאַרף אַזש שטאַרקער אָנרוקען דאָס היטעל. אין הויז, וואָס לויכט זיך הינטער איר, איז ווארים און ליכטיג, און אַ פרוי איז אויפ׳ן שוועל.

— ער דאַרף, זאָגט ער, אַ נאַכטלעגער פאַר זיך, און אַ נאַכט־לעגער און האָבער פאַר׳ן פערד.

זי זאָגט, און אירע ציינער שמייכלען אין דער טונקעל, ווי שוים אויף אַ פינסטערען וואַסער:

— נישט אויף אייך האָב איך געוואַרט. נאָר קומט אריין

— איר וועט זיין אָן אָנגעלעגטער גאַסט. עס איז דאָ אַי אַ וואַרי־מער, ווייבער נאַכטלעגער, אַי עסען — מער ווי פאַר צוויי.

דער איד שווייגט, מיט אַ ווייטאָגדיגען געמיט. אריינגע־פאַלען צווישען שוואַרצע. נאָר אַ רחמנות אויפ׳ן פערד — עס האָט שוין שוים אויף די ליפּען, די אויערען הייגנען אים טרויעריג אראָפּ, ער שפּאַנט אים אויס און פירט אים אונטער׳ן אָפּדאַך. די נעגערטע, אונטערקומענדיג מיט אַ לאַמטערנע אין האַנט, דער־לאַנגט אים אַ בייטעל מיט האָבער. עפּעס רעדט זי צו אים, נאָר ער פאַרשטעהט ניט וואָס, ווייל עטוואָס איז ער צעטומעלט.

מילא.

ער געהט נאָך איר אין הויז אריין. דאָס שטיבעל איז אָרים, בלויז צוויי חדרים. ריין אָבער, אויסגעקערט, די גרויסע טאָפּעל־בעט באַצויגען מיט אַ ווייסען איבערדעק. אַ טיר פירט אין צווייטען צימער, אַ טונקעלען. איבער עפּעס גיט דער איד אַ ציטער: מען קאָן נישט פאַרשטעהן, וואָס עס טוט זיך אונטער אַ נעגערישען געזיכט, און וואָסערע געדאַנקען זענען דאָרטען פאַרבאָרגען, בפרט נאָך אויב אויך די מחשבות זענען טונקעלע. נאָר נאָך וויי־ניגער קאָן מען פאַרשטעהן, וואָס עס טוט זיך אונטער אַ ווייסענ׳ס געזיכט.

נאָר זי שמייכעלט און רעדט צו אים פריינדליך. א פרייד איז אין איר בראָנזענעם רייכ־געפאַלדעוועטען לייב אויסגעגאָסען, א פרייד בייצייטענס, וואָס צו איר איז אין דער דאָזיגער קאַלטער נאַכט א מאַן געקומען. ווייל אין אַזאַ נאַכט, און אליין צווישען פעלדער, איז אומעטיג א פרוי אָהן א מאַן. דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס גאָט האָט איר געקאָנט צושיקען אין אזא נאַכט.

אויפ'ן טיש איז אלץ געגרייט, ווי צו א סעודה. אויף א גרויסען פּלומעסעק ליגט א ברוינ־איינגעפּרעגעלטער אינדיק. זיסע קאַרטאָפעל, געפּרעגעלטע, איינגעזויערטע, מאַרינירטע. עס בלייכט זיך אינ'ם לאָמפּליכט די ווייסליכע שטעקעלאך פון דער סעלערי, אָפּגעפרישט מיט וואַסער. שיסעלאך מיט ארבעס, פאַסאָליעס און אָנגעזאַפּטען שפּאַרגעל. עטליכע פּאַס, און ניס, און טאָרטען לרוב.

דער איד זעהט, אַז היינט אָוועגט איז עפּעס א חגא, און נאָך א ווײלע אָנשטרענגען דעם מח, דערמאַנט ער זיך, אַז היינט איז ניטל־נאַכט — קריסטמעס, דאָס געבורט פון גאָט'ס זוהן. און כאָטש ער פאַרברײנגט שוין אַזויפיל יאָרען צווישען גוים האָט אים דאָך א געפיהל פון פרעמדקייט באַפאַלען, וואָס ער פאַר־ברײנגט ניטל־נאַכט אונטער א גוי'אישען דאַך. נאָר ער האָט עס ניט געלאָזען מערקען אויף זיין פּנים. ער האָט געשמייכעלט.

דער טיש איז געגרייט פאַר צוויי, וואַרט דער איד — ער וויים ניט פאַרוואָס, נאָר מיט האַרץ־ציטערניש — אויפ'ן אָנקומען פון איר מאַן. און אַז נאָך א לײנגערע ווײלע, דער מאַן אירער איז ניט געקומען, פרעגט זיך ביי איר דער איד, פאַרוואָס ווײלט ער זיך אַזוי לאַנג, דער מאַן אירער, און לאָזט זיין פרוי אליין וואַרטען אין דער נאַכט.

האָבען זיך דער נעגערטע'ס אויגען אָנגעפילט מיט בלוט, א היץ און א וואָרימקייט האָבען פון איר געשלאָגען, ווי זי וואָלט זיך פאַר עפּעס א שולד אירער פאַרשעמט. אירע ווייסלען האָבען זיך אין דער רויטקייט פון אירע אויגען געקאַלערט. זי ענטפערט:

— דער מאַן מיינער ארבייט אויף א נאָהענטער פּלאַנטאַציע. ער איז אנומעלטען אוועקגעגאַנגען, און איז נאָך אלץ ניט צוריק־געקומען. זי וואַרט אויף אים א גאַנצען אָוועגט יעדען אָוועגט. ער וועט שוין נישט קומען.

מיט א ווארימקייט שטראַלט זי אויף אים אויף, און הויבט אים אָן באַדינען מיט אַלערליי מאכלים. נאָר קיין פליישׁ־זאכען האָט ער ניט געוואָלט עסען. האָט זי אים דערלאנגט רויע פרוכ־טען און אָפּגעקאָכט א טעפּעלע קאַווע. ווייל די פרוי, א שווארצע איז זי געווען, און געוואקסען אין מיטען פעלד, ווי א שווערער בוים, נאָר זי האָט געוואוסט זעהר פיעל פון דעם אידישען גלוי־בען, ווייל נעגער האלטען פון דער ביבעל מער ווי אידען, און ווען זי איז אין שטאָט, געהט זי אין זייער איינגעפאלענער קירך, ביים עק נעגערשען קווארטאל, און זינגט נאָך אלע קירכען־ניגונים. זי האָט דעם הייליגען רעוורענד א סך מאָל געהערט דערציילען וועגען די אידען און זייערע הייליג־פרומע מנהגים.

זי גיט א קול'יגען לאַך, ווי א דונער:

— אַ, יעס... זי וויים. פארוואָס זאָל זי ניט וויסען? אברהם אָבינו, דער אידישער פאָטער, האָט דאָך געהאט א נעגער־שע פרוי, הגר'ן, און מיט איר אפילו א קינד געהאט...

און בלישצעט אויף אים מיט די ווייסלען.

דער איד זאָגט: „יאָ, יאָ, אודאי“, און הויבט זיך אָן פּיה־לען היימישער. אין שטוב איז ווארים. דאָס איינציגע וואָרט „אברהם אָבינו“ זשומעט אין די אָוועטיגע ווינקעלאך מיט א היימישען קלאנג, ווי א וואָרט אין דער שבת־פארנאכטיגער לופט. די שווארצע לייגט אלץ צו שייטלעך האָלץ אויפ'ן קאמין. און קוקענדיג אויף איר ביים שיין פון פייער דוכט זיך אים, די נאכט אליין איז אין שטיבעל אריין זיך אָנווארימען.

אין דרויסען פארשטארקט זיך דער ווינט. מען זעהט דורכ'ן פענסטער, ווי וואָלקענס יאָגען, גרויסע אזוינע, און טונקעלע. מען זעהט בלויז די זוימען, וועלכע זענען ליכטיגער. און דער געדאנק, אז איר מאַן איז פארוואָרפען ערגעץ אין דער פרעמד, ווייט פון דער היים, אָט אזוי ווי ער פון זיין ווייב, מאכט דעם אידען נאָך נעהענטער צו איר.

זי ווערט צו אים צוגעלאָזען, זי דערציילט אים וועגען זיך. אָט די פעלדער, וואָס ציהען זיך הינטער'ן הויז, באוואקסען מיט בוימוואָל־פלאַנצען, געהערען עם איר. און אויך פאסען קאַרטאָפּ־ליעס. מען האָט זיי שוין ארונטערגענומען. און א טייל וואָלד —

ער זעהט דאָרטען די הוילע אָפּגעשיילטע בוימער, וואָס זענען ווי טויט? אָט דאָס זענען בלעק־גאָם בוימער — גוט פאר האָלץ.

זי געהט אויף א ווײַלע ארויס און דער איד בלייבט אליין.

עס ווערט אים אי ווארים, אי ענג ארום האלז, און דאָס הארץ קלאַפּט אים שנעלער. עס פאלט אים איין, אז ער זאָל איינשפּאַנען זיין פערד און וואָגען, און זיך לאָזען פאָרען אין וועג אריין. נאָר אז ער האלט זיך אין אויפשטעלען, עפענט זיך די טיר און דער ווינט בלאָזט זי אריין. א גרויסע, א גופ׳יגע, א שווערע, א שטיק ערד איז פון פעלד ארויסגעריסען געוואָרען און אין שטיבעל פון דער נאכט אריינגעוואָרפען געוואָרען. אין דער האנט האלט זי אַן אומגעוויינליך גרויסען וואָטער־מעלאָן.

— אויף די אייגענע פעלדער געוואקסען, גיט זי א בלישטשע ארויס מיט אירע ווייסע ציינער. ווען עס ווערט קילער, פארלייג איך זיי טיף אין היי, און היט זיי אָפּ, און ווארים זיי. האָט מען פרישע צייטיגע מעלאָנס אין סאמע ווינטער, אויף קריסטמעס אוועגט.

זי צעשניידדט דעם מעלאָן אין צוויי גרויסע העלפט, און לייגט זיי אויף א פּאַלומעסעק ארויף אויפ׳ן טיש.

דער איד אָבער רירט זיך אָן דעם ניט אָן. נאָר עפּעס שעפּטשעט ער צו זיך אין דער שטיל, ווי ער וואָלט א גדר, א מחיצה פון היילינע ווערטער ארום זיך אויפשטעלען, אַן אומגעזעהענעם פלויט. און דאָ דערזעהט די שווארצע,, אז די אויגען פאלען אים צו. ער איז מיד. ער איז שלעפעריג. ער פרעגט ביי איר, וואו קען ער, אַן ערך, דעם קאָפּ צושפארען? —

קוקט זי אויף אים מיט אירע גרויסע ווייסע אויגען, און שמייכעלט עטוואָס פארלעגען. צוערשט גיט זי א קוק אויפ׳ן גרויסען ווייסען טאָפּעלבעט, דערנאָכדעם אויף אים. נאָר אז זי גיט א קוק אויף אים, זעהט זי: זיין פנים איז פארכמורעט. זיינע אויגען זענען געווענדט אין דער ריכטונג צום טונקעלען צימער.

— מסתמא, אָגט ער, וועט זיך שוין דאָרטען געפינען א פּלאַץ פאר מיר? —

נעמט זי אומעטיג ארונטער דעם לאָמפּ פון טיש, געהט אריין

אין צווייטען חדר. פאַרעט זיך דאַרטען א ווײלע און קומט אריין צוריק:

— דאָס געלעגער איז פארטיג, איד. איר קאָנט זיך גערן לייגען שלאָפען, אויב איר זייט מיד.

דער איד, מיט זיינע אויגען צו דער ערד געווענדט, געהט אריין אין טונקעלען חדר.

בלייבט זי איבער אליין ביים טיש.

מיט גרויסע אויגען, באַנאַסענע, קוקט זי אוליפ'ן צעשניטע־נעם, אומבארירטען וואַטערמעלאַן, ווי א גרוים הארץ א צעשני־טענס און אן אויפגעעפענטס. דאָס רויטע זאפטיגע בלוט גיסט זיך פון דעם און בליצט אין דעם ליכט: נאַ, זעה...

און אז אינ'ם טונקעלען צימער דאַרטען איז שטיל, מאכט זי אויך טונקעל דאָ. זאָל אליץ אויפ'ן טיש בלייבען נישט אויפ־געגעסען, גיט זי זיך א ריס ביים לייב! און לייגט זיך שלאָפען.

די ווינטען אין דרויסען האָבען זיך איינגעלייגט און אנט־שלאָפען געוואָרען אין די ווייטע פעלדער. די נאַכט־שטילקייט טראָגט זיך אין שטיבעל אריין. און אין דער שטילער טונקעל־הייט, וואָס אינ'ם שטיבעל ווארפט זיך די גרויסלייביגע פרוי, קייקעלט זיך און קאטשעט זיך אויפ'ן ברייטען בעט, פון שטארקע אומבאפרידיגטע פארלאנגען, און קרעכצט אין דער שטיל.

„וואָס־זשע איז ער דאָס פאר א מענש... גאָר קיין מענש נית. אָדער פיליכט עקעלט עס אים פון מיין שווארץ לייב. וואָס הייסט, א מאנסביל געפינט זיך אונטער איין דאך מיט מיר, און ער זאָל נישט וועלען פיהלען איר נאָהענטקייט הארט לעבען זיך. וואָלט איינער פון אירע ברידער צו איר אליין אין דער נאכט גע־קומען, וואָלט ער שוין אזוי אין צימער נית אוועקגעאנגען נעבטי־גען. נישט אנדערש גאָר, ער איז א פרומער איד, א הייליגער."

ארום איר וויקעלט זיך א שווערער לייביגער ריח, ווי א שטיק צעבראַניעט שווארצע ערד, צעווארימט אין דער פרילינג זון, לאָזט ארוים פון זיך ווארימע פארעס. א צעהיצטע און שווער געפאל־דעוועטע קייקעלט זי זיך פון הייסע באַגערען אויפ'ן ווייסען בעט, אירע גרויסע ווייסלען קרייזען זיך ארום די אויגען, אליין אין דער נאכט, און בעט עפעס אין דער טונקעלהייט. —

גאָט מיינער, עס איז מיר שווער אליין. מיין מאן איז שוין

לאנג אוועקגעאנגען צו דיר, און וועט שוין קיינמאָל מער צוריק־קומען. כ׳האָב א גאנצען אָוועגט געוואַרט אויף א מאן. אליין אין א ווינטערדיגער נאכט צווישען פעלדער. און עס איז נאָך יום־טוב. איז געקומען דער איד. איז ער גאָר קיין מענש ניט? איז ער א הייליגער? גאָט!

און א צעהיצטקייט שלאָגט אָפּ פון איר, א ווארימער וואָל־קען, און די בלוטען אין איר שטראָמען אזוי העפטיג, ווי וואַ־סערען, וואָס גיבען זיך א שפּאר ארוים אין פרילינג. און יעדער אָדער אין איר איז וואך, ווי א סאָווע ביינאכט, און זי הערט זיך איין טאָמער פארנעמט זי א שאָרך, א שאָרך, וואָס זאָל איר אין דער טונקעלהייט פון נאכט און צימער א בשורה אָנזאָגען — — —

ווי גוט עס איז, פיהלט זי, אין אזא קאלטער טונקעלהייט די ווארימקייט פון א מענשען אין זיך אריינגעמען. און א קינד פיליכט פון דעם הייליגען האָבען. איז עס דאָך ניטל־נאכט. קריסטמעס־נאכט. א קינד, א הייליגס, וועט דיר געבוירען ווערען.

עס איז נאָך אַלץ נאכט און טונקעל. די נאכט־שטילקייט באהעפט זיך מיט זיך זעלבסט, און ווערט אָנגעשטרענגטער און שטייפער. אין דעם חדר וואו דער איד שלאָפט איז שטיל. עס דערטראָגט זיך צו זיינע נאָזלעכער דער שארפער, רייצענדיגער ריח, די כוואליע ווארימקייט, וואָס שלאָגט פון וויטען חדר ארוים. ער ליגט שטיל, כדי זי זאָל דיינקען, אז ער איז שווער איינגעשלאָפען. אָבער ער הערט אירע שווערע אומרוהיגע באווע־גונגען. עס שטיקט אים אין האלז, נאָר ער וויל נישט א הוסט טאָן. די שלייפען קלאפּען ווי מיט האמערס. ער דערמאַנט זיך אָן זיינע געדאנקען וועגען דער היים, פון תחילת־אָווענט. עס ציטערט אים, נאָר ער ווייס, אז ער וועט שוין פון דאנען ניט אוועקפאָרען אזא, ווי ער איז געקומען.

אָט הויבט ער זיך אויף פון בעט, א ברענענדיגער, מיט א קלאפּענדיגען הארץ. ער שטעלט אנידער א פוס אויף דער פּאָד־לאָגע. אין צווייטען חדר איז שטיל. ווארפט ער אריין זיין פוס צוריק אין בעט און טוליעט צו דעם הייסען קאָפּ צו דער שויב.

ווי ער קוקט אזוי אין פענסטער, וואָס־זשע זעהט ער דאָרט, אויב ניט זיין פרוי, א רויז־לייביגע אזא און אן ערדלע, און קוקט

אויף אים מיט אירע שטילע אויגען, און טאנצט אזוי ארום צווי־שען די בוימוואָל־שטעקעלאַך, אָט דאָ, און אָט דאָרטען, ווי אַ טאנצענדיגע בוימוואָל־בלום. אין אזא קאלטער נאכט, זי אליין אין טונקעלען פעלד אויף יענער זייט שויב, און ער אליין אין טונ־קעלען חדר אויף דער זייט שויב.

און ווידער פארנעמט ער די ווארימע באוועגונגען פון דער נעגערטע׳ס צימער. אָבער אָט, מיטאמאָל, דערהערט ער אזא שטארק דערמאנענדיג הירזשען — — — דאָס איז זיין פערד. זיין פערד! און די רויז־לייביגע פרוי־בוימוואָלשטעקעלע טאנצט ארום אין דער בלויקייט, און אנטפלעקט איר ווייסקייט, און חנ׳דעלט זיך. און ער גיט זיך אַ ריס פון בעט און גלייך אין דרוי־סען ארויס — — —

אַ מידע און אַ דערשעפטע פון אומפרוכטבארער אויפרעגונג איז די נעגערטע אין צווייטען חדר איינגעשלאָפען, מיט אַ שטילען האָפנונגספולען געדאנק, ווי אַ חלום, אויף אירע גראָבע ליפען:

— פארטאָג, גאָר אין פריהען מאָרגען, וועט זי אויפשטעהן, זיך אריינ׳גנב׳ענען צו אים אין צימער. ביי אים אויפ׳ן געלעגער זיך אנידערזעצען און אים בעטען: זאָל ער צו איר גוט זיין! זי וועט שוין וויסען ווי אים דערפאר צו באלוינען.

אזוי איז זי איינגעשלאָפען. איר גראָבע אונטערשטע ליפ ארונטערהענגענדיג, דאָס מויל אָפען, די גרויסע ציין ווייסען זיך אין דער פינסטער מיט אַ שמייכעל פון דעם גרויסען פאָרשטע־הענדיגען בליק.

— אַ קינד וועט זי מיט דעם פרומען מענשען האָבען. און דאָס קינד וועט נישט זיין אזוי טונקעל, ווי זי, טונקעל ווי די נאכט, נאָר ליכטיגלאך, ווי דער בין־השמשות — — — מאָרגען פריה.

און מאָרגען אין דער פרי האָט זי דער קאלטער פרימאָרגען טאקע געפונען אויף דעם ליידיגען בעט אין צווייטען צימער. זי האָט זיך אליין געקאטשעט אויף אים מיט איר שווערען גוף, גע־קרעכצט און געסאפעט ווי אַ בופעל־אָקס, געריסען די טיכלאך פון די קישענס, געקושט די ליילעכער און דאָס בעטגעוואנט. און דערנאָכדעם האָט אין דער קאלטער פרימאָרגענדעמערונג אויס־געבראָכען איר רעוועדיג געוויין איבער׳ן ליידיגען בעט.

צום נייעם האפען.

פארטאג פלעגט עס פארקומען, יעדען פארטאג. עס איז אזוי לאנג פארגעקומען און אזוי פינקטליך צו דער צייט, ביז וואנען ער האט שוין זעלבסט אנגעהויבען ווארטען אויף דעם מיט דער גרעסטער אומגעדולד, מיט ציטערדיגער האפנונג און אומדערקלערבארען שרעק.

וואס האט עס געזאלט באדייטען?

ווייל געווען איז ער דאך מער ניט, ווי א סטאליער, מענדעל סטאליער, נאך פון דער היים ארויס. דא, אין אמעריקא, איז ער אויך באקאנט געווען מיט'ן נאמען „מענדל דער קארפענטער". ער האט זיך אפגעארבייט זיינע טעג און יארען ביין זיין מלאכה, כשר און ערליך פארדינט זיינע פאר גראשען. איצט האט ער אויף די הענט זיינע שוין מער קיין מאזאליעס ניט געהאט, נאר בערגלאך אזעלכע און אנוואוקסען, ברוינע און געלבליכע אנוואוקסען פון פארהארטעוועטען ווילד-פלייש, ווי אויף פערד'ס קאפיטעס, באצויגען מיט דיקער הויט, ווי קארע, און דער קאפ זיינער, דער מארך, כאטש ער איז ניט געווען אזוי דיק-פארהארטעוועט, ווי די הויט אויף זיינע הענט, איז אבער אויך ניט געווען פון א צוריידעלען שטאף און האט זיך מיט קיין סך פאלדען און קנייטשען ניט אויסגעצייכענט.

פלעגט אין דער פרי דער מארך זיינער האלטען אין איין טראכטען פאר א גאנצער שעה פאראויס, אז ס'איז שוין באלד פינף מינוט צו זיבען, און ער קאן נאך פארשפעטיגען זיין עקספרעסצוג דאון-טאון. בייטאג פלעגט ער טראכטען, וואס איז בעסער און בילינער צו עסען פאר „לאנטש", אזוי, אז עס זאל ניט קאסטען קיין סך און זאל אויך אנטהאלטען אין זיך אלע נויטיגע שפייז-אינגרעדיענטען. פאר'ן שלאף פלעגט ער אנשטעלען דעם וועק-זייגער אויף דער ריכטיגער צייט און אנטשלאפען ווערען נאך איידער ער האט באוויזען זיך גוט צוצודעקען מיט זיין קאלדרע.

פארגעהט אזוי א טאג.

און אין די צווישען-צייטען פלעגט ער, מער פון אלץ, ארביי-

טען. דערנאָך עסען, טרינקען טיי, לייענען א צייטונג, גערן אויף מיטינגען, אמאָל צו א בענעפיט־טעאטער־פאָרשטעלונג — און גאָר־ניט. ער איז געווען צופרידען מיט זיין פלאץ, מיט זיין לעבען, מיט דער וועלט.

און די וועלט — די וועלט האָט ניט געוואוסט, אז ער איז דאָ אויף דער וועלט.

און איצטער — — —

פארטאָג פלעגט עם פאָרקומען, יעדען פארטאָג. שוין א היבש שטיקעל צייט אזוי. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט עם אין אים געוואקסען, אן אומרוהינקייט, אויף צו־להכעים אזא אָנגענעמע, כאָטש זי האָט דאָך אים א שטיק פון נאכט שלאָפען ניט געלאָזט. און גאָר אין שפעט־נאכט, ארום דער דריטער אשמורה, פלעגט זיך די רוהינקייט אין אים פאנאנדערוואקסען, פאנאנדערשפרייטען, אים איננאנצען אָנפילען, ארומכאפען, ווי מיט א געפילדיגער איינ־וויקלאכץ — און ער פלעגט אויפשטעהן.

ער פלעגט מוזען אויפשטעהן. ער האָט זיך דאָך שוין מער ווי איינמאָל איינגעשפארט, זיך אריבערגעצויגען די קאָלדרע איבער'ן קאָפּ, געמאכט אלע אָנשטריינגונגען איינצושלאָפען, זיך פארשטאָפּט די אויערען צום רוף — נאָר אומזיסט. עס האָט גערופען. עס האָט געזונגען אין דער נאכט.

א ווילענלאָזער, ווי א נאכטוואנדלער, פלעגט ער פון בעט ארויסקריכען און צונעצויגען ווערען צום פענסטער. ביים פענסטער פלעגט ער צוקלעפּען זיין פנים צום שויב און מיט ברייט־פאנאנ־דערגעעפענטע, בלינד־זעהענדיגע אויגען ארויסקוקען אין דער נאכט אריין.

ס'איז נאכט, גערדיכט־בלוי, קוים וואָס מען זעהט דעם הימעל ארוים. אינ'ם הימעל — אין איין נאכט א קיילעכדיגע, גאָלדענע מטבעה, און אין אן אנדער נאכט — א פענעציל פון אן אָראנזש. און שטיל אזוי. ער הערט, ווי ס'זינגט.

דער געזאנג דער ווייטער האָט אזוי שטארק געצויגען, אז ער פלעגט דארפען מאכען א גרויסע אָנשטרענגונג, ער זאָל ניט נעמען און ארויסשפאנען גלייך דורכ'ן פענסטער.

און ער האָט געוואוינט אויפ׳ן פינפטען עטאזש.

ניט אנדערש, ווי דינע אומגעזעהענע גאָלדענע אָדער זילבערנע שטריק זענען פון ערגיץ פאַרוואָרפען געוואָרען אויף אים, און האָבען אים געצויגען אהין, פון וואנען זיי זענען פאַרוואָרפען געוואָרען, אומגעזעהענע, גאָלדענע אָדער זילבערנע.

און אז עטליכע נעכט זענען אזוי פאַרלאָפען, איז אים אינגיכען שטום אזוי קלאָר געוואָרען, אז דער פּלאַץ, וואוהין עס ציהט אים, איז ניט קיין אומבאקאנטער. ע ר א י ז ש ו י ן ד אָ ר ט ע ן א מ אָ ל ג ע ו ו ע ן. עס האָט אים בלויז אהין צ ו ר י ק ג ע צ ו י ג ע ן.

און אין נאָך אַ פּאָר נעכט ארום האָט ער שוין געוואוסט די ריכטונג פונ׳ם וועג, אין וועלכער עס ציהט איהם. זיינע אויגען האָבען זיך שוין דאן אומפאַהאַלטליך געפּלאָנטערט אינ׳ם געפלעכט פון פייער און מאסטען־סילועטען אויפ׳ן וואסער, — אויפ׳ן וואַסער, וואָס האָט אין דער טונקעלהייט געשימערירט אויפ׳ן ווייטען זוים פון דרויסען.

דאָס וואסער איז געווען דער ל אָ נ ג א י י ל א נ ד ס א ו נ ד. אַ טונקעלער, אומהיימליכער פּאַס שווארצקייט, דאָ און דאָרט אויפשימערנדיג מיט גאָלדענע שופּען, ווי מיט האלבע אייער־שאָלעכצען. און שיפען האָבען דאָרטען געשוואומען, שיפען מיט קליינע, לויכטענדיגע פענסטער. זיי האָבען אזוי אומהיימליך געוואַלטיג געריסען דאָס האַרץ מיט זייער רוף. שיפען פונ׳ם ניו־דערינגען ניו יאָרק בעי, וועלכע האָבען מיט טויזענטער פענסטער־לאך געפינטעלט אין דער נאכט אריין און פאַרשוואונדען מיט׳ן וואסער ארויס־צו, אויפ׳ן וועג קיין ב ע י ־ ע נ ג ל א נ ד.

בייטאָג, ביי דער ארבייט, פלעגט ער ארומגעהן מיט אינ־זיך פאַרזונקענע אויגען. אן אומהיימליכע דערווייטערטקייט האָט מענדלען אינגאנצען ארומגעכאַפּט. ער האָט אָנגעהויבען אויסצר־ווייכען קוקען מענשען גלייך אין די אויגען אריין, וויייל ער האָט געוואוסט, אז ער באהאלט וואָס פון זיי. ער האָט זיך מורא גע־האט צו דערציילען עס אַ זייטיגען און האָט זיך אויך געשראָקען, טאָמער וועט עס אימיצער פון זיינע אויגען סיי־ווי ארויסלייענען.

יעדע נאכט. יעדע נאכט. ווי ער האָט זיך נאָר שלאָפען גע־לייגט, פלעגט אים אַ חיה׳דיגער שרעק ארומנעמען און אַ האָפנונג,

אז היינטיגע נאכט וועט עס ניט פאסירען. און באלד דארויף פלעגט ער מיט א נאָגענדיגען ציטער דערשפירען, אז אין די טיפ־סטע ווינקעלאך פון זיין נשמה וויל ער, אז עס זאָל יאָ פאסירען. אן אומרוהיגער, א זיך־שלאָגענדיגער מיט דער דעה, א שרעקעדי־גער, ניט־פארשטעהענדיגער, פלעגט ער פארמאטערטערהייט איינ־שלאָפען.

און פארטאָג, ארום דער דריטער אשמורה, פלעגט עס אים א ברי טאָן, ארויסרייסען פון בעט און צושלעפען צום פענסטער. די שיפען, וואָס זיינען ארויף דעם לאָנג איילאנד סאונד געשוואומען, האָבען פאר אים א פייערדיגען וועג גע־צייכענט, א פארטאָגיגען שליאך, אויף וועלכען עס האָט אים מיט אומאָפּהאלטבארע כחות געצויגען. ער האָט זיך אפילו איינמאָל דערזעהן געהענדיג אזוי איבער'ן וואסער, א נאקעטער, אין דער נאכט.

ווער ציינדט עס אים אָן און ברענט אים פאנאנדער יעדען פארטאָג?

ביז וואנען ער האָט אין איין נאכט מער ניט געקאָנט אויס־האלטען. א האלב־אָנגעטונענער איז ער אין דרויסען ארויס־געלאָפען.

גיך־גיך איז ער אין דער ריכטונג צום וואסער געגאנגען, אזוי אז די שטריק, וואָס האָט זיך פון זיין חדר צום ברעג געצויגען, איז וואָס אמאָל קירצער געוואָרען. ער איז דורכגעגאנגען דורך פאר־שלאָפענע, אָפּגעליידיגטע גאסען, צווישען אויסגעלאָשענע מויערענ־קאסטענס. ער איז באלד געווען ביים קליינעם, זייטיגען האפען, אויף דער הונדערט עטליכע דרייסיגסטער גאס, און איז געבליבען דאָרט שטעהן א שטילער און ווארטענדיגער, און זיך געוואונדערט, צו וואָס ער איז געקומען אהער.

דער קליינער פארלעגענער פיער איז געווען כמעט פוסט. אמאָל פלעגען פון דעמזועלבינגען פיער אָפּגעהן שיפען צו א ווייט־ליבען אינזעל אין דעם סטייטען־איילאנד ים־דורכגאנג. נאָר איצ־טער האָבען די שיפען אויפגעהערט צו קורסירען. א פּאָר מאָל דורכ'ן טאָג בלויז פלעגען אָפּגעהן קליינע, פארלאָשענע און ברוי־פענדיגע מאָטאָר־שיפלאך צום שפיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען אויפ'ן נאָהענטען ברעג אויף יענער זייט וואסער.

אן אלטער פארשלאפענער מאטראז האט זיך געפארעט ארום דער קלאדקע און געבריאזגעט מיט די קייטען. גרויסע קאסטענס סחורה זענען געווען אנגעווארפען ארום און ארום. ס'איז געווען קאלט, פארטאגליך, רויה.

פון יענער זייט פיער האט געבלאזען א דורכנעמענדינער, נעזאלצען וואסערדיגער ווינט. און דורך דער פיער־עפענונג צום וואסער־צו האט זיך געזעהן א גרויסע, בייכיגע שיף שטעהן, מיט נעלע, אומעטיג־לויכטענדיגע פענסטער, א גרויסע אויפ'ן וואסער טרומנע. א קילע, א פארגליווערטע. אפילו קיין קנוילען פארע האט זי פון זיך ניט ארויסגעלאזען. אן אויסגעטראכטע, ניט־היגע שיף.

— וואוהין געהט די שיף? — האט מענדעל, אין א געאייל־טער שטים, ווי אן אנטלויפענדיגער גנב, געפרעגט דעם אלטען, איבער־בטל'דיגען מאטראז, וועלכער האט זיך א שאטענדיגער און איינגעבויגענער ארומגעדרייט איבער'ן אפגעלעגענעם פיער אין דעם קאלטען פרימארגען.

— קיין נ י ו ־ ה י י ו ו ע ן — האט זיך א טרוקענער, אויס־געהוילטער ענטפער דערהערט. דער מאטראז האט זיך אפילו אויף אים ניט אומגעקוקט. זיין פנים איז געווען געבויגט צו דער ערד, פארטיפט אין זיין שליחות.

— קיין ניו־הייווען — האט מענדעל איבערגע'חזר'ט אין דער שטיל. אים איז געווארען קיל פונ'ם ענטפער און א סקרוך איז אים א דורך איבער'ן לייב. ער האט געהאט דאס געפיהל, אז ד א ס א י ז ע ס. אויף דעם האט ער עס געווארט זיין גאנץ לעבען, און איצטער דארף ער שוין ווערען רוהיגער.

ער האט זיך געלאזט געהן צום בילעטען־פענסטערל.

נאר באלד האט ער זיך א כאפ געטאן צוריק. וואס איז ער, משוגע געווארען, צי וואס? צוליב וואס וועט ער דאס פארען אין אן אומבאקאנטער שטאט, אין דער שטאט ניו־הייווען, אין וועלכער ער איז אין זיין לעבען ניט געווען? וועמען קען ער דארט און וועמען וויים ער דארט? און וואס וועט ער דארט טאן?

ער האט דריי מאל אויסגעשפיגען און זיך שנעל, אנטלויפענ־דיג, געלאזט געהן צום ארויסגאנג, ווי איינער, וואס כאפט זיך

אויף פון א שרעקליכען חלום און א באנאסענער מיט שוויים, שמייבעלט ער, וואס עס איז מער ניט געווען א חלום.

און די שטילע שיף איז דארט די גאנצע צייט געשטאנען, און געפייערט מיט אלע אירע קיל־רויטע פענסטערלאך אין דער נאכט אריין, און רוהיג געווארט.

און ווי ער האט געהאלטען ביים ארויסגעהן, דערזעהט ער, ווי אויף דער ערד ליגט א פעקעל מארגען־צייטונגען, פרישע, נאך שמעקעדיגע מיט דרוק און פארב. פריער, ווען ער איז אריינגעקור־מען, זענען זיי דארטען ניט געווען. איצטער איז אויך קיינער ניט געשטאנען לעבען זיי. א מאן האט זיי געמוזט ברייגגען און אוועק־געלייגט, זיי זאלען זיך אליין פארקויפען.

א שטיין איז געלעגען אויפ'ן פעקעל.

און ער נעמט ארויס א „ווארלד" און הויבט אן אויטאמאטיש צו לייענען די „וואנטס" — דאס איינציגע, וואס עס איז אים אמאל אויסגעקומען צו לייענען אין דער צייטונג — אז א גרויסע ארבייטס־ביורא זוכט ארבייטער — סטאליארעס, וועלכע זאלען פארען קיין נ י ו ־ ה י י ו ע ן ארבייטען. היגיענישע אר־בייטס־באדינגונגען, הויכער געהאלט און לייכטע ארבייט. רייזע־קאסטען באצאלט.

האט עס אים א לויכט געגעבען אין קאפ. אט, האט ער דאך אן אויסרייד פאר זיך, צוליב וואס צו פארען אהין, וואוהין עס ציהט אים אזוי שטארק. און אפשר איז דאס ניט קיין אויסרייד — אט דאס איז עס טאקע. אט דאס האט עס אים די גאנצע צייט גע־צוינען אין דער אומבאקאנטער שטאט, זיין גליק, זיין פארשפע־מינט גליק געהט ענדליך אויף.

קיין מינוט מער ניט פארלירענדיג, איז ער ווידער צוגעגאנגען צום בילעטען־פענסטערל.

— א בילעט קיין נ י ו ־ ה י י ו ע ן.

נאר דארט איז קיינער ניטא — ליכטיג און פוסט. און אין א ווײַלע ארום, אז ער שטעהט אזוי און ווארט, עפענט זיך דארט, אינ'ם קעמערל, אויף אן אינוויינינגסטע טיר, און עס קומט אריין, ווי פון א וואנט ארויס, דער איינגעבויגענער, עובר־בטל'דיגער מאטראז, דאס איינציגע לעבעדיגע באשעפעניש, אויסער מענדלען,

וואָס האָט זיך דאָ ארומגעדרייט אויפ'ן פיער. ער פארקויפט אים א בילעט שוויינענדיג, נים אויפהויבענדיג אפילו דעם קאָפּ, כדי א קוק צו טאָן אויף אים.

און אין דרויסען, אויפ'ן קאלטען, פליעסקענדיגען וואסער, האָט געווארט אויף אים די שיף, א שטילע, א שוויינענדיגע, א רו־הינע און זיכערע. און געלויכטען האָט זי אין דער סוף־נאכטינער לופט אריין מיט אירע הונדערטער רויטע אויגען.

און שפעטער איז מענדעל סטאָליער געזעסען אין א ווינקעל פון שיף, אַן אומגעדולדיגער, מיט א פריידיגער אומרו אין האר־צען. זיין פאנטאזיע איז פארלאָפען פאָראויס, אין דער אומבאַ־קאַנטער ווייטער שטאָט — „דער נייער האפען" — וואָס ער איז נאָך קיינמאָל אין לעבען דאָרט נים געווען. נאָר איינס האָט ער געוואוסט: אז פאָרען מוז ער אהינצו, אז ער האָט אנדערש נים געקאָנט טאָן, און אז אלץ וועט זיך שוין אויסלאָזען צום גוטען.

דער טאָג האָט גענומען שפּראָצען פון וואסער ארויס. דער גרויער ים האָט זיך גענומען ארויסשיילען פון דער ביינאכטינער שאָלעכץ. ביים אָנבליק פונ'ם פעלד צעשמאָלצענעם פערלמוטער האָט זיך די פרייד אין אים נאָך מער פארשטארקט.

און אז דער טאָג איז שוין אונטערגעוואקסען, א גרויסער פול־צוויינענדיגער בוים פון ליכטיגקייט, און האָט זיך געברייטערט אי־בער דער וועלט ארום, זענען זיי פארבייגעפאָרען די שטאָט ב ר י ד ז ש פּ אָ ר ט, וואָס איז א בריק צו ניו־הייווען. די רו האָט זיך אָנגעהויבען אומקערען צו אים. מיט פרייד און האָפנונג האָבען ארויסגעקוקט די טורעמס, די הויכע הייזער־שפּיצען און די קוימענס פון די פילע וואפען־פאבריקען פון דער שטאָט ב ר י ד ז ש פּ אָ ר ט.

די שיף איז ווייטער געפאָרען, א שוויינענדיגע און שטילע. אלע אירע ליכטער און פענסטערלאַך זענען שוין געווען אויסגעלאָ־שען, ווייל ס'איז געווען גרויסער טאָג. מענדעל האָט אפילו נים געזעהן, אויב אויפ'ן שיף זענען דאָ נאָך פאסאזשירען, אָדער ער איז דאָס בלויז איינער אליין. אים איז עס געווען, ווי אויפ'ן שיף איז קיינער ניטאָ, אויסער דעם איינפאלענדיגען און צעפאלענדיגען מאטראָז — און דעם שיף. אזוי פארטיפט איז ער געווען אין זיך

וואונדערען איבער דער פרייד, וואס עס ווארט אויף אים אין דער אומבאקאנטער שטאט.

עס איז שוין געווען גאר גרויסער טאג, ווען די שיף מיט מענדלען איז אנגעקומען קיין ניו־הייווען. די זון האט געברענט אין מיטען הימעל. די שטאט איז געווען א נייע מיט א סך פיל־פענסטערדיגע און פיל־גארענדיגע הייזער, וועלכע האבען זיך געהויבען ביים ברעג, ווי הויכע טאפאלען.

און א טומעל האט דארט געהערשט און א געפילדער, ווי אין א נייעם לאנד.

אין א פלאץ אין דעם רוישיגען גאסענפלאנטער האט אויף מענדלען געווארט א גרויסע פרייד. זי איז עס געווען, וואס האט אים געשלעפט מיט די אומגעזעהענע גאלדענע אדער זילבערנע שטריק. מענדעל איז נאכגעאנגען מיט א לויכטענדיגען פנים, א ווילענלאזער און א געצוואונגענער.

די אויגען האט ער געהאלטען פארריסען אין דער הויך און ער האט אנגעקוקט מיט גרוים אינטערעס די נייע מויערען, וואס אין דער נייער שטאט, אין וועלכער עס האט אים אזוי שטארק געצויגען יעדען פארטאג, יעדען פארטאג. און אז ער איז אזוי ווייטער געגאנגען, איז א טראמוואי אנגעקומען, האט אים אומגעווארפען און פארגליווערט א זיך־וואונדערענדיגען שמייכעל אויף זיינע עטוואס צעעפענטע ליפען, פון וועלכע א ריטשקעלע בלוט איז גערונען.

דער טאג איז ווייסער געווארען. די זון האט שטארקער געלויכטען. עס איז שוין באלד פיה א זייגער נאכמיטאג.

מענשען איר גוטע.

אין אָוונט איז ביי די דרעל'ס ליכטיג. די עלעקטריש לעמפלאך זענען אויפגעדרייט אין אַלע צימערען, ווייל די מרס. דרעל האָט ליב ליכט, א סך ליכט. דאָס עלעקטרישע ליכט איז בלייכליך־בלוי. פארגיסט די צימערען מיט א שטילען, אומבאַ־וועגליכען און ניט־לעבעדיגען שיין. אז מען זיצט אזוי א ווײלע אין חדר און מען איז שטיל, הויבט זיך אינגיכען אָן דוכטען, אז דאָס ליכט פלייצט עס פאמעליך פון די ווייסע ווענט ארויס, פון דער געקאַלכטער סטעליע, פון די מעבעל. דאָס אָפּגעשטאָרבענע ליכט, וואָס איז דאָ פארבאָרגען אין זיי, ווי אין אַלע זאכען, פלייצט צוריק ארויס ביינאכט.

מען זיצט ביים טיש. ס'איז שוין נאָכ'ן אָוונטברויט. אמאָל איז דאָ אַזויפיל מענשען און אמאָל איז דאָ אזויפיל. היינט אָוונט זענען ביים טיש דאָ דריי מענשען: מר. דרעל, מרס. דרעל און איר ברודער, דן

מרס. דרעל איז פארטיפט אין דורכקוקען א בלאַט. לאַנגע זייט, מיט א סך עמודים געדרוקט אין קלייניגקע אותיות, קורציגקע שורה'לאך. פאר יעדער שורה'לע שטעהט א ציפער.

אין א ווײלע ארום האָט די מרס. דרעל ארויסגעהויבען איר פנים פון צווישען די שורות פונ'ם בלאַטצייטונג ארויס און ארויס־געזאָגט מיט א זיפץ:

— ניטאָ.

דן, וועלכער איז אומגעדולדיג און אָנגעשטריינגט געזעסען די גאנצע צייט אויף זיין שטול, האָט זיך אויפגעהויבען מיט א הויכען רודער. האָט אָנגעהויבען ארומגעהן איבער'ן חדר.

ער האָט אונטערגעפייפט א פּאָפּולער, פרעליך גאסען־לידעל.

די שוועסטער האָט אויף אים א קוק געטאָן מיט פארלאָפּענע כעס'דיגע אויגען. א בלויליכע אָדער איז ארויסגעטראָטען אין דער גאנצער ברייט פון איר שטערען.

— שטיינערנע הארץ, — האָט זי אים צוגעוואָרפען. —

וואָלט עס אים גאָר געאַרט! אז ס'איז גאָר קיין מענש ניט. דאָך איינגען פלייש און בלוט!

דער ברודער שטעלט זיך אָפּ און קוקט זי שנעל אָן:

— נו, וואָס ווילסטו... זייערע נעמען זענען דאָך אין דער ליסט ניטאָ... הייסט עס, אז דערווייל האָט מיט זיי גאָרניט פּאַסירט!

— יאָ, — ענטפערט מרס. דרעל אויפגערעגט און דערשלאָ-גען. — אָבער...

און מער האָט זי ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגען.

נאָר א צעשרויפטע און דערצאָרענטע האָט זי אין א פּאָר מי-נוטען ארום ווידער אויפגעשריען:

— ווי איז עס אָבער א מענש אזוי הארט!... דו קוקסט דאָך אפילו קיינמאָל אין די צייטונגען ניט אריין... פאָלגסט ניט נאָך די ליסטען!

דן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטען א שפּאַן. האָט אפילו דעם קאָפּ ניט אומגעדרייט אויף צוריק.

— צו וואָס? — האָט ער געזאָגט שטיל.

— און ווי איז, אז זיי זענען דאָרט אלע אויסגע'הרג'עט?

— איז וואָס וועלען מיר טאָן? — זאָגט ער ווייטער שטיל.

— און אז די ווילדע הידראַמאַקען האָבען דאָניע'ן דאָרט גע-שענדעט?... — צישעט מרס. דרעל ווי א שלאַנג און שפּריצט פייערלאך פון די אויגען.

— איז וואָס וועלען מיר טאָן? — זאָגט דן ווייטער ארויס אין דער שטיל.

האָט מרס. דרעל שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטען, ווייל עס איז דאָך שווער צו האָבען א ברודער, וואָס איז אזא אוממענש, איז זי מיט א געוויין און כליפּעניש אַ ויסגעלאָפען פון עס-צימער, אריינגעלאָפען אין שלאָף-חדר, וואו זי האָט זיך א וואָרף געטאָן אויפ'ן בעט, א כליפּענדיגע.

מר. דרעל, דער מאַן, כאָטש א זייטיגער, נאָר א מענש איז ער דאָך געווען, האָט ער דאָך געזעהן, ווי זי ליידט און מוטשעט זיך שוין אזויפיל טעג און נעכט, איז אזוי אומרוהיג און נערוועז, אז דער הויז-דאָקטאָר האָט איר געראָטען, זי זאָל, למען-השם, טרינ-קען כאָטש צוויי מאָל א טאָג דעם אנטי-נערוועזישען און אנטי-

ספאזמאָדישען וויבורנום קאָמפאונד, האָט ער צוגעוואָרפען א בייזליך און אומצופרידענעם בליק אין זיין שוואָגער׳ס זייט און איז אויך דעמאָנסטראַטיוו ארוים.

איז דן געבליבען אליין. האָט ער ווידער אָנגעהויבען פייפען דאָס פּאָפּולערע גאסען-לידעל און איז ארוים אין גאס.

— מען דארף געהן ערגיץ אין א וואָדעוויל — האָט ער זיך שטיל א זאָג געטאָן.

אָט אזוי פלעגט ער טאקע טאָן לעצטענס: געהן אין וואָדעוויל, בורלעסק, מוזיק-האָלס, ביליגע מואווינג פיקטשורס און איז געווען אין די דאָזיגע טעג פרעליכער, ווי אין וועלכע ניט איז אַנדערע טעג פון זיין לעבען.

אויסער איין אָוועגט, ווען ער איז געוואָרען גאָר דערדריקט און א פוסטקייט און ליידיגקייט האָט אָנגעפילט זיין גאנצע אינוויינינקייט.

דאָס איז געווען אין יענעם אָוועגט, ווען מרס. דרעל האָט פּלוצלונג, ווי אן אונטערגעזעגטער בוים, א פאַל געטאָן אויפ׳ן דיל און נאָכגעשלעפּט א בלאַטציייטונג מיט זיך. האָט די צייטונג זי איינגאנצען באדעקט, ווי א מת מיט א טוך.

זי איז אָבער ניט געווען געשטאָרבען. מען האָט זי מיט קאלט וואסער באשפריצט, מיט עסיג איינגעריבען איר די שלייפען און זי אָפּגעמינטערט. אָט ערשט האָט זי אָנגעהויבען שרייען און גוואלדעווען מיט א פארצווייפעלטען קול, און איז ווידער געפאלען אין חלשות. מען האָט זי ווידער אויפגעמונטערט, איז זי ווידער געפאלען אין חלשות.

אזוי גרוים איז געווען איר צער.

אז דער מאן האָט זי לסוף אוועקגעפירט אין שלאָפצימער אריין און זיך באמיהט זי דאָרטען איינצונעמען, איז דן צוגעגאַנגען צום טיש און איבערגעלייענט דאָרט אין דער צייטונג, אונטער א גרוים קעפּעל:

ליסטען פון די אוקראַינער הרוגים.

(אָקאָרשט געבראכט פון אונזער ספּעציעלען קאָרעספּאָנדענט. נאָכדרוק פארבאָטען.)

ער האט זיך איינגעקוקט. נידעריגער אביסעל האט ער איבערגעלייענט:

— נומער 2381 משה וויינער, אלט 53, א שוסטער.

„אין דערזעלבער שטאט", — איז גאר אונטען געשטאנען אין דער צייטונג — „זענען כמעט אלע אידישע מיידלאך געשענדעט געווארען. נאר קיין נעמען ווערען ניט ארויסגעגעבען, לויט דם שווייגענדיג־אנגענומענעם באשלוס אין דער קהלה, כדי מען זאל ניט ארויסלאזען קיין שם רע אויף אידישע טעכטער, וואס דאס קאן זיי נאך שאדען צו שדוכים."

מרס. דרעל'ס מיידעל־נאמען איז געווען ו ו י י נ ע ר.

נו, אין א סך אידישע הייזער איז עס אזוי, און אין דעם הויז פון די דרעלס איז עס אויך געווען אזוי. אזעלכע שווערע טעג זענען איצט.

וויים איך ניט, ווי אזוי מר. דרעל האט איינגענומען און געטרייסט זיין פרוי, נאר אין אייניגע טעג ארום איז שוין ביי איר געווען א ליכטיגער פנים.

און אז זי איז אויפגעשטאנען אין איינעם פון די קומענדיגע פרימארגענס, האט א זון ארייגעשיינט דורך די פענסטער. עס איז גראד געווען פרילינג. זונפלעקען האבען זיך געפלאנטערט אינ'ם זאמד.

האט די מוטער א קוק געגעבען אויף איר עופה'לע, וועלכע איז שוין א היבשע עטליכע טעג געווען פארשפארט אין שטוב, האט זי א זאג געטאן מיט גרוים רחמנות:

— מען דארף אויפנעהען דעם קינד א נייע קליידעלע און עס ארויספירען אין דרויסען. זאל עס האבען אביסעל פרישע לופט.

דורכגעהענדיג דעם קארידאר, האט זי ארייגעקוקט אין דעם שפיגעל־גלאז, וואס איז געהאנגען אויפ'ן וואנט. האט זי דערזעהן, ווי פארצערט איר פנים איז איצט. טוט זי א טראכט:

— כ'לעבען, כ'וואלט אויף זיך אויך געמאגט אכטונג געבען בעסער אביסעל — צוליב'ן קינד.

עס הויבט שוין אן גרינען אין דרויסען, דער אייז־מאן האט אויפגעעפענט זיין קעלער. פענסטער שטעהען אפען. קינדער שפילען זיך אין גאס.

און אז ס'איז פרילינג, דארף מען זיך אויפנעהען א נײַ פרי־לינג־קלייד, דעם בלויענעם אַסיענעם קאָסטום קאָן מען שוין איצט ניט טראָגען, און דאָס פרילינג־קלייד פון לעצטען יאָר איז שוין צו־ענג געוואָרען.

אין דער ווארים־ווערענדיגער לופט דרויסען האָבען זיך אָנ־געהויבען אויסשטעלען פאר איהר א רייה ליכטיגע טעג.

זי האָט שוין אָנגעהויבען איבערקלייבען די זומער־פלעצער פאר'ן קומענדיגען סעזאָן.

נאָר אז זי האָט זיך איינמאָל געפּאָרעט אין איינעם פון אירע שופלאָדען, געזוכט עפּעס א ליפּטשיק, האָט זי זיך אָנגע־שטויסען אָן א צייטונג, וועלכע האָט אומהיימליך געשאָרכעט אונ־טער אירע פינגער. עס האָט איר א שטשעמע געטאָן ביים הארצען און זי האָט די צייטונג טיפער, ווייטער פארשטופּט, ווייטער... דערביי האָט זי א זיפץ געטאָן.

ווען זי האָט צוריק פארמאַכט דעם שופלאָד האָט זי געהאט א געפיהל פון זיכערקייט און פארענדיגטקייט, ס'איז שוין פאָריבער... אויף דער זייט שופלאָד איז געווען רוהיג און שטיל. א ריי ליכטיגע זומערדיגע טעג האָבען זיך אויסגע־שטעלט פאר איר אין דער ווארים־ווערענדיגער לופט.

און דן — א פוסטקייט און ליידיגקייט האָבען זיך אריינגע־קליבען אין זיין הארצען. איצטער — וואָס?... פריער האָט נאָך געברענט א פייערל, האָט גע'שרפ'עט און געסמאַליעט דאָס הארץ מיט א פארגניגענדיגער ביטערקייט... אָבער איצט? נו, שוין געשאָכטען דעם טאטען. וואָס זאָל ער ווייטער טאָן? — — —

א פוסטקייט און א ליידיגקייט האָט פארנומען דעם פּלאַץ פון דער פריהערדיגער פארבאָרגענער פיין. עס איז שוין ניט געווען איצט וואָס צו באהאלטען מיט דער געמאַכטער פרעליכקייט.

אָווענטען און אָווענטען האָט ער געשטארט איבער דער בלאַט־צייטונג מיט דער טרויעריגער בשורה, וועלכע האָט דעם באשטענ־דיג־גליהענדיגען הארצשניידעניש אוועקגענומען

אָווענטען און אָווענטען האָט ער געקוקט אויפ'ן בלאַט פאר אים, אַן אויסגעליידיגטער, א פוסטעווענדיגער.

ביז ער איז אין עטליכע טעג אַרום אַריינגעלאָפען צו דער שוועסטער מיט אַ גרויסער פרייד:

— זעהסט, שוועסטער מיינע, דאָס איז דאָך אַ טעות געווען, אַ טעות. דער דאָזיגער פּאָגראָם איז דאָך פּאָרגעקומען ניט אין אונזער שטאָט. דו האָסט אויפ׳ן נאָמען פון דער שטאָט ניט אַ קוק געגעבען. דער דאָזיגער משה וויינער איז דעריבער ניט אונזער פּאָטער, עס איז אַ פרעמדער מיט׳ן זעלביגען נאָמען.

— און אונזער פּאָטער? — האָט זי אַ פריידיגע אויס־געשריען.

— אונזער פּאָטער לעבט נאָך!

זי איז געבליבען שטעהן אַ ווײַלע, אַ געפּלעפטע.

— און פון וואַנען ווייסטו, אַז ער לעבט?

— יאָ, אָבער דו ווייסט דאָך ניט, אַז מען זאָל אים האָבען גע׳הרג׳עט?

זי האָט געענטפערט מיט פארטראַכטע און פאַרטונקענע אויגען:

— יאָ. ס׳איז אמת.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבען נאָך שטילער, האָפנונגדיגער:

— איז עס דען אָבער ניט מעגליך, אַז דער פּאָטער זאָל זיך דורך דער צייט האָבען אריבערגעקליבען אין דער דאָזיגער שטאָט?

און פון יענעם אָוונט אָן האָט מרם. דרעל, איננאַנצען אַ צעשרויפטע, ווידער אָנגעהויבען צו לייענען יענע גרויסע צייטונגס־זייטען אָנגעפּיקעוועט מיט די קליינינקע אותיות׳לאַך און די גרוי־סע נומערען ביי דער זייט. און ווידער איז זי אריינגעפאַלען אין אַן אויפגערעגטקייט און דענערווירטקייט. אויפ׳ן ברודער האָט זי שוין מער ניט געקאָנט קוקען, ווי ער וואָלט געווען איר פיינט.

— אַרט אים סיידען דען, אַז טאָמער ווערט איצט, אין דער מינוט, דער פּאָטער געשאָכטען ערגיץ דאָרטען, וואו ער זאָל ניט זיין?

און דן האָט ווידער אָנגעהויבען באַזוכען וואָדעווילען און מוזיק־האַלס, מיט פארביסענע ליפּען, און טיפען, פארהווילענדיגען שמייכעל.

דער זומער האָט זיך שוין אָנגעהויבען. די אָוועגטען זענען וואַרימע און אויסגעשטערענטע. די פענסטער שטעהען אָפענע. האָבען זיי אַריינגעלאָזען דעם געשמאַק פון יונג־זומערדיגע נעבט.

נעהט צו איר צו דער מאַן און זאָגט איר, אַז זי וואָלט זיך געמאָגט אביסעל צוטיילען מיט אירע הכנות פאַר דער רייזע אויפ׳ן לאַנד.

— אַך, אויפ׳ן לאַנד... — האָט מרס. דרעל מיט פאַרביטערטקייט און פאַרדראָס געענטפערט, — וואָס׳אַרא רו איכ׳ל שוין קאָנען האָבען אויפ׳ן לאַנד. אַז דער טאַטע דאָרט... די קינדער...

און זי האָט זיך אַנידערגעשטעלט ביים פענסטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסען אַרויס. זי האָט דאָרט געטראַכט, וואָס פאַר אומרוהיגע נעכט זי וועט עס האָבען היינטיגען זומער אויפ׳ן לאַנד, און וואָס פאַר אַן אָוועגטען.

און זי האָט זיך פאַרביסען די ליפען.

אין אַ ווײַלע שפעטער האָט זי פאַרמאַכט דאָס פענסטער און אויסגעדרעהט דעם לאָמפ. איידער זי איז אַריין אין שלאָפצימער, האָט זי אויפגעעפענט דעם שופלאָד, אַרויסגענומען די צייטונג, וואָס איז דאָרט שוין זייט אַ פאָר וואָכען געלעגען און אין דער פינסטער די צייטונג אָנגעהויבען רייסען אויף פיצלאַך, רייסען.



פאר אונזערע אָרימע ברידער.

א.

דער טאָג איז געווען א מיטענווּאָכעדיגער, און א סך מאַנס־פּאַרשוינען האָבען ניט געקאָנט קומען אין צייט צוליב זייערע געשעפטען.

די געשעפטען, וואָס זיי פלעגען אָנפירען פון קליינע ציכטיגע צימערלאַך ארויס, אין די טורעמדיגע געביידעס פונ׳ם נידעריגען דאונ־טאַון — אויף בראָדוויי, גיט ווייט פונ׳ם וואסער, אויף וואָל סטריט, וויליאם סטריט, נעסאו סטריט, דעי סטריט, און די אַלע שמאָלינקע געסעלאַך נידעריגער פונ׳ם סיטי האָל, — זיב־דרייען־דיגע און וויקלענדיגע לענטעס, טיפע אָפּגרונטען, שמאָל־שמאָלע שפּאַלטען צווישען פיל־פענסטערדיגע פעלזען־ווענט.

אויף יענער זייט פון די שטארק־הויכע פענסטערדיגע בערג — מיט די אויגען צו פאַררייסען און דעם גאַרנעל־קנאָפּ ביז צום ווייטאָג ארויסשטארצען — זענען געזעסען געשטאַלטען. ווייס־באַבלוזטע און תמיד־פאַרטאָגענע, מיט בלויע און פורפורנע אָבאַ־זשורען איבער די אויגען. מיט די דינ־פאַרשפּיצטע, איילענדיגע פינגער האָבען זיי אויסגעשפּילט אַלערליי שליחות׳ן אויף די קלאַ־ווישען פון די רעמינגטאָנס און אָנדערוואודס.

שליחות׳ן צו גאָר דער וועלט.

ווייל פון דאָרטען האָבען זיך געצויגען אומגעזעהענע פעדים, לופט־שליאַכען איבער די שטאַטען מזרח און מעריב, צפון און דרום, איבער דעם אטלאַנטישען און פּאַסיפישען אָקעאַן — אין די לענדער פון איירא֗פּא און אַזיען. אַלץ פון די שטייף־געקאָלנערטע מענשע־לאַך, מיט די גלאַנציגע פליכען, וואָס האָבען פון זייערע וואַקסענ־איינגעטרוקענטע פּנים׳ער געהאַלטען אין איין שיסען באַפעלען אויף די פּעראָקסייד־בלאָנדע סטענאָגראַפּיסטקעס.

די סטענאָגראַפּיסטקעס האָבען געהאַט בלוי־געפּודערטע נעזע־לאַך און געקרייזעלטע הערעלאַך איבער אויגען און שטערען. האָ־בען זיי בשעת מעשה געטראַכט אונטער די דאָזיגע געקרייזעלטע הערעלאַך וועגען זייערע „באָי׳ס“, און וועגען די נאָהענטסטע באַ־

נעגנישען אין די טאַנץ־האַלען און סקייטינג־רינגס. און אַז די באַפעלען — צו דער גאַנצער וועלט — פלעגען זיך אויפהערן צו שיטען אויף די ליבע, ליידיגע קעפעלאַך, ווי פון קופיד־ליאַלקעס, פלעגען זיי דאַמאַלס זעהר ערנסט און פלייסיג אָנהויבען צו שלייפען און פּאָלירען און אַרומשערען די שפּיציג־לאַנגע נעגעל, ווי ביי ווילדע קעץ.

אַז מען האָט, דעריבער, סערווירט דעם בלוי־פּאָינט איסטער קאַקטייל זענען נאָך אַ סך פלעצער ביים לייִנגליב־אָוואַלען טיש געווען ליידיג. אינ'ם זייטיגען פּריוואַטען צימער פונ'ם גרויסען מעק־גרעגאָר האָטעל — דאָס איז געווען דער באַרימטער בלוי־ און גאָלד־צימער, באַשיינט מיט די שטילע, אומגעזעהענע ליכטער פון דער סטעליע אַרונטער — זענען איצט מייסטענטיילס געווען דאַמען. ס'האָבען געפונקעלט די טייערסטע ברילאַנטען און איידעל־שטיינער פון קאָמען אויף די גרויסאַרטיג־פּאַרקעמטע פריזורען אַרונטער, פון דיקלאַב־געבאָליעטע פינגער, פון די אוירנגלאַך, פון די בראַזלעטען. ראָבינשטיין, דער שמש, וואָס איז געזעסען אין אַ ווינקעל טיש אויף אַ ברעג שטול, האָט זיך אומזיסט באַמיט אָנצורופען די שטיינער ביי זייערע נעמען. ער האָט אַזויפיל נע־מען פאַר בריליאַנטען ניט געוואוסט. אים האָבען זיך אין דער מינוט אָנגעהויבען פּלאָנטערן מאָדנע נעמען פאַר איידעל־שטיינער, נאָר זיי זענען געווען פון תרגום אונקלוס אַרויס:

— סמקן ירקן וברקן סידרא חד.

אַז אַ פעטע דאַמע מיט אַ דריי־עטאַזשעדיגען גוידער, האָט זיך צו אים געווענדט מיט אַ פראַגע, האָט ער איר, ס'פאַרשטעהט זיך, אויף דער פראַגע גלייך געענטפערט. נאָך מער — ער האָט זיך צוגעאיילט, און געענטפערט מיט אַן אונטערטעניגער זריזות. בשעת אָבער ער האָט איר אַרויסגעזאָגט די ווערטער פון זיין ענט־פער, האָבען זיך אים אין מח, קוקענדיג אַזוי אויף דער לייביגער און בלישצענדיגער דאַמע, אַלץ געפּלאָנטערט אַזעלכע קוידער־וועלישע ווערטער:

— קנבירי טרקיא ועין עינלא.

אינ'ם בלוי־צימער איז געווען שטיל. איבער די טיגער־

און לעמפּערט־פּעלען, וואָס זענען געווען אויסגעשפּרייט אויף די דילען, האָבען ארומגעשמייעט די באפּראקטע ווייטערס. יעדער איינער פון זיי האָט אליין געהאט דעם אויסזעהן פון א וויכטיגען שׂררה, וועלכער האָט אויף זיך, פון גרויסער פּארערונג, פריייווילּיג גענומען צו באדינען די דאמען און הערען ביים אָוואלען טיש — מסתמא נאָך ג ר ע ס ע ר ע שׂררות פאר זיי. פאמעליך האָבען זיי ארומגעשוועבט, זשאָנגלירט מיט די טאצען און טעלער, און באלד שווייגענדיג־פארגליווערט שטעהן געבליבען הינטער די שטולען פון די עסערס. סטאטועס, וועלכע פלעגען אָבער לעבע־דיג ווערען ביי דעם מינדסטען באפעל פון די ג ר ע ס ע ר ע שׂררות ביים טיש.

דאָס געשפּרעך האָט שטיל געזשומעט איבער די לעצטסטע מעאטער־פאָרשטעלונגען, די נייעסטע פידעל־זשעניען, דעם באַ־רימטען און גאָר־גרויסען הינדו־פּאָעט, וואָס האָט אויפגעגעבען די שטילקייט פון דער היימישער נירוואנא צוליב דעם עולם־הזה׳־דיגען רום און דער לעבעדיגקייט פון דער שטאָט ניו יאָרק. אין די פּארפּוצטע סאלאָנען פון דעם רייכסטען ניו יאָרקער האָטעל האָט ער געפריידיגט איינזאמקייט און איינפאכקייט און געט־ליכקייט צו גרענדדאמען, — אויסשטעלונגען פון רייכסטע קליידער און שרייענדיגסטע פּארפיומען.

דערנאָך, אז ס׳איז שוין ניט געווען פון וואָס צו ריידען, האָ־בען די דאמען אָנגעהויבען פארגלייכען די פארשידענע פוטער־שטיקער אויף זייערע פעלצען און באָאס. ווער ס׳האָט א מאָרדער, ווער א האָדסאָן סיעל, ווער א לעמפּערט־פּעל, ווער אן איינפאכע פיי אָדער פוקסען־פּעלץ.

די ווייטערס האָבען פון הינטער די שטולען ארום אָנגעפילט די גלעזלאך וויין. אז מען האָט שוין אָנגעהויבען צו סערווירען דעם פויגעל־נעסט עוף־סוף, צוגעגרייט אויף׳ן כינעזישען סטיל, האָט זיך מיס שיינטאל אָנגעהויבען שטארק צו באאומרואיגען. דורך די געווירצטע פּאַפּאראטניק־פלאנצען און בלייכע, לייביגע טיי־רויזען, וואָס האָבען פארנומען דעם מיטען־טיש, האָט זי צו־געוואונקען צו רובינשטיינ׳ען אויף דעם קעגענאיבערדיגען ווינ־קעל. יענער איז ניט־טויט, ניט־לעבעדיג צוגעלאָפען. איז גע־בליבען שטעהן אין אן אָנגעבויגענער, נכנע׳דיגער פּאָזע.

— מר. יודזשין גולסענגער... איר האָט זיך הפנים פארגעסען אים איינלאַדען?

— אך, ווי קענט איר עס... חלילה... כ'האָב אים ניט איינ־מאָל וועגען דעם דערמאָנט דורך א בריף, ספּעציעלען שליח, און טעלעפאָן.

— ער איז נאָך אלץ ניטאָ...

אין אירע אויגען איז געווען גרויס צעטומעלניש און אומגליק. אזוי שוואך האָט זי זיך איצט געפיהלט, אז זי האָט געזוכט פאַר־זיכערונג און הילף אפילו ביי אים, דעם תמיד־דערשראָקענעם רו־בינשטיינ'ען, וועלכער האָט געהאַט אזא דערשלאָגענעם הלוך — דער פראַק און די מאַנישקעס, וואָס ער האָט איצט אויף זיך גע־האַט, האָבען אים נאָך געמאַכט אויסזעהן דערשלאָגענער און יורד'־דיגער, — ווי ער וואָלט זיך יעדע מינוט געריכט קריגען פון ערגיץ א פלוצלונגדיגען זעץ.

ווייל זי האָט צו אים ארויפגעקוקט נאָך הילף, איז ער אויסגעגלייכטער געוואָרען און האָפערדיג ארויסגעפּראַלט:

— ער'ט קומען!

און אזא פרומקייט און גלויביגקייט איז ביי אים געווען אויפ'ן פנים, ווי ער וואָלט אין די ווערטער א ריינגעלייגט זיין טיפסטען „כ'גלויב".

— כ'גלויב באמונה שלימה אין דעם אָנקומען פון משיח'ן, און אפילו, אז ער וועט זיך פארזאַמען, וועל איך דאָך אויף אים וואַרטען יעדען טאָג, אז ער זאָל קומען.

און ביסלאַכווייז האָ זיך שוין דער גאַנצער עולם אָנגעהויבען צונויפקומען, ווייל דער טאָג האָט זיך שוין אָנגעהויבען נויגען.

ער איז געווען א ליכטיגער, דער טאָג, אן אָנהויב־פרילינג־דיגער. א טרוקענע, ווייט־ווערטיגע ליכטיגקייט, — א ליכטיגקייט פון א ווינטער־טאָג, וואָס איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרען — האָט זיך געקנוילט אינ'ם אויר. אויבען איז די ליכטיגקייט געווען גע־דיכטער, פארפרוירענער, זיך געפלעקט אויפ'ן הימעל אין קאַלט־פייערדיגע וואָלקענפאַסמעס — אָפּגעשונדענע פעלען פון אויס־טערלישע חיות.

די הימעל־זוימען האָבען איצט רויט דערטליעט.

פון צענטראל־פארק וועסט עווענין ארויס האט זיך די שווארץ־גלאנציגע לימוזין שטיל געקויקעלט אויף די נומענע העדער. דערנאך פארקערעוועט זיך אויף בראדוויי. אויטאמאבילען, קארעטען, לימוזינס, רייכע קליידער, גלאנציגע וויטרינען, ליכטיגע מויער־לאנגע אפישען. ווען די עווענין האט זיך מיט א גאס געקרייצט, האט רעכטס ארויסגעשיינט די בלוי־שטאלערנע אויבערפלאך פון׳ם האדסאן. אזוי ביי יעדען איבערשניט פון גאס און עווענין. א האמפער. קוימענס פון ווייטע פאבריקען, וואס האבען זיך געריבערט, ווי זיילען רויך פון ערגיץ א ווייטען פארצייטיגען טעמפעל ארויף. זונגלאנצען אין הייזער־פענסטער אויף יענער זייט האדסאן, אין וועסט ניו יארק. און דער בליק ווידער אהער, צוריק — האט זיך דער אספאלט פון דער עווענין געקוויקעלט אונטער די רעדער פון׳ם לימוזין.

א וועלט איז אים איצט אויף בראדוויי אנטקעגען געגאנגען, צוליב זיין הנאה וועגען, אים מקבל פנים צו זיין! און יודזשין גולסענגער, אין זיין פול־דרעס און צילינדער־הוט, פארענדיג אזוי אין קאראט ארונטער־שטאט צו, האט זיך געפיהלט עפעס, ווי א יונגער קיניג, וועלכער פארט פארביי פאר זיין פאלק. דאס פאלק פאראדירט פאר אים, פארפלייצענדיג די גאסען.

אן עלטער פון אכט און צוואנציג יאר. קומט ארויס פון א פארהעגליכער, אומאפהענגיגער משפחה. זיך ערשט אומגעקערט פון א רייזע קיין איראפא — קיין פוילען און אוקראינע. אין מח האבען אים נאך געשוועבט די לענדער, די איינדרוקען, די שטעט און שטעטלאך, די וואונדערבארע טעג אנגעפילטע מיט שרעק, אומדערוואַרטעטע נייאיגקייטען, וויסטענישען, בלוט, מגפות, הונגער און ארימקייט — און דעם לוקסוס, — אפילו טאקע א קנאפען, — וואוילטאג, און אפגעזונדערטע פריווילעגיעס, וואס ער האט אין דער ארומיגער חרוב׳ער וויסטעניש טויזענט מאל טייערער אפגעשאצט, ווייל זיי האבען אים דאך פארשאפט א זיסער פאר׳שכור׳נדיגען געפיהל פון דערהויבענקייט, העכערקייט און בעסערקייט פון אלעמען

ארום. די טעג, וואָס ער האָט פארבראַכט אין ווארשא און אין קיעוו, און אין די קלענערע חרוב'ע שטעט און שטעטלאך.

זיינע רעיונות, זיין געהויבענקייט מיט זיך האָבן זיך פלוצלונג אָפּגעהאַקט. דער שאָפער, אין לאַנגען פעלערינע־מאַנטעל, האָט געלאָזט א קילע פּארע פון דעם לימוזין ארויסשפּארען.

יודזשין גולסענגער איז ארויסגעשפּרונגען.

מעקגרעגאָר'ס האָטעל.

א היימישקייט האָט אויף אים א ווײ געטאָן. די גרויסע, גלאַנציגע, הארטע האָבער־פלאַנצען ביי די טירען, די שלאַנקע, חשוב'ע לאָקייען — ער האָט זיי גוט געקענט. נישט איינמאָל איז ער דאָ געוועזן.

אַמאָל אלס פּארמיטלער ביים פארשטענדיגען זיך אין א גרויסען סטרייק־סכסוך. און נאָך מער — פאַר די לעצטע פאַר יאָר — ביי די אָפטע צוזאַמענקומונגען אין די רייכע געמיטליכע האָטעל־חדרים, אויף די כלל־טוערשע בעראַטונגען וועגען הילף פאַר די מלחמה־געליטענע.

אַן אויסגעגלייכטער און פּריצ'ישער איז געווען זיין טראָט איבער די טעפּיכער, וואָס האָבען געפירט צווישען די הויכע דערקאָרירטע ווענט. א געדאַנק האָט געלויכטען, אז ער איז איינער פון די גאָר אָנגעזעהענסטע באַאַמטע פון דער גרויסער, שטאַרקער הילפס־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען כדי צו העלפען אונזערע אָרימע ברידער אין דעם לאַנד פון חורבן.

דאָס לאַנד פון חורבן, וואָס הויבט זיך אָן גלייך אויף יענער זייט אָקעאַן.

יודזשין גולסענגער, א שלאַנקער און פעסטגעבויטער מאַנסביל — געווען א מאַיאָר אין דער אמעריקאַנער ארמיי בעת דער וועלט־מלחמה — איז דורכגעגאַנגען דורך די טראָפּישע פלאַנצען, וואָס האָבען אָנגעפילט די קאָרידאָרען, די גרויסע לאָבי און דעם מעזאַנין־באַלקאָן. ער האָט איצט געפיהלט צופיל כח אין זיך, זיינע פּיס־מוסקולען האָבען געדורשט נאָך באַוועגונג, ער האָט ניט געוואָלט נעמען דעם עלעווייטאָר, און איז ארויפגעלאָפען די טרעפּ, איבערשפּרינגענדיג עטליכע מיטאַמאָל. א סך וואַרימקייט. א סך ליכט. פון די ליוסטרעס אויף די געוועקסטע ווענט.

אים איז איינגעפאלען, אז ער וואָלט אפשר נים געדארפט אננעמען די איצטיגע איינלאדונג. ער טאָר זיך נים ביליג מאכען מים זיין צו־אָפטער ערשיינונג אין דער עפענטליכקייט. נאָר דאָ איז אים ארויפגעקומען אויפ׳ן געדאנק דער מאָדנער, צוציהענדי־גער שמייכעל פון יענער פרוי, וועלכע האָט אים אהער איינגע־לאדען. צופרידענ־גדלות׳דיג האָט ער אַ טרייסעל געטאָן מיט זיין גריווע האָר, און פארשטופט די מאנזשעטען אביסעל טיפער אונ־טער די ארבעל אריין, איידער ער איז אריינגעגאנגען אינ׳ם בלוי־צימער.

עס איז שוין געווען, אז מען האָט סערווירט דעם ברוינ־איינגעפרעגעלטען פילאדעלפיער קאַפ־האָן, ווען אַ פלוצלונגדיגע שטילקייט איז דורכגעלאָפען איבער׳ן טיש. און איין פרויענ־קאָפּ צום צווייטען, און איין הערנ־אקסעל צום צווייטען צוגעבויגען. שוואכער, הילפלאָזער וואסער־אייער אונטער אַ ווינטעל.

איידער דאָס ווינטעל האָט זיך איינגעשטעלט לעבען מיס עסטעל שיינטאל׳ן, האָט זיך אַ שושקען ארומגעטראָגען איבער׳ן טיש, ביי די זוימען, דורך די קילע פאפאראטניק־בלעטער און טיי־רויזען.

— ס׳ט שוין זיין אַ פאָר׳ל...

— דער אלטער שיינטאל וועט שוין מאכען שותפות מיט גולסענגער׳ס נאציאָנאל־באנק.

— איז אליין אויך נים אבי־ווער... קאָנטראָלירט דעם גאנ־צען „פריפוירד סטאק” אין דער פירמע „שענטאל ענד בענסאָן וואולענ־מאנופעקטשורערס” .

— ווי דען... פון דער בארימטער שיינטאל־פאמיליע אין גראַץ !

— און זי אליין, די טאָכטער ? אַ פולקומענהייט אין אלע פרטים. וואָס דארפט איר מער — דער זון פונ׳ם ענגלישען קעניג׳ס פריוואטען באנקיר האָט זיך צו איר איינמאָל גע׳שדכנ׳ט. דער פאָטער אירער האָט א י ם ני טגעוואָלט — געווען אַ יונגער־מאן נאָך נים קיין געזעצטער.

און כאָטש זי האָט געשטאמט פון דער בארימטער שיינטאל־פאמיליע אין גראַץ, און כאָטש איר פאָטער האָט קאָנטראָלירט

דעם גאַנצען „פּריפּוירד סטאָק" אין דער פירמא „שיינטאַל ענד בענסאָן וואָולען־מאַנופעקטשורערס", באַרימטע פאַבריקען אין מאַסאַטשוזעטס סטייט, און כאָטש צו איר האָט זיך שוין איינמאָל נע'שדכנ'ט דער איינציגער זון פון'ם ענגלישען קעניג'ס פּריוואַטען באַנקיר, — ניט קוקענדיג אויף דעם אַלעמען — און אפשר מחמת דעם אַלעמען — איז דער פאָטער אירער געווען דער פּרעזידענט פון דער באַרימטער רעפאָרמערישער סינאַגאָגע „גייטס אָוו מויר־סי" (שערי רחמים). און די טאָכטער האָט אויף זיך פרייוויליג גענומען צו אַראַנזשירען די אונטערהאַלטונג און טאַנצען, כדי צו זאַמלען געלט פאַר אונזערע פאַראומגליקליכטע אָרימע ברידער.

ס'איז געגאַנגען צו קריסטמעס־צו, און אַרום דער צייט ווערען דאָך אין אַלע קירכען אַראַנזשירט אונטערנעמונגען, כדי אַרויס־צוהעלפען די נויטבאַדערפטיגע אויף די גוי'אישע ווינטער־חגאות מיט קריסטמעס־דינערס. און אַזוי ווי אין די צייטונגען איז שוין אַזויפיל געשריבען געוואָרען וועגען די ליידען פון אונזערע אָרימע ברידער (ס'איז אפילו געווען אַ ווייטאָג און אַ שאַנדע צוצוגעבען, אַז יענע לייזיגע, פאַרוואָרימטע און אָפּגעריסענע ווילד־פרעמדע מענשען פון איסט־אייראָפּאַ, מיט די שוידערליכסטע מאַנירען, זאָלען עס זיין אונזערע אָרימע ברידער. אָבער י ע נ ע, די אָרימע ברידער, האָבען עס דאָך געהאַלטען אין איין שרייען און איבער'־חזר'ן), — בכן איז באַשלאָסען געוואָרען, צו פאַראַנשטאַלטען אין איינעם פון די נאָהענטע טעג אַרום קריסטמעס, אַן אונטער־נעמונג און טאַנצען פאַר די אייגענע קאָנגרעגיישאָן־מעמבערס. טאַקע אין די גרויסע פאַרזאַמלונגס־צימערן פון'ם טעמפּעל „גייטס אָוו מוירסי".

אָבער דער ערפאָלג פון אָט דער אונטערנעמונג האָט זיך שטאַרק געווענדט אָן דער אָנוועזענהייט פון דעם באַרימטען כלל־טוער יודזשין גולסענגער, און אָן דער רעדע, וואָס ער וועט דאַר־פען האַלטען אויפ'ן באַזאַר, דערציילענדיג זיינע פּערזענליכע איינדרוקען פון זיין לעצטער רייזע אין מזרח־אייראָפּאַ, וואו ער האָט טאַקע אַליין געאַרבייט אויפ'ן אָרט, און דאָס וועט זיכער שטאַרק רירען די אָנוועזענדיגע. דערנאָך וועט מען צונעמען די דאָניישאָנס, און ערשט דערנאָך וועלען זיין די טאַנצען.

ווי די פארזאמעלטע — אַלע מיטגלידער פון דער קאָנגרעגיישאָן „גייטס אָוו מוירסי" — וואָלטען ביי זיך באשלאָסען לאָזען צו־רו די צוויי, מיס עסטעל שיינטאל און מר. יודזשין גולסענגער, ווי א יונגע חתן־כלה פּאָר, וויסענדיג, אז אַן זייער געשפרעך ווענדט זיך דער ערפאָלג פון דער גאנצער אונטערנעמונג.

— האָבען זיי זיך גענומען ריידען אביסעל העכער און שטארקער צווישען זיך. זיי האָבען גאָרניט געהערט, וואָס ס'קומט פאָר דאָרט אויבען... גאָרניט! גאָרניט!

— דער און דער האָט געקויפט א נייען ראָלס־ראָיס — אכצען טויזענט דאָלאר באצאָלט.

— יענער און יענער האָט איבערגעפארבט זיין מאָטאָרשיפעל — נאָך אריינגעשטעלט שפּאָגעל־נייע ביינק און זיידענע קישעלאך.

ס'איז געוואָרען שטיל, לאנגווייליג. א זאטע שלעפעריגקייט נאָכ'ן שווערען מאָלצייט. דאָ האָט א פליכעוואטער הער גוטמוטיג זיך אָפּגערופען צו רובינשטיינ'ען, דעם שמש פון דער שול, וואָס איז געזעסען א שוויגענדיגער אין זיין ווינקעל טיש, ווי אַן אָרימער קרוב. ער האָט צו אים גערעדט אַן אומישנע צעבראָכענעם דייטש, גע'כשר'ט מיט א פּאָר העברעאישע ווערטער.

— ס'איז דאָך אַלץ פאר אייך, רובינשטיין, אַלץ פאר אייך... זי זינט דאָך איין רוסישע יודע?

רובינשטיין איז פארצאפּעלט געוואָרען. ער האָט געמאכט א פארצווייפעלטע אָנשטריינגונג, אז זיין דייטש זאָל ארויסקומען אזוי דייטשיש, ווי זיין פרעגער'ס שפּראַך. ער האָט זיך א ווײַלע געטרייסעלט, געצאַפּעלט, און דער תוך פון זיין אויפגערעגטען ענטפער איז געווען:

— אך, חלילה, וואָס רעדט איר... ער — א ליטווישער, א רוסישער יודע? מער פעלט אים ניט! ער איז ניט קיין ליטווישער — ער איז אַן אונגארישער, דאָס הייסט, מען קאָן זאָגען — אַן עסטרייכער.

נאָר זיין ענטפער האָט קיינער ניט געהערט, און ער איז אויך ניט געווען וויכטיג. מען האָט שוין איצט אונטערגעטראָגען די קליינע קוביקעס דעמי־טאַס מיט די פראנצויזישע טאָרטען.

אויף יודזשין גולסענגער'ס פּנים איז געווען אויסגעשפּרייט

א פריינדליכע שטאָלצקייט פון איינעם, וואָס ווייס דעם ווערט פון דער טובה, וואָס ער האָט געטאָן, ווייל אָבער קיין סך ניט רייד־דען פון דעם, מאַכט עס צו גאָרניט. און מיט שיינטאָל האָט גע־לויכטען מיט א גליקליכער שעמעוודיגקייט, וועלכע איז ביסלאַב־ווייז און נאָכאַנאַנד אריבערגעגאַנגען אויף אַלעמענס פּנים'ער:

— אַלץ וועט זיין גוט. אַלץ וועט זיין גוט.

אָבער גליקליכער פאַר אַלעמען איז דאָך טאַקע געווען דער שמש רובינשטיין. ער וואָלט זיך אפילו ניט געשעמט צוצופאַלען צום יונגען באַגליקער'ס פיס. אָבער גראָד איצט האָט רובינשטיין זיך געפיהלט שטאַרק אומרואיג. אַן אומרואיגקייט, וועלכע פלעגט אים לעצטענס פלוצלונג באַפאַלען — בייטאָג, אָדער אין מיטען דער נאַכט. ער האָט זיך אַלץ געהויבען פון זיין שטול און זיך צוריק אַנידערגעזעצט. ער האָט זיך אַלץ געטאַפּט ביי דער בוזים־קעשענע און געוואָרפען דערשראָקענע, רחמים'דיגע בליקען אויף די אָנוועזענדיגע, ווי בעטענדיג רשות ארויסצוגעהן.

אזוי ווי ביים טיש איז שוין ניט געווען, וואָס צו טאָן, האָט זיך דער עולם אויפגעהויבען און אָנגעהויבען אריינגעהן אינ'ם נעקסטען חדר, רויכערען און פּלוידערען. דאַמאָלס האָט רובינ־שטיין מיט ציטערדיגע הענט ארויסגעשלעפּט עפּעס א פּאַפּירעל פון בוזים־קעשענע, א צעקנייטשט פּאַפּירעל.

פונ'ם צווייטען חדר האָבען זיך דערהערט טריט. מען האָט נעקאָנט אַלע וויילע אריינקומען אהער, און אים טרעפען מיט ד ע ם אין האַנט — מער פעלט אים ניט. און די ווייטערס, וועלכע האָבען איצט פון טיש צונעקליבען, האָבען אזעלכע מאָדנע, אַפּשפּעטערישע בליקען געוואָרפען אויף אים פון אויבען ארונ־טער. דאַכט זיך — וואָס? וואָס איז אויף אים צו זעהן? א בלייכער איז ער געווען, אַן איינגעקוואָרטער און א דאַרער, דער טוקסידאָ אנצוג איז אויף אים געהאַנגען, ווי א זאַק.

האָט זיך רובינשטיין, אונטער זייערע בליקען, אָנגעהויבען ארומוואַרפען איבער'ן צימער, ווי א פאַר'סמ'ט מייזעל. ער האָט ענדליך דורכגעשטאָסען דורך דער טיר־עפענונג, אָנגעהויבען לויפען איבער די ווייכע קאַרפּעטס פון די קאָרידאָרען, ביז ער האָט דערזעהן אויף אַן עמאַלירטער ברעטעל, צוגעקלאַפּט אויף א טיר, א פּאָר

שוואַרצע ווערטער. זיי האָבען אים אויסגעזעהן, ווי אַן אומרעד־וואַרטעטע, ליכטיגע דערליייזונג, —

GENT'S ROOM.

ער איז אריינגעלאָפען און פאַרריגעלט די טיר. דאָ איז ער געווען זיכער, אַז קיינער וועט אים ניט זעהן און פון אים ניט אָפּלאַכען.

פונ'ם באַל־רום, מיט איין עטאַזש העכער, האָט זיך געלאָזט הערען דאָס וויכע, טרוימערישע פאַרציען זיך פון פידלען און פלייטען.

רובינשטיין האָט ארויסגעשלעפּט אַ צעקרומפּעלטען צע־קנייטשטען בויגעלע פּאַפּיר, — דעם בריף, וואָס ער האָט געקראָ־גען פון זיינעם אַ לאַנדסמאַן, אַן אַמאָליגער חבר פון חדר ארויס, ערגיץ אין אַ שטעטעלע אין פּאָדאָליער גובערניע. אינ'ם בריף האָט ער געלייענט צום כ'וויים אליין ניט וויפילטען מאָל:

„...און וואָס זאָל איך דיר נאָך דערציילען, אַז ס'איז ניט צום באַשרייבען: קאָן איך דען איבערדערציילען אַלע מורא'דיגע זאַ־כען, וואָס איך האָב געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען: ווי איז צו זיי, ווייל זיי זענען נאָך ניט בלינד געוואָרען: זאַוועל דעם סופר'ס קליין מיידעלע פון דריי יאָר האָט זיך אַ גאַנצען פרימאָר־גען געבעטען מען זאָל עס ארויפזעצען אויפ'ן אורינאַל: איר מאַמע גניעסע די סופר'טע איז דעמזועלבען פרימאָרגען געשטאָר־בען נאָכדעם ווי די קאַזאַקען האָבען זי מאַנס געווען און צו'נהרג'ט בשעת מעשה פון גרויס ווילדקייט און ווילדען תענוג: זאַוועלען אליין האָבען זיי צעשפּאַלטען דעם מח, ווייל ער האָט זיך אַנגענר־מען פאַר זיין ווייב און זיינע אויגען האָבען די שאַנדע ניט גע־קאָנט צוזעהן: און אינ'ם זעלבען חדר ליגט פּעשקע די קראַסאַ־וויצע, זאַוועל'ס פופצעג־יאָריגע פּלימעניצע, צעמישט און גלייכ־גילטיג ניט וועלענדיג אָדער ניט זייענדיג אימשטאַנד צו העלפען דעם קינד: טראַכטענדיג, אַז זי איז אליין טראָגעדיג מיט אַ גוי'איש קינד און אַז זי איז אַנגעשטעקט געוואָרען מיט פראַנצען: נו האָט דאָס קליינע דריי יאָריגע קינד געמוזט בלייבען ליגען אין זיין אייגענער צייע אַ לאַנגע צייט: ס'איז געווען צו־שוואַך אויפצושטעהן: איז עס געלעגען און לעבעדיגערהייט געפוילט

אַזוי אין דער אייגענער צייט און געשטאָרבען צווישען די קרי־כעדיגע ווערים."

ב.

פונ׳ם הויכען פּאַרשפּיצטען געוועלבטען פענסטער — ווי אין פאַרצייטיגע אידישע שולען אָדער קאַטוילישע קאַשצאָלען — האָט זיך געזעהן, ווי עס ציט זיך דער ברייטער, רחבות׳דיגער גרענד קאָנקורס.

דאָס רייכע אַפּאַרטמענט־הויז איז געווען געבויט ווי אַ קלין, ווי אַ דריי־עק. ווייל אַ זייטיגע גאַס איז ביי דעם ווינקעל אריינ־געפאַלען אינ׳ם גרענד קאָנקורס — דעם אָקעאַן. מיט דער שמאָ־לער, איינ־פענסטערדיגער וואַנט איז דאָס הויז אויפ׳ן קאָנקורס ארויסגעקומען — בלויז אָט אָ די פּערפּענדיקולערע ריי פענס־טער, און קיין אנדערע. פענסטער, וואָס האָבען אַ ר י ב ע ר ־ ג ע ק ו ק ט, קיניגליכ־אַליין און אָפּגעאייגזאַמט, אויף דער ברייטער עוועניו.

דאָ, ביי דער וואַנט, האָט יודזשין גולסענגער געהאַט זיין קאַבינעט. ארויסקוקענדיג פון זיין הויכען פענסטער אויפ׳ן אכ־טען עטאַזש, איבער דער ברייטער וועלט אונטען און ארום, האָט ער זיך נאָר געפיהלט, ווי אַ מלך, ווי אַ הערשער איבער גאָר דער וועלט.

אַ בולוואַר האָט זיך אין מיטען פון דער טאָפּעלט־ברייטער עוועניו געצויגען. שווארצע ריטלאַך פון הוילע בוימער האָבען זיך געפלאָכטען און געריסעוועט אויפ׳ן לופט־בלוי, — פאַנטאַס־טישע בוימער־סקעלעטען, געמאָלענע מיט איידעלע וואַסער־פאַר־בען. אין דער אָראַנזש־פלאַמענדיגער, פאַרגעהענדיגער ווינטער־זון האָט ערטערווייז טונקעל געפלאַקערט דער פּעכיג־שווארצער אַספאַלט, מיט טונקעלע פייער־לוזשעס. און ווייט אריבער די מויערען און קאַטעדזשעס מיט די שקיעה־ברענענדיגע פענסטער — יעדעס פענסטער אַ חלום, אַ ווייט לאַנד און אַן אַנדער וועלט — האָבען זיך געצויגען טאָלען. נאָך ניט קיין באַזעסענע, פעל־זיגע, ווילדע, באַבוימט מיט די דזשעראָם־וועלדער, וואָס זענען פון די שטיינער־שפּאַלטען געוואַקסען. שטאָטישע באַנען האָבען זיך אויף ווייטע רעלסען אין דער לופט געקרימט און געבויגען

זיך — שטאָלערנע, עלאסטישע חיות, וואָס האָבען אָנגעפילט די לופט מיט דער פרייד פון גרויס־שטאָט. א ווייטער בריק. א סך בויגען־פאָרמיגע בריקען. שיפען, דאמפערס, מאָטאָר־שיפלאך, שלעפ־בארקאסען. א ווייס־פארנעפּילטער טייך. פונ'ם טייך־געפּיל האָבען שוין לאמטערנעס אנגעהויבען ארויסשיינען — אן אייבינע אילומינאציע אויפ'ן טייך.

און דערנאָך האָבען זיך ווייטער געצויגען בערג, און ווידער א טייך, דער פון דאנען אומגעזעהענער האדסאָן. יודזשין גול־סענגער האָט מיט'ן שארפ־שטאָלענעם אויג די שטיינערנע בערג דורכגעדרונגען, און אלץ געזעהן. זיין בלוט האָט אין אים גע־שטיגען, און זיינע אָדערען זענען שטאָל געוואָרען, ווען ער האָט געקוקט אויף דער פעלזיגער געגענד ארום. פון זיין הויכען פענ־סטער, ווי פון א טורעם ארונטער, האָט ער איבער'ן ארומיגען לאנד געלוגט.

און דאָ, אין מיטען שטאָט, האָט זיך דער ברייטער, מלכות'־דיגער גרענד קאָנקורס געצויגען, מיט דינאמיט דורכגעריסען, מיט אייזענעם דורכגעבראָכען, דורך שטיינערנע, ווילדע בערג. אוי־טאָמאָבילען, אויטאָמאָבילען, אויטאָמאָבילען, האָבען זיך דורך טאָג און נאכט געצויגען — פון ערגיץ ניט, אין ערגיץ ניט, אין דער אומבאַשטימטער, זיך קיינמאָל ניט ענדערענדיגער ריכטונג, — די ריכטונג פון אהין און צוריק. נאָכאנאנד, איילענדיג, קיינמאָל ניט אויפהערענדיג, פון דער שטאָט אויפ'ן לאנד ארויס און פונ'ם ווייטען לאנד צוריק, דורך שטאָט צום ים־צו. און אז יודזשין גול־סענגער האָט נאָכגעקוקט די אויטאָמאָבילען, איז אים אלעמאָל אויסגעקומען, ווי ערגיץ וואו איז א גרויסער, פיל־פעלקערדיגער יום־טוב פאָרגעקומען, אָדער א רייכע, פאמפעזע און אייביגע לויה.

ווייט האָט ער געקוקט, ווייטער און ווייטער, איבער פעלד, שטיין, מויער און לאנד, אויף יענער זייט האדסאָן. דאָרט איז געוועזן יודזשין גולסענגער'ס זומער־גוט, וואו ער האָט זיך עס באקענט מיט מיס עסטעל שיינטאל'ן. דאָס איז געווען א פאָר וואָכען נאָכדעם, ווי ער האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין רייזע איבער מזרח־איירעפּא. פאר די אויגען האָט זיך איצט ווידער

אויסגעשטעלט — פונקט ווי זאכען און טעג, איינמאָל געוועזענע, פארשווינדען שוין קיינמאָל ניט — י ע נ ע ר הערבסט־טאָג.

א שפעטער הערבסט־טאָג. א סך ליכט. אינדיאַנער זומער, פורפור־בלעטער. א ברייטער זאמדיגער שליאך — דער גאָלף טראקט — וואו ער, א זומערדיג אָנגעטאָנענער, א הויכער, ברייט־פלייצעדיגער מיט אַן אטלעטישער פיגור, איז לייכט איבער'ן וועג געגאַנגען. דער יונגער בחור'ל האָט אים דעם זאק מיט די גאָלף־שטעקענס נאָכגעטראָגען — א נושא־כלים צו א גרויסען קריגער. דאָס בלוט איז אין אים געווען פורפור אויפגעשלאָגען, ווי די בלעטער ארום, ווי דער ווילדער און ווייכ־ווערענדיגער ווייטנטרויב.

האָט אים איצט דער פאַרשטעהענדיגער אָוונט דורכגענומען מיט א ציטער פון א נייער פרייד.

ער האָט זיך געבאָדען א גאַנצען פארנאכט, געוואשען, זיך פארפיומירט, און זיך געגרייט פאר'ן יום־טוב היינט ביינאכט.

און אין יענעם אָוונט האָט זיך פאר דער טיר פונ'ם טעמפעל „נייטס אָוו מוירסי" געזעהן א קליין שילד. געהאַנגען איז זי שוין דאָרט אפילו א גאַנצע וואָך, נאָר היינט אין אָוונט זענען די עמאל־בוכשטאבען אויפ'ן שווארצען טאפעל געווען באלויכטען מיט'ן לאכעדיג־גרויסשטאָטישען ליכט פון אַן אריבערהיינגענדי־גער עלעקטרישער לאָמפּ.

א סאָשייבל.

א טאַנץ און אונטערהאלטונג געגעבען פון די
לײדיס אָקזילערי פונ'ם טעמפעל
„נייטס אָוו מוירסי"
אין די וועסטרי־צימערען.
אַלע זענען ווילקאָמען.
צו־בייסענס ווערען סערווירט.
אָנפאַנג 8:30 אָוונט, שאַרף.

א לאַנגע שערענגע אויטאָמאָבילען און קאַרעטען האָט גע־דרימעלט אינ'ם בלויען דרויסען, פאר די טויערען פונ'ם טעמפעל „שערי רחמים". זיי, די טויערען, זענען שוין פון תחלת אָוונט געווען באפוצט מיט טראָפּישע פלאַנצען און קינסטליכ־אויסגע־

פלאַכטענע גירליאַנדעס פון אַלערליי־קאָלירטע עלעקטרישע לעמפלאך. דאמען אין פוטערס פון האָדסאָן־סיעל און מארדערס, הערן אין צילינדרען, מיט פארפומירטע קאַקאָ־נוס אויל אָפּגע־גלאנצטע, מיט די שטייפע ווייס־געפרעסטע העמדער־בוזימס און אין חשוב'ע איווניגנ־דרעסעס, האָבן א גאנצן אָוונט געהאַל־טען אין איין ארונטערשטייגען.

א ווייסער, בלישצענדיגער שניי, מיט ברייטע פעדערדיגע ריידעלאך, איז געפאלען — דער ערשטער שניי. ער האָט אָנ־געפילט די לופט צווישען הימעל און ערד, דעם ברייטען קאָנקורס און דעם אָוונט מיט א יום־טוב'דיגקייט און א פלוצלונג־ארונ־טערגעפאלענער פרייד.

פייערליכ־שווייגענדיג האָבען די טויערען ארייננעלאָזען די הערען און די דאמען.

איצט איז שוין געווען שפּעט־אָוונט.

אונטען, אין דער „וועסטרי"*) פלעגט מען דאַווענען די שבת אין דער פריה'ס, ווייל שבת צו שחרית פלעגען קומען זער ווייניג מענשען. עלטערע, עובר־בטל'דיגע יידעס און באָבעס, א איגגעל אָדער א מיידעל, וואָס פלעגט דארפען זאָגען קדיש. אָהן אָרגעל, אָהן געזאנג, איילענדיג־געשעפטסמעסיג פלעגט דער הייליגער רעווערענד, דר. אַבאדיאַה סילווערשטיין, דורכפּרעפלען די שחרית־תפלות. די יונגע און מיטעל־יעריגע קאָנגרעגיישאָנ־מיטגלידער פלעגען דאמאָלס אין דערזעלבער שעה האלטען אין ארויסגעבען די לעצטע באפעלען פאר דער וואָך ערגיץ אין די טורעם־געביידעס, וואָס נידעריגער פונ'ם סיטי־האָל, אָדער אין די אָנגעפּיקעוועטע מאַגאַזינען. די רייכערע — אויף בראָדוויי און פינפטע עוועניו. די אָרימערע — אויף סט. ניקאָלאס און אמסטערדאם עווענויס. און די דאמען האָבען ניט געהאַט צוליב וועמען צו קומען אין שול אריין.

און דאָ איז איצט אויך פארגעקומען די אונטערהאלטונג. ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. יודזשין גולסענגער האָט געהאלטען זיין רעדע. ער האָט איבערגעגעבען זיינע ערפאַרונגען פון זיין פארוויילען אין מזרח־אייראָפּא, און די פילע זאכען, וואָס

---

*) וועסטרי — דער פאָליש — זייטיגע צימערען.

ער האָט דאָרט געטאָן. דערנאָך, פון די איינצעלנע פאַקטען, איז ער איבערגעגאַנגען צו אַן אַלגעמיינער באַטראַכטונג וועגן דעם עטישען אינהאַלט פונ'ם לעבען און וועגן דעם, אַז איינער דאַרף אַלעמאָל טאָן גוטס פאַר'ן צווייטען. איינער דאַרף אַלעמאָל דינען דעם צווייטען. ניט העכער, ניט נידעריגער — יעדער איינער דאַרף זיך באַטראַכטען פאַר דעם צווייטענ'ם דינער. און מיר דאַרפען קיינמאָל ניט וועלען קיין באַלוינונג פאַר אונזערע מעשים — אונזער אינערליכע באַפרידיגונג איז אונזער בעסטע באַלוינונג. ניין, דאָס אויך ניט. דאָס איז שוין צופיל. דאָס איז דאָך שוין אויך אַ באַלוינונג! מיר טאָרען זיך ניט גלעטען איבער'ן בעקעלע פאַר די גוטס, וואָס מיר טוען אַ צווייטען. איבער דעם ווערען מיר ניט קיין העכערע, קיין בעסערע מינים מענשען. מיר דינען איינער דעם צווייטען, ווייל מיר זענען מ ח ו י ב דאָס צו טאָן — ווייל עס איז אונזער פליכט. אונזער הייליגע פליכט. יאָ.

— לאָמיר, — האָט ער געזאָגט, און מים עסטעל שיינטאַל האָט זיך געוואונדערט צו דערזעהן אים אין נ אָ ך אַ ליכט, אין אַ נייען ליכט, אין דעם פרומען רעווערענדישען אויסדרוק פון זיין פנים, און דאָס האָט אים נאָך טייערער געמאַכט אין אירע אויגען. — לאָמיר בויען צוזאַמען אַ שיף. אַ שיף. דאָס שיף מיינט פאַר אונז דער כאַראַקטער — דער כאַראַקטער פון דעם בעסערען מענשען. צוערשט מוזען מיר דאָך בויען דעם פונדאַמענט, דעם הויפּט־חלק פונ'ם שיף, דעם גוף פונ'ם שיף. און דאָ לייגען מיר אַוועק די ערשטע, וויכטיגסטע ברעטער, דעם אויפהאַלט פון דער גאַנצער געביידע — וואָס דאָס מיינט, כ'חזר איבער נאָך אַמאָל, אונזער כאַראַקטער — די וויכטיגסטע ברעטער. און די ברעטער וועלען מיר אָנרופען: „סוירווים", דינסט, וואָס איין מענש דאַרף אַרויסווייזען דעם אַנדערען.

דער עולם איז געזעסען שטיל, פאַרגאַפט. יודזשין גולסענער'ס פנים איז מיטאַמאָל געוואָרען שטרייננג. די אויגען — בייזלאַך־פאַרשפּיצט, און מיטען פינגער האָט ער אויף עמיץ אַן אומגעזעהענעם געטייט — גע'מוסר'ט און געשטראָפט.

— אָבער די הויפּט־ברעטער — „סוירווים" — כאָטש זיי זענען דער וויכטיגסטער טייל פונ'ם שיף — כאַראַקטער — זענען דאָך ניט אַלץ. זעהר אַ וויכטיגע ראָלע אינ'ם שיף שפּילען די

ז ע נ ג ל ע ן, און יעדער איינער קאָן אויפ'ן שיף ארויפציען זיינע זעגלען — יאָ, יעדער איינער, יעדער מענש איז זיין אייגענער באַלעבאָס, און איז פאַר זיך זעלבסט פאַראַנטוואָרטליך — און וועלכע זעגלען ער ציט אַרויף, אַהין וועלען זיי אים פירען. צום לעבען אָדער צום טויט. און וועלכע זעגלען, מיינע ליבע שוועסטער און ברידער, זאָלען מיר אויף אונזער שיף אַרויפציען?

ער האָט זיך אָפּגעווישט דעם שטערן, אויסגעטרונקען קאַלט וואַסער פון גלאָז.

— מיר וועלען ארויפציען דעם ערשטען זעגעל. מיר וועלען אים אָנרופען: „ד ע ר ז ע ג ע ל פ ו נ 'ם ר י י נ ע ם מ ו י ל". ס'איז קלאָר. מען דאַרף ניט דערקלערען, וואָס דאָס באַטייט. און אַז מיר האָבען שוין דעם ערשטען זעגעל זיכער און פעסט אויף זיין אָרט וועלען מיר ארויפציען אויף אונזער שיף דעם צווייטען זעגעל. און דעם וועלען מיר אָנרופען: „ד ע ר ז ע ג ע ל פ ו נ 'ם ע ר ל י כ ע ן א ו י ג". און דאָס איז אויך קלאָר. און אויך דאָס, האָף איך, נויטיגט זיך ניט אין קיינע פּאַרטיי־טשונגען. די צוויי וויכטיגסטע זעגלען אויף אונזער שיף „כאַ־ראַקטער": דער זעגעל פונ'ם ריינעם מויל און דער זעגעל פונ'ם ערליכען אויג.

און זיין פּנים איז נאָך שטרייגגער און מוסר'דיגער געוואָ־רען, שטאַרקער און בייזער האָט ער געטייט מיט'ן פינגער אויף עמיצען אין אומגעזעהענעם:

— היט זיך פאַר'ן אומריינעם מיאוס'ען מויל און אומערלי־כען, ניט־פאַרגינערישען אויג! כ'מיין ניט אייך — כ'בין זיכער, אַז איר, מיינע פריינט, האָט ארויפגעצויגען די ריכטיגע זעגלען אויף א י י ע ר שיף. אָבער, צו מיין און צו אונזער אַלעמענס באַדויערען, זענען דאָ אַזעלכע מענשען — און אַ סך מאָל קומט טאַק אונז אויס צו ליידען פון זיי — וועלכע האָבען אויף זייער שיף ארויפגעצויגען די זעגלען פונ'ם אומריינעם מויל און ניט־פאַרגינערישען אויג. דאָס פירט צו דערנידערונג, פאַר'מאוס'ונג און, ענדליך, צום טויט. יאָ, צום טויט. כ'דאַנק אייך.

מען האָט אים שטאַרק אַפּלאָדירט. „אַ פּראַכטפולע רעדע" „אַ מייסטערווערק", „גלענצענד דורכגעפיהלט, פול מיט אמת'ן

סענטימענט, האַרציגער וואַרימקייט און גערירטקייט". א פּאָר עלטערע פרויען — שוין אָפּגעשוואַכטע געווען, און די קאָנטראָל איבער די נערוון־צענטערן פון די לאַקרימע דריזען האָבען זיי שוין אָנגעוואָרען — האָבען זיך די קוואַלען פון טרערען ביי זיי געעפענט, און פרום און אין דער שטיל האָבען זיי געבענשט גאָט, וואָס זיי אַליין שטאַמען ניט פון יענע מדינות, און וואָס ז י י ע ר ע קינדער געפינען זיך דאָ, אין זיכערהייט.

די אינגערע דאַמען האָבען איניגסט אָנגעקוואָלען פון'ם גע־זונטען, מאַנסביילשען אויסזעהן פון'ם רעדנער, וועלכער האָט אויסגעקוקט אין זיין אַראַטאָרישען ענטוזיאַזם, ווי אַן אמת'ער העלד, אַ פירער. די, וואָס זענען נאָך געווען מיידלאַך, האָבען געקוקט מיט קנאה אויף מיס שיינטאַל'ן. און די, וואָס זענען שוין געווען פאַרהייראַט, האָבען געקוקט מיט גרינגשעצונג און פאַרדראָס אויף זייערע אייגענע מאַנען.

און די הערען האָבען דערווייל געטראַכט, וואָס פאַר אַ דאָ־ניישאַנס זיי זאָלען געבען, לויט זייער שטאַנד און לויט זייער נאָמען, ס'זאָל ניט זיין קיין דערנידערונג פאַר לייטען. מען האָט זיך אומגעקוקט, ווער ס'איז דאָ. די, וואָס זענען דאָ געווען מיט כלות אָדער „ליידי־פריענדס" האָבען אַ ווײַלע געטראַכט וועגען די כלות און דער כלה'ס עלטערען, און לויט די אויסרעכענונגען באַ־שטימט צו געבען די געהעריגע „דאָניישאָנס".

אַז דער גאַנצער סכום געלט און פּלעדזשעס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרען, האָט מיס עסטעל שיינטאַל געהאַט אויפגע־פלאַמטע באַקען, און זיך געפיהלט די גליקליכסטע פרוי אויף דער וועלט. און יודזשין גולסענגער, וועמעס פאַרדינסטען עס זענען דאָ אָפּען און פון אַלעמען אַנערקענט געוואָרען, האָט מיט גרויס־מוטיגקייט און ליבע געטראַכט, אַז עסטעל איז אַ וואונדערבאַר־פעהיגע פרוי, און אַלץ, וואָס זי נעמט אונטער פירט זי דורך מיט אַ סך „עפישענסי". אויף איר וועט מען זיך שוין קענען גאַר אַ סך פאַרלאָזען, סיי אַלס פרוי, סיי אַלס הויז־ווירטין, און סיי אַלס עצה־געבערין אין לעבענס־ענינים. זיין באַשלוס צו שדכנ'ען זיך צו איר איז דאַמאָלס געוואָרען נאָך שטאַרקער.

איצט איז שוין געווען נאָך אַלעמען. רובינשטיין און קענ־נעטה, דער דזשעניטאָר פון'ם טעמפּעל, האָבען אויסגעשלעפּט

צו דער וואנט אלע שטולען, און געמאכט פּלאַץ פאַר טאנצען. באלד האָבען זיך צו דער מוזיק פון דער ראָיאַל, פּויק און סאקסאָ־פאָן געדרייט יונגע פּאָרלאַך מיט גליקלאַך־צעפלאמטע פּנים'ער. זיי האָבען געטראכט:

— נאָך אלעמען איז די וועסטרי פּונ'ם טעמפּעל אן אויסגעצייכענטער פּלאַץ פאַר טאנצען. דאָ האָט מען פונ'ם טאנצען געקאָנט א סך מער הנאה האָבען, ווי אפילו אין די גרעסטע טאנצ־האָלס. אלץ איז געווען אזוי עקסקלוסיוו, דער עולם — אן אייגענער, א געקליבענער. און דאָ איז טאקע געווען א סך פּלאַץ פאַר'ן גיכען טעמפּאָ פון די יונגע טאנצער. זיי האָבען געקאָנט ארייננעמען די גייעסטע, קונציגסטע „סטעפּס", אויסדרייען די שענסטע „העזיטיישאָן וואלצערס" און די פאנאנדערברעננדיגסטע, שפּיציגסטע „פאקס־טראָטס".

דאָס אומגעפער, איז געווען דער תוך פון די רייד און מחשבות פון די יונגע פּאָרלאַך.

אונטער'ן סופיט האָבען זיך געקנוילט די ווינקעלדיגע, קיצעלדיגע קלאנגען פון דער דזשעז־מוזיק. אין א זייטיגען צימער זענען געווען אָנגעשטעלט טישען מיט ווײַנען — בורגונדי, מאָזעל, באָרדאָ, קאליפאָרניע, זיסער מוסקאטעל און זויערע רהיין־וויינען, שמאָל־העלזיגע, שלאנקע שאמפּאניער־פלאשען, קוישען מיט פרוכט, זיבען־פאכיגע טאָרטען. פון דע ר קיך ארויס — די וואונדערבארע, אייגענע קיך איז געווען דער שטאָלץ פון דער קאָנגרעגיישאָן „גייטס אָוו מוירסי" — האָט מען סערווירט טיי, קאפע און פּאָסטאָם פאַר די עלטערע לייט. די עלטערע לייט — שוין די טאנצ־יאָרען אריבער — האָבען עס זיך ארומגעקליבען דאָ ארום די טישען.

דורכ'ן טומאַן, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען פון די ציגארען און די הייסע געטראנקען, האָט זיך געזעהן עפּעס א גרוי־באוואקסענער, שאָטענהאפטיגער קאָפּ. א פּאָר איינגעטריקענטע ליפּען האָבען זיך שוואך און עובר־בטל'דיג געשאָקעלט. און איבער'ן טומאַן האָט זיך עס אויסגעדראכט, אז ס'איז בלויז א קאָפּ, א באַזונדערער, פונ'ם גוף אָפּגעשניטענער קאָפּ, וועלכער האָט אָנגע־

הויבען ריידען. קיין אויגען האָבען זיך ניט געזעהן. בלויז א מויל.

„...און אנדערש מאָל פלעגען די קאָזאקען צווינגען די על־טערען דער׳הרג׳ענען זייערע אייגענע קינדער. דאָס איז געווען דער פאל מיט אברמ׳ל קראוק׳ן. אויב די עלטערען פלעגען זיך עס אנטזאגען צו טאָן, פלעגען די קאָזאקען זיי צע׳נהרג׳ען, איז־דעקעווען זיך איבער זיי, שלאָגען מיט די באגנעטען, ארומשלעפען פאר די האָר, און מוטשען זיי אויף אנדערע אופנים. אויב איג׳ם הויזגעזינט האָבען זיך געפונען יונגע מיידלאָך, פלעגען די קאָ־זאקען פארשפארען די איבעריגע פאמיליען־מיטגלידער אין א זייטיגען צימער, וועלכער פלעגט באוואכט ווערען פון א סאָלדאט, און דאמאָלס פלעגען זיי מאנס זיין די פרויען, איינע נאָך דער אנדערער. אין אנדערע שטעט פלעגען די קאָזאקען אוועקשלעפען די יונגע מיידלאָך אין די סעדער אָדער וועלדער — פריילינג איז עס געווען, ארום שבועות — און נאָך די חיות׳דיגסטע מיני איזדעקעוועון זיך איבער זייערע קערפערס, זיי דערנאָך דער׳הרג׳ע־נען. די, וואָס זענען געבליבען לעבען, וואַרטען, ביז זיי וועלען געזונט ווערען און וועלען האָבען גענוג כח זיך אליין צו דער׳־הרג׳ענען."

דאָס ענגלישע וואָכנבלאט, וואָס איז די גאנצע צייט גע־האנגען אין דער געפילדיגער לופט פאר דעם אונטערגעהאלטען קאָפ — ס׳האָט זיך אויך ניט געזעהן, וועמעס האנט ס׳האָט עס צוגעהאלטען דאָס בלאט פאר׳ן גרויען צעקאשמעטען קאָפ — איז ערגיץ ארונטערגעפאלען.

— פע, ווי קאָנען זיי עס נאָר... — די דיקע דאמע מיט׳ן דריי־גאָרענדיגען גוידער האָט געפאָכעט איר אויפגעקאָכטען פנים מיט׳ן יאפאנעזישען פעכער. ס׳איז ניט געווען קענטיג, אויב ס׳פארדריסט איר אויף די קאָזאקען, אָדער אויף דאָס בלאט, וואָס שעמט זיך ניט צו באשרייבען אזעלכע אומאנשטענדיגע זאכען. —

פע, — האָט זי זיך געערגערט — ווי קאָנען זיי עס נאָר!...

— מיין גאָט, מיין גאָט! — די דאמע אין די מיטעלע יאָ־רען, וועלכע האָט א גאנצען אָוונט פלירטירט מיט׳ן טרעזשורער פונ׳ם טעמפעל, האָט עטוואָס ארונטערגעלאָזען די אויגען, בעת יענער האָט אונטער׳ן טיש געדריקט זיין קני צו אירער. מיט־

אמאל האט זי זיך דערפיהלט שטארק אומבאקוועם און נאריש. זי האט געהאט דאס געפיהל, ווי זי וואלט זיך מיט עמיצען ליב געהאט אין דער פינסטער, און מען האט אויף זיי פלוצלונג דאס ליכט אויפגעדרייט. דערפאר האט איר אויף עמיצען — אן אומ־באקאנטען, דערשלאגענעם און אפשטויסענדיג־שוואכען עמיצען אויף יענער זייט ים — פארדראסען. זי האט בייזליך פארביסען די ליפעלע. — מיין גאט, מיין גאט, — האט זי גע'חזר'ט צער'דיג, און אפגערוקט איר קני.

א מינוט איז געווארען שטיל, און אלע מענער און ווייבער, אייגענע און פרעמדע, צעהיצטע איינער קעגען אנדערען, האבען זיך דערפיהלט — איבער עמיצענס, ניט זייער שולד — נאריש און דערצארענט. דאס געשפרעך האט זיך ווייטער ניט געקלעפט. און אלע האבען געקוקט אויפ'ן גרויס־פארגעלטען קאפ פונ'ם אל־טען עובר'בטל'דיגען קאנגרעגיישאן־מיטגליד, וועמען ס'איז אינ־מיטען איינגעפאלען צו לייענען דאס דאזיגע שטיקעל נייעס. דאס איז זיכער געווען — האבען זיי אלע געטראכט — א סימן פון גראבע אומאנטוויקעלטע מאנירען. דא זענען געווען דאמען, און זיי האבען זיך דאך געקאנט פיהלען אומבאקוועם. און וואס איז דא צו ריידען — זיי האבען זיך טאקע אלע געפיהלט שטארק אומ־באקוועם, און ניט געוואוסט, וואס ווייטער צו טאן.

דאמאלס האט יודזשין גולסענגער, וועלכער איז דא ביים טיש געזעסען, פארטיפט אין א געשפרעך מיט מיס עסטעל שיינ־טאל'ן, געווארפען א רוגזה'דיגען בליק אויפ'ן פארוואקסענעם קאפ האר, וועלכער האט איצט געדרימעלט איבער א גלאז עפעס, אן אויסגעמאטערטער.

— אזעלכע עובר בטל'ס... גארניט, זיי מעגען זיך לעבען געזונטערהייט. אבער פארוואס לאזט מען זיי ניט זיצען אין דער היים ?

א דערצארענטער האט ער זיך אויפגעהויבען, אנגענומען זיין דאמע אונטער'ן ארעם, און ארויסגעגאנגען אן אנגעבלאזענער פון צימער.

אויפ'ן וועג האט ער איר אויסגעגאסען זיין הארץ :

— אך, מיין גאט... צו וואס ריידען אזויפיל וועגען דעם. —

ער האָט דאָך גוט פאַרשטאַנען, פון וואַנען דער באַריכט אין׳ם ענגלישען וואָכענבלאַט שטאַמט: פון זיי, פון די אידען, נאַטירליך!... אָבער צו־וואָס אַזויפיל שמועסען וועגען דעם אין דער עפענטליכקייט, רייסען אַלעמען די אויגען! קאָנען דען די רייך העלפען. וואָס מיר קאָנען, טוען מיר דאָך. אָט האָב איך געגוי אַ יאָר צייט גע׳פּטר׳ט צווישען זיי. זיך אויסגעשטעלט צו אַלערליי געפאַרען, געקאָנט אַנידערפאַלען אין אַ ליאַרע עפּידעמיע, וואָס הערשען דאָרט כסדר, געליטען אַלע אומבאַקוועמליכקייטען און אומריינקייטען, אַלערליי מאַנגלען.... און צוליב וואָס? צוליב וועמען? דאָך אַלץ צוליב זיי. אָבער אויף זיי איז גאָרניט אָנגעלייגט. אַלץ טוט מען פאַר זיי, און זיי זענען תמיד אומצופרידען. פּונקט ווי עם וואָלט זיי ג ע ק ו מ ט! אומדאַנקבאַרע... פּע, מאוס...

ער איז אַנטשווינגען געוואָרען, ווייל ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער ווערט אין כעס, וואָס ס׳איז ניט געווען שעהן אַרויסצווייזען פאַר אַ כלה אין דער גאָר ערשטער צייט. אָבער קיינער האָט דאָך אים ניט געקאָנט שטערען, ער זאָל טראַכטען פאַר זיך אַזוי, ווי ער וויל. האָט ער עם טאַקע געטאָן. אומגעפער אַזוי — אין דער שטיל, פאַר זיך:

„— פּע, אַ מאוס׳ער עולם... מען קאָן פאַר זיי קיינמאָל ניט יוצא זיין. זיי מאַכען עס דאָך אָן אַזאַ טומעל, אַזאַ געפּילדער. ער האָט זיך דאָך שוין לאַנג געוואָלט פאַרגעסען אָן זיינע דערדריקענדיגע איינדרוקען פון דאָרט, איז געקומען דער היינטיגער אָוונט. ער וואָלט דאָך זיכער, — נאָכדעם, ווי אים איז אין פאַרלויף פון אַ היבשע פּאָר חדשים געלונגען זיך אָן אַלץ צו פאַרגעסען — ניט געהאַלטען די דאָזיגע רירענדע רעדע. ס׳איז ניט איבעריגס אָנגענעם זיך ווידער פאָרצושטעלען יענע ערטער או... מענשען. ער געדיינקט זיי נאָך — די שמוציגע, די אָפּגעריסענע, די פאַרוואָרימטע, מיט די ווילדע העויות און דעם מאָדנעם ג... זאַנג אין זייער ריידען, אַזעלכע צודרינגליכע, אַזעלכע קלעפּ... דיגע. זיי האָבען דיר אַלעמאָל געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ד... טוען זיי גאָר ד י ר אַ טובה, פאַרוואָס זיי נעמען הילף... א... אַזעלכע ניט־פאַרגינערס! מען האָט נאָך געמאַכט אויף א... בלבולים, אַז ער צאָלט זיי ניט אויס גענוג, אַז ער לעבט רייכ־

פאַרשווענדעריש!... אויף זייער געלט? דערלייגען זיי עפּעס צו דעם? אַ ניט־פאַרגינעריש אויג...

...מיט די פּאָליאַקען איז שוין געווען אַ סך בעסער, אנגע־נעמער צו האַנדלען — האָבען כאָטש מאַניִרען! איידעלע דזשענטעלליים, שמייכלען פריינדליך, זענען געווען דאַנקבאַר, ווען ער האָט פּאַר זיי עפּעס געטאָן... נאַטירליך, האָט ער פאַר קיינעם ניט אַרויסגעזאָגט זיינע איינדרוקען, דאָס, וואָס ער דיינקט — ע ר האָט נאָך געגוג טאַקט! אָבער ביי זיך אין האַרצען ווייס ער דאָך — מיט די פּאָליאַקען איז דאָך זיכער אַנגענעמער געווען צו האַנדלען, ווי מיט „זיי"... האָבען כאָטש אַ ריין מויל — — "

דורך געדרייטע האַלב־באַלויכטענע שטיגען האָבען זיי זיך אויפגעהויבען פון דער „וועסטרי" אינ'ם בייסמענט, אין דער הויך אַרויף אינ'ם טעמפּעל אַריין. זייערע טריט האָבען באַלד דער־פּיהלט די ווייכע בראַזינענדיגע קאַהפּעטס, וואָס זענען געווען פאַרשפּרייט איבער די טעמפּעל־דורכגאַנגען. דאָרט איז געווען טונקעל און שטיל.

ג.

אונטען, אַרום דעם טיש, אָנגעשטעלט מיט קוישען פרוכט, באַרויטעלט און באַפּורפּעלט מיט די פאַרשידענסטע ווײַנען אין די געשליפענע קווילישעקלאַך און בעכערלאַך — גראַנירטע בעל־גישע דימענטען־אַרבייט — איז די סעודה נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען.

נאָר שוויינענדיגערהיים.

דאָס ליכט האָט געברענט און די ווײַנען האָבען זיך גערוי־טעלט אין שווייגעניש.

דער פּרעזידענט — לודוויג מוירשנער, עסקווייר — האָט עס געפּיהלט אַלס זיין חוב, איצט, אַז די „ווירטין" מיס שיינטאַל, איז פאַרשוואונדען, — האָט ער עס געפּיהלט אַלס זיין חוב אַרויסשלעפּען דאָס געשפּרעכען־שיף פון די געפערליכע וואַ־סערען, אויף אַ זיכערען וועג. אויף אַן איידעל־אָנגענעמען, גע־זעלשאַפטליכען געשפּרעך אין די גרעניצען פון שמייכעלדיגען, רו־איגען, לייטישען געזעלשאַפטליכען פּאַרקער.

—נ־נאַ, נאַטירליך, עס איז דאָך אַ היפּש ביסעל איבערגע־טריבען.

— יאָ, איר ווייסט דאָך! ציימונגען!

— וואָס אמת איז, — בלויז אין די „אידישע“ צייטונגען ערשיינען דאָך אזעלכע באריכטען — מען דארף זיך בכלל פארהאלטען פאָרזיכטיג צו אזעלכע ידיעות, אויסערסט פאָרזיכטיג. מרס. אדעל בורהאָף האָט געהאט אן אויפגערעגט־פלאמענדיגען פנים. זי איז געווען איינע פון די הויפט־אינספעקטאָרם פון דער גרויסער הילפס־אָרגאניזאציע, — אן אויסלענדישער אינספעקטאָר. די מייסטע צייט פון יאָר — אויסער די צוויי ווינטערדיגע מאָנאטען, וועלכע זי פלעגט פארברייננגען אין די האלבטראָפישע בערמיודא־אינזלען — פלעגט זי ארומפאָרען פון אמעריקא קיין אייראָפא, און צוריק. אין די אינטערעסען פון די אָרימע, ליידענדע ברידער. און א באהאלטענע, ביטערע קריוודע האָט זי געהאט קעגען די אידישע צייטונגען, וועלכע האָבען, אין זייטיגע באמערקונגען, געגעבען פיל מאָל אָנצוהערענישען, אז זי פארשווענדט צופיל פון די הילפס־געלדער פאר אירע לוסט־רייזען קיין אייראָפא, און אז, בכלל, פאסט זיך מרס. אדעל בורהאָף נים פאר אזא ארבייט: זי איז א פרעמדע. און האָט זי דען נים אָנגעשטעלט א ספעציעלע פריוואט־סעקרעטערין, אן איסט־סיידער מיידעל, וועלכע איז אויך שטענדיג ארומגעפאָרען מיט איר, בלויז דערפאר, ווייל זי האָט געקאָנט אידיש, און האָט איר געהאָלפען זיך פארשטענדיגען מיט די אָרימע ברידער, מיט די „ידרען“? אן אנטוישטע, אָנגעפילט מיט פעסימיסטישע געדאנקען וועגען דער מענשליכער אונדאנקבארקייט, פלעגט מרס. אדעל בורהאָף אין געדאנק צוגעבען מיט א טרייסט:

— שווער יוצא זיין קעגען אלעמען — — —

דאָ האָט זיך ארייגקעמישט די בלאָנדע שלאנקע דאמע, מיט'ן עטוואָס־פארריסענעם נעזיל און די גאָלדענע האָר, וועלכע איז די גאנצע צייט געשטאנען שווייגענדיג, מיט אן איידעלער דערווייטערטער מינע פון א פרעמדער — א ליימישען גאסט. א געזיכט האָט זי אויך געהאט א נים־אידישען.

— נו, מאָלט אייך, אויף די ווילדע אוקראאינער, אויף די האידאמאקעס, איז דאָך אלץ צו גלויבען — חיות. זענען זיי דען מסוגל צו פארשטעהן, אז אידען זענען אויך מענשען?

דער פרעזידענט פון דער קאָנגרעגיישאָן, — לודוויג מוירש־

נער, ע ס ק ו ו י י ר — האָט אָנגעקוואָלען פון אירע רייד. ער האָט זיך געפיהלט אביסעל פאראנטוואָרטליך פאר איר. דאָס האָט ער זי דאָך איינגעלאַדען אהער. זי איז דאָ געווען זיין דאמע.

— ווי דורכגעדרונגען מיט הומאניטארישע פרינציפּען, — איז געווען אינ׳ם פּרעזידענט׳ס באוואונדערונג.

און אויך זי אליין, די בלאָנדע דאמע מיט׳ן נדלות׳דיגען פּנים, האָט א שטילען, איינגעהאלטענ־איידעלען שמייכעלע געטאָן פון צופרידענהייט. כאָטש אליין א פרעמדע, א גוי׳ע, א פּוילישע — זי האָט געארבייט אלס „פלאָר־וואָקער“ אין איינעם פון די אָפיסעס פון דער גרויסער הילפס־אָרגאניזאציע — און דאָך: זעהט!...

— בכלל, גלויבט איר נישט, אז ס׳איז אלץ א סך פאַרגרע־סערט? סענזאציעס, צייטונגען ווילען פּראָפיטען שלאָגען! ווייל איז דען נאָר מעגליך, אז מענשען זאָלען זיין אזוי שלעכט, אזוי שלעכט?!

דאָס האָט זיך נעבעטען די דאמע אין די מיטעלע יאָרען ביי דער בלאָנדער דאמע מיט׳ן פּאַרריסענעם נעזעל. חנ׳עוודיג־אומ־באהאָלפען האָט זי אריינגעפּאסט דאָס ראָזעווע שפּיציגע קינעלע אין דער עפּנונג צווישען גראָבען און טייט־פינגער. דער טרע־זשורער פון דער קאָנגרעגיישאָן האָט געטראכט: זי קוקט אויס אזוי „זאפּטיג“! וואָס האָט איז געווען איינער פון די עטליכע אי־דישע ווערטער, וואָס ער — ווי א סך פון זיינס גלייכען — האָ־בען געוואוסט. די איבעריגע ווערטער זענען געווען: שמאלץ, מעזומאָה, שמיסען, געשעפט, ידדישע קאָזאצקע.

זי האָט עס ניט געקאָנט — זי האָט עס ניט ג ע ט א ר ט גלויבען. און ער האָט מיט א זעהר פריינדליכען קאָפּ־שאָקעל צו־געשטימט דערצו.

— איז עס מעגליך, אז מענשען זאָלען זיין אזוי שלעכט, א ז ו י שלעכט? מיין גאָט! מיין גאָט!

אזוי האָט זי געזאָגט:

— מיין גאָט. מיין גאָט.

בן, רובינשטיין, דער שמש פון דער קאָנגרעגיישאָן, ווייל ער

האָט געוואָלט האווירען און אויסנעמען ביי אלע שוועסטער און ברידער פון דער קהלה, האָט ער זיך זעהר געסטארעט אוועקפירען דאָס געשפרעך פון דעם אומאנגענעמען פונקט. אזא ווייטאָג: איבער ד ע ם קאָנען זיי נאָך א צווייטען מאָל ניט וועלען קו־מען! אויסערדעם, האָט ער אויך געהאט א ווייך, מיטפיהלענדיג הארץ. האָט ער מער ניט געקאָנט צוזעהן דאָס פייניגען זיך פון דער מיטעליאָריגער דאמע, וועמען עס איז פון דעם פשוט דאָס חיות איינגעגאנגען.

רופט ער זיך אָפּ:

— נו, ליבע פרוי, איר דארפט זיך עס ניט נעמען אזוי שטארק צום הארצען. אין אנדערע מדינות איז עס דערפאר א סך, א סך בעסער. אומפארגלייכליך בעסער. אין פוילען, למשל, רייסט מען בלויז בערד.

דער פרעזידענט איז רויט געוואָרען, האָט פארשעמט א קוק געגעבען אויף דער בלאָנדער דאמע מיט'ן ניט־אידישען פנים. ער איז אָנגעבלאָזען געוואָרען מיט רציחה.

— ס'ארא נארישקייט, רובינשטיין... וואָס פלאפּעלט איר? ווער הייסט זיי דען טראָגען בערד?

— פע, בערד... ציגענע, שפיציגע, קאלטענעוואטע בערד... אויסגעריבענע בעזימלאך...

— דאָ — טראָגען מיר דען בערד, וואָס? אזעלכע אומ־ציוויליזירטע!

— וואָלט איר דען געוואָלט טראָגען א באָרד? — דער פרע־זידענט האָט דערצאָרענט געשלונגען רובינשטיינ'ען מיט די אוי־גען. ער האָט זיך געשעמט קוקען אין דער בלאָנדער דאמע'ס זייט.

— ווילט איר דאָ אויך איינפירען בערד?

דער שמש האָט געפלאַמט פון בושה. ער'ט געוואָרט די ערד זאָל זיך אים עפענען אונטער די פיס. גאָט, צו וואָס האָט ער עס נעדארפט... פארלוירען האָט ער געשטאמעלט:

— חלילה, בערד גאָר... ווער וויל עס דען בערד... ווער זאָגט דען...

און אזוי ווי אלע אויגען פון די פארזאמעלטע האָבען געקוקט אויף אים מיט פאראכטונג און שנאה, האָט אין אים מיטאמאָל

דאָס הארץ גענומען זינקען. אינסטינקטיוו האָט ער זיך געכאַפּט פאַר דער מאָרדע, און זי אָנגעהויבען ארומטאַפּען. אז די פּאַרזאַ־מעלטע האָבען זיך צונויפגעפּלאָנטערט אין אַ פאַרטיפטען גע־שפּרעך, איז ער צוגעלאָפען צום שפּיגעל, אָהן אָטעם. פון גרויס דערלייכטערונג, איז ער אזש בלייך געוואָרען.

— כ׳דאַנק דיר, גאָט, — האָבען זיינע ליפּען געשעפּטשעט.

— וואָס איך האָב ניט קיין באָרד.

און ארום האָבען זיך געשאָטען שטעכעדיגע, אָפּשפּעטערישע רייד.

— הע, צוליב וואָס מענשען מאַכען עס אַ טומעל...

— אז ס׳זענען גאָר קיין מענשען ניט...

— ווילדע ברואים...

— פּראַ־אָדם׳ס...

— און ריידען נאָך איינגע׳עקשנ׳ט אויף זייער ווילדען קויר־דערוועליש...

— און ווילען נאָך, מען זאָל עס „אנערקענען“! „נאַציאָנאַ־לע רעכט“! „מינאָריטעטען־רעכט“!

מען האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו רובינשטיינ׳ען, אים ארומגערינגעלט, אריינגענומען אין מיטען. שפּיציג־לאַכעדיגע אויגען האָבען אים גענומען בריען:

— אַנו, רובינשטיין, רעדט אונז אביסעל „ידדיש“... שמאָלץ, פּעטס, זאַפּטיג, מעזומא, איי־וואַי, כאַ־כאַ...

רובינשטיין האָט זיך דערשראָקען, פאַרלוירען געשמייכעלט, זיך אָנגעהויבען בעטען:

— אַך, כ׳וואָלט עס גערן געטאָן, נאָר פון וואַנען זאָל איך עס קענען... איך בין דאָך ניט קיין רוסישער — איך בין אַן אונגארישער, פון עסטרייך... מר. שיינטאַל קומט אויך פון עסטרייך.

מילא, האָט מען אים געמוזט אָפּלאָזען. דעריבער איז זייער צאָרן געוואָרען נאָך שטאַרקער. איינער האָט שאַרף, ווינקעלדיג אויסגעשפּיגען. (ס׳איז געווען סקאַנדאַליעז: ער האָט עס אפילו ניט געטאָן אין זיין זיידענער פאַרפומירטער נאָזטיכעל. אָבער אין דער אלגעמיינער אויפרעגונג האָט עס קיינער ניט באַמערקט).

— פע, ס'אַרא עקעל... לאַנגע, קאַלטענעוואַטע, אומריינע בערד... מיט פעדים, לאָקשען און שמעק־טאַבאַקע..

— און זיי שרייען נאָך צו אונז, אז מ י ר זאָלען זיך אָנ־נעמען פאַר זיי! מ י ר זאָלען פאַרטיידיגען זייערע בערד! כאַ־כאַ!

אַן עלטערער, מיושב'דיגער הער — האָט געשטאַמט פון אַן אַלט־אידישער יחוס'דיגער משפחה ערגיץ אין מערען — האָט אים נעפרואווט איינגעמען:

— נו, אונזערע קרובים, ברידער... אַן איינגענע, מכה — מען דאַרף שווייגען. און מיט א קלוגען שוינ־ערהפאַרענעם קוק פון אונטער זיינע גרוי־באַברעמטע אויגען אַרוים, האָט ער צוגע־געבען:

— אז איר ווילט, ליבער פריינט, איז עס דאָך מער נים, ווי א גמילת־חסד... ווייל ווער ווייס — דאָס רעדעל קאָן זיך דאָך איבערדרייען, עס האָט זיך דאָך שוין אַזויפיל מאָל איבערגעדרייט און דאַמאָלס וועלען ז י י אונז אַלע צוריקקערען... האַ־האַ... מ י ר קאָנען דאָך ביט זיין זיכער!

דער, צו וועמען ער האָט גערעדט, האָט אים אָנגעקוקט מיט א פאַר תמ'עוואַטע, ניט־פאַרשטעהענדיגע אויגען.

וואָס, אייגענטליך, האָט ער מיט דעם געוואָלט געבען אָנצו־הערעניש? און דאָך איז אים פונ'ם נו.יען אַלטישקענ'ס קלוג־פאַרשטעהענדיגען, שוין א סך געזעהענעם בליק, עפּעס אַזוי קאַלע־מוטנע־אומהיימליך געוואָרען, און ער האָט זיך א ווײַלע פאַר־לאָרען. נאָר באַלד איז ער צו זיך געקומען, און נצחונ'דיג אַרוים־געשריען:

— נו, אויב אַזוי... אויב אַזוי... אויב אַזוי — טאָ זאָלען זיי א ל י י ן די בערד אָפּגאָלען!

און אויף דעם האָבען זיך אַלע געאייניגט. אַלע צוזאַמען האָבען אויסגעשריען:

— זאָלען זיי אַליין אָפּגאָלען די בערד!
— זאָלען זיי אַליין אָפּגאָלען די בערד!

און דער אָוונט איז ווייטער אָנגעגאַנגען. ס'איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. מיטענאַכטיגע שטורעמס אויף ווייטע ים'ען

האָבען זיך געלייגט. אין דרויסען איז געווען שטיל.

ס'איז געפאַלען דער ערשטער שניי.

שטיל האָבען די שנייאיגע רעדעלאך ארומגעטאַנצט, זיך גע־וואַקעלט, זיך פארלוירען, זיך צוריק אָפגעזוכט, גענומען זיך פאר די הענטלאך, און געפאַלען אויף די הויכע מויערען און די לעצטע פורפורנע קרויט־קעפּלאך אין די קליינע גערטענדלאך. פּאַמעליך, לופטיג, ניט־אָנרירענדיגערהייט האָט דער שניי אַלץ באַדעקט. ווייס איז געוואָרען. א מעשה־וועלט, א חלום־וועלט. א שטאָט פון ווייסער שנייאיגער פארטראַכטקייט צווישען פעלדער.

און פונ'ם אונטערשטען טייל טעמפּעל האָט זיך גאָלד פון די פענסטער געלייגט איבער'ן פארשנייטען הויף ארויס. די טאַנ־צען זענען שוין אָפּגעשוואַכט געוואָרען. בלויז א פּאָר שטאַרק־יונגע פּאָרלאך האָבען נאָך קינסטלעריש־מייסטערהאַפט אויסגע־טאַנצט א „טויבען־גאַנג". ארום די טישען איז געוואָרען פולער, רוישינער.

און אַז די הערצער פון די קאָנגרעגיישאָן־מיטגלידער זענען וואויל געוואָרען פונ'ם וויין, האָט דער טרעזשורער באַפוילען רובינשטיין'ען, ער זאָל ברייננען נ אָ ך וויין.

— נ אָ ך וויין!

רובינשטיין איז ארויס אין טונקעלען קאָרידאָר, וואו אין ווינקעל האָט זיך געפונען די טיר אין שפּייזאַרניע אריין. דאָ האָט אים מיטאַמאָל א קלאַפּ געטאָן אין די שלייפען. ער האָט זיך גע־מוזט אָנשפּארען אָן דער קאַלטער עמאַלירטער וואַנט.

ער וואָלט אפשר גערארפט לאָזען דאָ אַלעמען און געהן אַהיים? ער איז דאָך געווען זעהר מיד. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז ס'איז נאַריש. אַז ער וועט עס ניט טאָן. אין מיטען דרינען? זיי וועלען דאָך דאָר בלייבען אָהן וויין!

קלערט ער, אַז ס'איז שוין בעסער ארויפגעהן אויבען אינ'ם טעמפּעל־זאַל ארויף. דאָרט איז שטיל און טונקעל. ער'ט זיך אביסעל אָפּרוען. ס'איז גאָרניט — ס'וועט אריבער. ס'קומט פון בלוט־אָרימקייט. ער האָט שוין אָפט געהאַט אַזעלכע אַטאַקעס. אָט, ער וועט זיך צוזעצען, האַלטען דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף הינטען. אַזוי, רואיג.

ער האָט פּאַמעליך געעפענט די שווערע, הינטערשטע טיר

און איז גלייך פאַרשלונגען געוואָרען אין דער טונקעלהיים. צו־ערשט האָט ער גאָרניט געזעהן. ס'האָט זיך בלויז געפיהלט דער וואַרימער, לייד־יגער, ווייבער גערוך פונ'ם טעמפעל. זיינע טריט זענען געזונקען אין די ווייכע סטעזשקעס.

לעבען דעם עקסטען פענסטער, וואָס האָט זיך אים באַלד אָנגעהויבען בלויען אין דער טונקעלהייט, האָט אַ פייער'ל אויפ־געגליט. פון אומדערוואַרטעטקייט האָט זיך רובינשטיין אָנגע־כאַפּט אָן דער פאַרענטשע פון אַ באַנק. פון דער שול־טונקעלהייט ארויס האָט ער דערהערט אַ שעפּטשען.

אַז דאָס הארצקלאַפּעניש איז שטילער געוואָרען און זיינע אויגען זענען צוגעוואוינט געוואָרען צו דער טונקעלהייט, האָט ער קענגען בלייכען שיין פונ'ם שנייאיגען דרויסען, וואָס האָט שטיל זיך געצויגען אין שול אריין דורך די גרויסע פענסטער, ־דערגרייכט דעם סילועט פון יודזשין גולסענגער'ן. מיט איין אָרעם האָט ער ארומגענומען אַ דאַמע, און מיט דער צווייטער האָט ער אַלע ווײלע צוגעטראָגען צום מויל זיין ציגאַר.

אַ דערשראָקענער, אַ פאַרשולדיגטער, האָט זיך רובינשטיין אָפּגעטראָגען אויף די שפּיץ פינגער און זיך געלאָזט אַלץ טיפער אין שול אריין, צום מזבח, פון וואַנען די קופּערנע אָרגעל־רערען האָבען געשיינט אַהער מיט אַן אומהיימליכען גלאַנץ. ביי די זייטען פון דעם אָרון־קדש זענען געשטאַנען די פיר אויסגעבעטעטע פּאָ־טער־שטולען — פאַר דעם פּרעזידענט, דעם ראַבבי, און צוויי פון די וויכטיגסטע קאָנגרעגיישאָן־באַלעבאַטים .

רובינשטיין האָט אויפגעדרייט אַן עלעקטריש לעמפּעל, ווייל אין דער טיפעניש פון שול, וואָס האָט געפירט צום אָרון־קדש צו זענען די ווענט געווען בלינדע און קיין שיין האָט פון ערגיץ ניט אריינגעלויכטען.

אין איינעם פון די ווייכע פּאָטער־שטולען איז געזעסען דער פּרעזידענט — טאַקע אויף זיין שטול. אויפ'ן שויס האָט ער גע־האַלטען די שלאַנקע בלאָנדע דאַמע, מיט'ן פּנים צו זיך און מיט'ן רוקען צו דער שול ארויס מחמת זי איז געזעסען אביסעל ארויפ־גערוקט אויפ'ן פּרעזידענט'ס שויס, האָט זיך איר קליידעל צופיל ארויפגעצויגען. איר זיידענע האַלקע האָט געשימערט.

פון דעם אומדערוואַרטעטען ליכט איז זי אויפגעשפּרונגען,

אַנגעהויבען פארקנעפּלען איר בלוזקע, הינטערוויילעכטס און פאר־שעמט זיך אָנגעהויבען רוקען אין דער טיפענעש צום אָרון־קדש צו אָבער דער פּרעזידענט איז געבליבען זיצען. ס'איז דאָך געווען זיין שטול.

— וואָס זוכט איר דאָ? — זיין שטים איז געווען גראָב, הייזעריגלאך־אויפגערעגט.

— איך זוך דעם ווייַן.

— וואָס'ערא וויין? וואָס'ערא וויין?

— דער טרעזשורער האָט געהייסען ארויפברייננגען נאָך ווייַן.

— הא, דער טרעזשורער... א טייערער בעל־הוצאה... נו, דער וויין איז דאָך אין שפּיזארניע.

— יא, דער וויין איז אין דער שפּיזארניע. — רובינשטיינ'ס פּנים האָט געפלאמט פארשולדיגט. ווי האָט ער עס געקאָנט פאר־געסען, אז דער וויין איז אין שפּיזארניע?

ער האָט אויסגעדרייט דעם לעמפּעל, אויף די שפּיץ פינגער ארויס פון שול. ער האָט דאָך געוואוסט, אז ער שטערט.

און אין טעמפּעל איז ווידער געוואָרען שטיל פּונקט ווי אין דער שניי'איגער וועלט דרויסען.

ס איז שוין געווען נאָר שפּעט ביינאכט, ווען די געסט זענען זיך צעגאנגען פונ'ם טעמפּעל. ס'איז געווען ביים סוף פון דער צווייטער אשמורה. אין דרויסען איז געווען נאכטיג־שטיל — א ווינטער־נאכט. די שנייאיגע ווייסקייט האָט שוין אלץ פארדעקט — די אויטאָמאָביל־פּאסען איבער'ן וועג, די מענשליכע טריט און דאָס ליכט פון די פענסטער צווישען הימעל און ערד איז שוין איצט נאָר ניט געווען — דער שניי איז שוין ניט מער געפאלען. בלויז א שטילע, איינגעהאלטענע בלויקייט אין דער לופט. שא. א וויי־סינער טויט.

א פּאָר שעה נאָכאנאנד האָבען קעננעטה און רובינשטיין גע־ארבייט אין די וועסטרי־רומס, צוגעקליבען פון די טישען, צע־שטעלט די שטולען אין דער געוויינליכער אָרדנונג, געוואשען די דילען מיט גאָלד־דאסט און וואש־סאָדא. ס'איז שוין באלד געווען פארמאָרגען. אן אומגעזעהן פייער האָט א ברי געטאָן אונטער די פּלינלען פון ווייטע הענער, און אין אויסגעצויגען, געהיימניספול־

אַנזאַנגענדיג קרייען האָט זיך אויסגעצויגען אין דער טראַגענדיגער שטיל פון סוף־נאַכט.

קענגעטה, א הויכער, שווייגענדיגער, אויסגעדאַרטער גוי, מיט א שטאַרק פרומען פּנים פון א פאַרוואָרפענעם ניי־ענגלענדער פאַרמער, האָט גריבען מיט דער שוואַכרע די דילען, געריבען און געשוויגען. פון די סך ברענענדיגע לאָמפּען איז געווען ליכטיג — א טויטע ליכטיגקייט. און דורך דער טויטער ליכטיגקייט האָבען זיך צו רובינשטיינ'ען מיטאַמאָל אונטערגעטראָגען די ווערטער פון א שאלה:

— מר. רובינשטיין... פּליעז, מר. רובינשטיין... זאָגט מיר נאָר, וואָס איז עס היינט פאַר א יום־טוב ביי אידען?

רובינשטיין איז אַרויסגעטרייסעלט געוואָרען פון זיינע מחשבות, אָנגעקוקט דעם הויכען, דאַרען ניי־ענגלענדער מיט די אויסגעשטעלטע פרעגעדיגע אויגען. ער איז געוואָרען בלייך, אויפ'ן פּנים האָבען זיך אים געמיניעט אַלערליי פאַרבען. ער האָט אַרונטערגעלאָזען ז י י נ ע אויגען, און אָנגעהויבען פּלאָנ־טערען מיט דער צונג:

— אָ, היינט?... איר מיינט, הייסט עס, היינט ביינאַכט? היינט ביינאַכט... היינט ביינאַכט איז א יום־טוב... א יום־טוב אזא א אידישער.

אז זיי זענען געוואָרען פאַרטיג, האָט זיך רובינשטיין אַנידער־געזעצט ביים טיש. א ווייל געשוויגען. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע א צעקנייטשט פּאַפּירעל, עס פאַנאַנ־דערגעוויקעלט, ווי א בריף. א צייט האָט ער איבער דעם אַרומ־געבלאָנדזשעט מיט די אויגען. דערנאָך האָט ער — הפּנים פון מידיגקייט — אַרונטערגעלאָזען דעם קאָפּ אויף די צוזאַמענגע־לייגטע אָרעמס אויפ'ן טיש. אזוי איז ער געבליבען ליגען א שטילער, א שווייגענדיגער, אָהן באַוועגונג, כמעט א טויטער.

אין דער טויט־ליכטיגער לופט איז געווען עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט דערמאָנט אָן א תשעה־באָב נאַכט אין א קליינ־שטעטעלדיגער שול, שוין נאָך די קינות. אין די ווינקלען פון דער שול, אָנגעפילט מיט מידקייט און אויסגעמאַטערטקייט, פּלאָנ־טערען זיך נאָך אַרום די אָפּגעשטאָרבענע ווערטער:

— אני הגבר ראיתי עני...

קענגעטה האָט זיך אָנגעהויבען וואונדערען, פארוואָס רובינ־שטיין געהט נאָך ניט אהיים. ס'איז שוין אזוי שפּעט. האָט ער ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. די לאָמפּען אויסדרייען האָט ער ניט געקאָנט, ווען א מענש זיצט נאָך. איז ער צוגעגאנגען צו זיין בעטעל, וואָס איז געשטאנען אין א זייטיגען חדר'ל, און זיך אויף דעם אנידערגעזעצט.

דורך דער אָפענער טירעל האָט ער געקוקט אויף רובינ־שטיינ'ס דינ־צוזאמענגעקאָרטשעטע אקסלען. אזוי ווי יענער האָט זיך נאָך אַלץ ניט גערירט — און אזוי ווי ער האָט זיך ניט גע־קאָנט לייגען שלאָפען — די לאָמפּען האָבען אזוי שטארק געברענט — האָט קעננעטה ארונטערגענומען פון זיין קליין פּאָליצקע א ספר'ל — א ברית החדשה — אין ברוינע, אַלט־געשטעמפּעלטע טאָוולען. מיט א פארשלאָפען, פארדומפּען קול האָט ער פון דאָרט ארויסגעלייענט פאר זיך:

„...איר שלאנגען־קינדער, ווער האָט דאָס אייך מזהיר געווען, דאָס איר זאָלט אנטלויפען פון דעם צאָרן, וואָס ווערט קומען. דער־ריבער ברייננט פּרוכט, ווי עס געהערט צו תשובה.“

ער האָט א געניץ געטאָן, ווידער אמאָל ארויסגעקוקט דורך דעם אָפענעם טירעל. רובינשטיין איז נאָך אַלץ געלייגען אומבאַר־וועגליך. ס'איז נאָך אַלץ געווען ליכטיג. האָט ער פאָרטגעזעצט זיין פארדומפּען לייענען.

— „...און טראָגט אייך ניט ארום מיט דער איינבילדונג, צו זאָגען: מיר האָבען איין פאָטער אברהם. דען איך זאָג אייך, דאָס גאָט קאָן פון דיזע שטיינער אויפשטעלען קינדער צו אברהמ'ען. די האק ליגט שוין ביים וואָרצעל פון די בוימער. יע־דער בוים, וועלכער ברייננט ניט קיין גוטע פּרוכט, ווערט מען אויס־האקען און אין פייער ווארפען — — —“

און די לאָמפּען האָבען נאָך אַלץ געברענט.

פון די אפגרונטען.

פֿון די אָפּגרונטן:

פֿון די אָפּגרונטן.

האַנאַ ראָמאַ.

אָוונט.

ס'ווערט שוין קיל.

פון די אָפּגרונטען.

„און די וואָס האָבען געלעבט אין דער פינ־
סטערניש, האָבען דערזעהן אַ גרויס ליכט".

עס איז אייך אלעמען וואויל באקאנט די זינדיגקייט און נישט ריינקייט פון דעם איצטיגען מאַן־און ווייב־לעבען, און עס ווייטאָגט גאָר איינעם צו ריידען וועגען דעם, ווייל עס איז אומזיסט, און אזוי איז גאָר די מאָדע, דער הויפּט אין אונזער גרויסער אידישער שטאָט, אין דעם כרך ניו יאָרק, וואָס איז דער סדום פון אונזערע היינטיגע צייטען, און ער וועט נאָך, אז די מאָס פון אומרעכט וועט שוין איבערפולט ווערען, חרוב ווערען פּונקט ווי דער אורשפּרינגליכער סדום אמאָל, אין לוט'ס צייטען. אויב נישט איר, די קומענדיגע דורות וועלען עס זיכער זעהן, הלואי זאָל איך זאָגען אמת.

ליבע. נו, אז די בחורים באטריגען די מיידלעך, באטריגען די מיידלעך די בחורים, ווארום פארוואָס נים? אלע דאָסזעלבע, אלע גלייך. מער ניט, עס איז שוין אזוי אין דער מענשליכער נאַטור, אז ס'איז ניט אזוי פאַרדראָסליך ווען א י ר נאַרט אָפּ י ע נ ע ם, ווי ווען י ע נ ע ר נאַרט אָפּ א י י ך. ערשט דאַמאָלס ווערט אייך אביסעל טרויעריגער, און איר פאַרטראַכט זיך, ווייל עס טוט אייך וועה, און עס דוכט זיך אייך: — איר זייט געוואָרען קליגער.

עס איז איבריג צו דערציילען, אז איך בין אין דעם פּרט ניט אָפּגעטיילט פון אנדערע, בין אזוי זינדיג און אומריין ווי די איבריגע יונגע לייט, ווייל, ערשטענס, וואָס קאָן איך זיך העלפען? און פאַרוואָס זאָל איך טאַקע זיין בעסער פון די איבריגע? אז איינער וויל ניט אונטערגעהן, וויל זיך ניט געפינען צווישען די אומבאַקאַנטע ערליכע ו ו ע מ ע ן מען טוט אומרעכט, און וועלכע שטאַרבען אזוי אוועק פאַרטונקעלט, מוז מען זיך געפינען צווישען די אנדערע, די אומערליכע, די אומגלויביגע און שלעכטע, וועלכע טוען דעם א נ ד ע ר ע ן אומ־

רעבט און וועמעס נעמען עס טיילען זיך ארוים אין דער אלגעמיי־נער חשב'ניש פונ'ם לעבען. ווארים אז איר וועט זיך ניט פעדע־רען און פייניגען דעם אנדערען, וועט דאָך דער אנדערער, אזוי זיכער ווי דער טאָג, זיך פעדערען און פייניגען אייך, ווייל דאָס איז די נאטור פון מענשען. און סתם — אזוי איז טאקע בעסער און אנגענעמער... דאָס איז איינס, און צווייטענס...

בקצור, איז זייענדיג א יונגערמאן, א היינטוועלטיגער, און טוענדיג זאכען וואָס זענען אין דער מאָדע, בין איך, פארשטעהט איר דאָך שוין אליין, אויך אזוי זינדיג און אויסגעלאסען ווי די אנדערע. איך האָב שוין, ווי איר קוקט מיך אָן, — און אויף מיין פנים איז גאָר ניט קענטיג איך זאָל זיין אזא אויסוואורף, ווי איך בין אין דער אמת'ן — ניט איין מיידעל האָב איך שוין אָפּגענארט, פארפירט, ליב געהאט עטליכע אין דערזעלבער צייט, יעדער איי־נער געזאָגט, זעהר היים, אז איך האָב זי ליב מי יודע וויפיל — האָב זי טאקע, ס'קאָן זיין, ליב געהאט זעהר פיל בשעת מעשה — נאָר הפּנים אז מער ניט, ווי בשעת מעשה.

און וואָלט איך אייך געזאָגט, אז עס האָט מיר דערנאָכדעם וועה געטאָן דאָס הארץ און פארדראָסען, וואָס איך בין אזוי אומ־ריין און זינדיג און ניט־ערליך, וואָלט דאָך עס געווען א ליגען... דער אמת איז, איך האָב מיך קיינמאָל וועגען דעם ניט פארטראכט, ווייל אלע זענען דאָך אזוי.

נאָר אנומעלטען מאכט זיך, אז מיינע א געליבטע נארט מ י ך אָפּ. שייך אָפּגענארט! נאָר זעהר מיאוס אויך דאצו. נאָך איידער, ווי זאָגט מען, מיינע קושען האָבען זיך באוויזען אָפּ־צוטריקענען פון אירע ליפּען, ערשט שוין!...

אפשר טאקע האָט זי די גאנצע צייט מיך גענארט; דעם אנדערען ליב געהאט צוזאמען מיט מיר, נאָר אז מען ווייסט נישט, טוט דאָך ניט וועה. נאָר דאָ האָב איך זי געכאפּט, אזוי צו זאָגען, אויפ'ן אָרט פונ'ם פארברעכען! איך האָב גערענקט, איך וועל עס ניט אויסהאלטען.

סטייטש, איך האָב דאָך זי אזוי ליב געהאט, און זי מיך אויך, אזוי האָט זי מיר אליין כמה מאָל געזאָגט און געשוואָרען זיך, און אזוי האָט עס טאקע אויסגעזעהן אויך — ערשט מיטאמאָל —

נא דיר! הפנים, אז ביי אונז אלעמען וואוינט א שד אין הארצען און מען קאן ניט וויסען פאראויס ווען ער וועט ארויסשפרינגען.

אזוי אומגעריכטערהייט! אזוי פארדראסיג! היינט וואו איז שוין דער יושר, וואו איז די ערליכקייט, טענה איך, וואו איז די פאמיליע־ריינקייט, וואו איז די געשלעבטליכע ציכטיגקייט. עס האט מיר אזוי געקלעמט ביים הארצען, כאטש גוה, שונאי ישראל, און באנעה זעלבסטמארד. אזא ווייטאג.

כ'האב אזש אנגעהויבען איינדארען, איינקווארען. מיין פנים איז פאר'חשכ'ט געווארען, פינסטער אזוי, אויגען שרעקליכע, פארלאפענע מיט בלוט, בליצען אזוי און פינקלען מיט פייער, אלץ פון טיפען אומדערקלערליכען ווייטאג און פיין, ממש א שרעק. באשלאסען, אין א טונקעלער, פארצווייפעלטער מינוט, טויטען, דער'הרג'ענען... אבער וועמען?... ווער־זשע קאן מיר באמת אנ־צייגען דעם א מ ת ' ע ן שולדיגען?...

מיינט איר דאך עפעס אודאי, כ'וויים גאר ניט וואס? קיין נעפאר ניט. כ'האב ניט נאר קיינעם ניט דער'הרג'עט, נאר אליין אויך ניט געשטארבען. פארקערט. א שטיק צייט בין איך טאקע געווען אליין מיט זיך, קיינעם ניט געוואלט זעהן, און נעדוכט האט זיך מיר אלץ צו זעהן די פאלשקייט ממש אויסגעקריצט אויף יעדענס שטערען! — נאר ביסלעכווייז האט זיך דאס ליכט צו־ריקגעקערט אין מיינע אויגען, מיין פנים האט זיך געררויטעלט, זיך נעקרעפטיגט און געשטארקט ווייל איך האב אלץ געטראכט און איבערגעטראכט, ביז איך בין ארויפגעקומען אויף געוויסע געדאנ־קען.

און דער דורשט נאך זינד איז אין מיר נאך געווארען שטארקער.

אז דאס צווייטע מיידעל האט מיך אפגענארט, האט זיך די וועלט שוין פאר מיר ניט געעקט, מער ניט, איך בין געווארען אביסעלע טרויעריגער און זיך אין זיך גופא טיפער איינגעוויקעלט, זוכענדיג שוץ און אפהיטונג. פאר פרעמדע אויגען האב איך עס אבער ניט באוויזען, נאר אדרבא. און אז דאס דריטע מיידעל האט מיך אפגענארט, — דעם אמת געזאגט, האב איך זיך אויף דעם געריכט, און אויף דעם במעט ווי ארויסגעווארט: ווען־זשע הייסט עס, וועט פאסירען דאס, וואס עס ד א ר ף פאסירען? —

ביים דריטען מיידעל האב איך בלויז געשמייכעלט. נו, וואס־זשע איז? אויך גוט. עס מוז שוין זיין רעכט...

מער ניט — ס'ארא נקמה! — ווי איך האב זיך עס אפגערע־כענט סיי מיט די, וואס האבען מיך אפגענארט און סיי מיט די אומשולדיגע. א בימערע נקמה איז עס געווען, אזוי פארהאר־טעוועט בין איך געווארען, אזא גראבע שאלעכץ אויף זיך ארויפ־געצויגען — און וואס איז דא צו אפלייקענען? פארוואס עפעס שאלעכץ, דאס קערנדעל אליין טאקע, די יאדרע, די נשמה, הייסט עס, נופא, איז שטארק פארווערימט, כמעט אין גאנצען צעפוילט, פארדארבען געווארען. איך האב אפגענארט רעכטס און לינקס, פארפירט מיידלאך, אומשולדיגע און שולדיגע. געזינדיגט, ווי נאר עס איז מיר צום האנט געקומען א געלעגענהייט, נישט אזוי פון הנאה וועגען — וואס דאס גופא וואלט שוין געווען א שטיק רעכטפערטיגונג — נאר פון בלויזער זוכעניש נאך זינד, נאך זינד צוליב זינד. געטאן אלע אומווירדיגקייטען און שמוציגקייטען, ניט נאר ניט דורכגעלאזען קיין געלעגענהייט, נאר ממש געזוכט זיי ווי מיט א ליכט, ניט וועלענדיג פארפעלען קיין שום סארט עבירה, קיין איינאיינציגען אופן פון זינד, קיין איין פארקרומטען וועג פון פארדארבענהייט, אלץ געדארפט אליין אויף זיך דורכ־פיהלען.

און אזוי האב איך געלעבט א שטיק צייט אין דער פינסטער־ניש — און די פינסטערניש איז געווען אזוי געדיכט, און קיין טראפען ליכט איז אין איר קיינמאל ניט אריינגעגאסען געווארען, אזוי אז איך האב גארניט געפיהלט, אז איך לעב אין דער פינ־סטערניש.

און ווער וואלט זיך עס געקאנט ריכטען?

איך שטעה אמאל אויף אין דער פרי, שפעט אין דער פרי, עס איז שוין לאנג געווען ליכטיגער טאג, אזוי ארום צען א זייגער, און א שבת־טאג איז עס געווען, שלאפען לייג איך מיך דאך שפעט, ווייל איך שלעפ זיך ארום גאנצע נעכט, ווי עס איז דער מנהג מיט א געוויסען סארט מענשען, וועלכע האלטען פון זיך גאר די וועלט, און קראנק איז מען דאך. ניט אזוי דער גוף, וועלכער איז גלאט אומריין — נאר די נשמה איז א קראנקע, א צעריסענע, א

צעפיצעלטע, ניטא קיין אחדות, קיין איינינקייט, קיין גאנצקייט אין איר גופא, אהן א גלויבען און אהן אן אויסזעהן אויף א ליכ־טיגערער צוקונפט. מענשען זענען אין שטענדיגען קריג מיט זיך אליין, און וואס מען טוט, טויג עס ניט, און וואוהין מען געהט, איז עפעס אלץ ניט גוט, ס'איז שווער צו זאגען וואס, נאר ביים הארצען ציט עס, און סע קלעמט, און סע נאגט. עפעס ווילט זיך, עפעס אזוינס, וואס ס'איז ניטא. און אז ס'איז ניטא, קאן מען דאך, פארשטעהט זיך אליין, דאס ניט קריגען, בלייבט מען אומצופרידען. געהט מען פון איין ארט צום אנדערען, און פון אנ־דערען צו א דריטען, און פון דארטען צוריק צום ערשטען, און די אויגען זענען גלאנציגע און אומעטיגע, און בעטען זיך: אויב ניט דא, איז פיליכט ערגעץ דארטען... ווי?...

אט אזוי א גאנצע נאכט.

איז ווי איך שטעה אזוי ביים פענסטער, איז אין דרויסען ליכטיג. עס זעהט זיך ביי מיר פון פענסטער ארויס א פלאץ א ליידיגער, און א פארק מיט בוימער, מיט נאקעטע, מיט גראזען און מיט אלץ, און די גאס איז אזוי גלאט אויסגעברוקירט, און ציכטיג, און ריין, און זון א סך. נאר היבש ליכט. און איך זעה דא, ווי קינדער שפילען זיך אין פארק, יונגע קינדער, איינגלאך מיט מיידלאך, אין ווייסינקע זאכען אנגעטאן, ליבינקע אזעלכע, אזש א דערקוויקעניש. שפילען זיך אזוי פיין, שעהן, מיט זונינע קולות און אלץ איז אזוי אין דרויסען — פונ'ם הימעל אראפ דורך דער לופט ביז אויף דער ערד, און אויף דער ערד גופא — אלץ איז אזוי שעהן און ליכטיג, און ריין, און ציכטיג. עס איז ערב פריליגג.

און דא כאפט מיך עס אן א גרויל. און אן עקעל אזא באַ־פאלט מיך, ניט צום באשרייבען. ווענה, וועה, ווי קויטיג איך לעב אפ מיינע יארען. אזוי אומריין, שמוציג, ניט זויבער. די נשמה מוטנע. און עס כאפט מיך אן אזא אפשטויסענדיגער עקעל צו זיך אליין, און עס ווילט זיך מיר אזש אפשפרינגען פון זיך, טייטען אויף זיך מיט די פינגער, און אויסשרייען: טמא! טמא!... און אוועקלויפען פון זיך אליין, אזוי ווייט, כאטש צום עק וועלט, אז איך זאל מיך קיינמאל מער ניט קענען געפינען, ווי יונה הנביא איז אנטלאפען קיין תרשיש.

נאָר ווי קאָן מען עס פון זיך זעלבסט אנטלויפען?... דעם איינענעם פּגר מוז מען נאָך זיך נאָכשלעפּען דעם גאנצען לעבען.

און א טאָג געהט אוועק, און נאָך א טאָג, און נאָך איינער, און נאָך איינער, אזוי כסדר. און גאָרניט. גאָרניט האָט מיט מיר פּאסירט, אלץ בלייבט אזוי ווי געווען. ריינער ניט געוואָרען. און עס ווערט אזוי אומעטיג אויפ'ן הארצען. אָט געהט מיר אויף א ליכט פאר די אויגען — און אָט ווידער פארלאָשען, ווי ניט געווען.

און א צווייפעל פאלט אויף מיר אָן, און עס וויינט אין מיר אזוי דאָס הארץ, ווען קיינער זעהט ניט, און עס פארניסט הייסע טרערען אין שטילער פארצווייפלונג. ווען־זשע וועט שוין, בעט איך ביי אימיצען — עס וויל זיך מיר דאָס ווארט גאָט ארויס־זאָגען, נאָר איך דערלאָז עס ניט, ווייל איך וויים דאָך, איך האָב נאָר קיין גאָט ניט אין הארצען, און דאָס וואָלט זיין ניט אמת, א נארעריי בלויז, אן אָנשטעל פון א היינטוועלטיג־געבילדעטען מענ־שען — ווען־זשע, בעט איך זיך, וועל איך דאָס אייביגע ליכט דערזעהן? ווען־זשע וועל איך אויסגעלייזט ווערען? ווען־זשע וועט מיין נשמה איר צושטאנד פון ריינקייט צוריק געפינען? און עס דוכט זיך מיר, אז דאָס איז שוין געווען אזוי לאנג צוריק — נאָך איידער איך בין געבאָרען געוואָרען. ווייל איך בין שוין גע־באָרען געוואָרען אין זינד.

...און דאָ איז ארום מיר אלץ און אלץ אומריין, און איך באָד מיך אין אזא קוים, אז, גלויבט מיר, אנומעלטען איז מיר איינ־געפאלען, ניט ווייט פון אונזער הויז זעהט זיך דער גרינער פּאס פון לאָנג איילאנד סאונד, איז מיר איינגעפאלען, אז איך וואָלט נעדארפט אמאָל אזוי א נאקעטער אהין ארייגשפּרינגען אין קאל־טען וואסער, און שווימען אזוי מיילען־ווייט, און באָדען זיך גאנ־צענע טעג, אינ'ם וואסער אנטקעגנען דער זון, און פיליכט וועט פון מיר מיין זינד אָפּגעוואשען ווערען. און באלד ווערט מיר מיט א ביטערקייט קלאָר, אז איך וועל עס קיינמאָל ניט טאָן, אז ס'איז בלויז א פאנטאזיע אזא... און דערווייל, איז אומעטיג.

איז ווי אלעמאָל, ווען עס ווערט מיר אזוי שטארק אומעטיג אויפ'ן הארצען, ניט אויסצוהאלטען, פאָר איך ערגעץ אוועק. קומט מען אין א שטאָט א נייער, ווערט אייך ליכטיגער אויפ'ן

הארצען, און האָפנונגספולער, ווייל עס איז גרינג איבערצולאָזען אלץ הינטער זיך, ווי א בייזען חלום, און עס דוכט זיך, אז דאָס, וואָס ס'איז געווען, איז גאָר קיינמאָל ניט געווען, נאָר איר האָט עס יאַקבי געלייענט ערגעץ, געטראכט נאָר וועגען דעם, א בלויזער דמיון...

און אלץ איז אזוי ניי, די הייזער ניי, און ריינערע, די גאסען ציכטיגע און שטילע, און גאָרניט רעדט אזוי צו אייער געמיט, ווי נייע אומבאקאנטע גאסען, ווייל עס איז לייכט אָנצובינדען אָן דעם נייע האָפנונגען, און וועלטען גאָר ניט געזעהענע און פאסירונגען נאָך ניט דורכגעלעבטע, און וואָס אנדערש איז דען דאָ אין לעבען?

עס איז גוט פאַר יעדען אוועקצופאָרען פון דעם אלטען וואוינונגס־פּלאץ צו א נייעם, ווייל מען באגעגענט אזוי פיל אומבאקאנטע מענשען, הייגט אז די מענשען זענען אומבאקאנטע, זענען זיי ליבליך, וואָרים, אז איך וויים זיי ניט, טראכט איך, אז ווער וויים, פיליכט ד אָ באגעגענט מען די אמת'ע ערליכע מענשען, און די זענען עס די אויפריכטיגע, שעהנע און פרומע, און איר קניפּט אָן זיי אָן נייע חלומות־פעדים, און די אויגען ווערען ווייטליך־פארנעפּעלט.

ס'אָרא טרייסט וואָס עס זענען נאָך דאָ נייע אומגעזעהענע פּלעצער!

איז אנומעלטען, אז מיר איז געוואָרען אזוי פינסטער פאַר די אויגען און אזא געדיכטע פארצווייפלונג איז מיך באפאלען, און אלץ האָט אזוי אויסגעזעהן האָפנונגסלאָז און מיין לעבען אָהן אָן אויסגאנג, ווייל וואָס אמאָל, וואָס שטארקער איך באמיה מיך ארויסצורייסען פון דער נעץ, אלץ שטארקער און שטייפער וויקלען זיך די נעצען־שטריקלאך ארום מיין יונגען בלוטיג־זינדיגען לייב, און עס איז געווען נאָך אזא שטיקעל צייט, ווען איך האָב א סך שלעכטס געטאָן עטליכע אומשולדיגע נשמות — און כ'האָב עס גאָרניט געוואָלט, זיך געבעטען, לאָזט מיך אָפּ, כ'האָב שוין אזוי אויך צופיל זינד אויף מיין נשמה־חשבון, און מיין זיין מיט אייך וועט אייך בלויז ברייגגען א קורץ־דויערנדיגען זיסען ווייטאָג, און לאנג־דויערנדיגען פּיין. נאָר ס'האָט ניט געהאָלפען, ווייל אזוי איז שוין דער טרפה'נער מזל פון א זינדיגען, וואָס אומשולדיגע

נשמות ווארפען זיך אים אין די אָרעמס אריין, פארצאפעלטע און מיט קעפ שווינדלענדיגע, ווי פויגעלעך קליין־פליגעלדיגע ביים פייער־קוק פון א פאר שלאנגענאויגען — און כ'האָב יונג־מיידעל־שע האָפנונגען און חלומות, מיט א בלויקייט פון אומצייטיגקייט באהויכט, ווי ווייך־ביינערדיגע עופה'לאך צעקוועטש... און נאָך האָב איך געפיהלט ביי זיך אויף די הענט דאָס ווארימע פארגאָ־סענע בלוט, און די פייכטקייט פון די צעקוועטשטע ראָזעווע מארכלאך מיט די בלויע־אָדערלאך, — גאָט, עס האָט מיך פאר־פאָלגט און געפייניגט, א גלוטיגע פלאם האָט מיין נשמה איינ־געוויקעלט און זי געפרעסען, און ווי קין'ס צייכען איז ביי מיר אויפ'ן שטערען אויסגעקריצט געוואָרען, און ווי ער, האָב איך באַ־שלאָסען נע ונד צו זיין, און אוועקוואנדערען ביז'ן עק פון דער וועלט... נאָר אזוי ווי געלט האָב איך געהאט זעהר ווייניג, בין איך דערפאָרען בלויז קיין טרענטאָן, א שטאָט וואָס געפינט זיך אין ניו דזשוירזי.

און דאָ, אין דער שטאָט ביים גרינעם נידעריג־ברעגיגען דעל־ווער־טייך, א פלאטשיגער שפיגעל, ווי א דינער גלאָז, אין דער דאָזיגער שטאָט, וואָס איז בלויז א שעה רייזע פון אונזער גרויסען כרך, דאָ האָט זיך מיר דאָס גרויסע ליכט באוויזען.

יאָ. יאָ. אָט האָסטו דיר דיין היילונג, דיין זאלב, דיין דער־לייכטערונג, דיין אויסלייזונג!...

מער ניט — מיך שרעקט: איז עס שוין חס ושלום ניט צו שפעט...

געגאנגען בין איך אזוי אין אן אווענט איבער די ברייטע הויפט־גאסען, איבער בראָאד און איבער סטייט, וואו עס איז גע־ווען העל, נאָר ניט צו שטארק און בין מיר אזוי ארונטערגעגאנגען אין א זייטיגען געסעל, ערגיץ ארונטער פון שטאָט, גאָרניט ווייט פון א תפיסה, די קאונטי־דזשייל, הייסט זי. און דאָ דערהער איך מוזיק שפילען, טאנץ־מוזיק. גיט עס מיר א קלאפ אין די שלייפען און א טיאָכקע אין הארצען און א ברען אין די אָדערען — זינדיג בלוט — און באלד דערזעה איך מיך א רויטליכען מיט צונטער־צעפלאמטע באקען, אין דעם גרויסען אריינגאנגס־שפיגעל פון א גוואלדיג־באלויכטענעם טאנץ־זאל, און אז איך לאָז ארונטער די אויגען — צופיל פייער! — צו דער געוועקסטער פאָדלאָגע

צו, איז עס ווייטער ווי א שפיגעל, און עס באוועגען זיך יונגע מיידלעך, איבערגעקערטע, מיט די פיס ארויף און די קעפ ארונ־טער, און שטייף־ארומנעמענדיגע, זיידענע זאקען רייצען, האלב פארהוילענדיג די דינע פיס, און קליידלעך אלערליי פלאטערען ארום און היפטען ריטמיש באוועגען זיך ווי יונגע אינדען צום וואסער געהענדיג — עס גיט מיר א פלאקער דורכ׳ן בלוט.

איך הויב אויף די אויגען, און זיי שטויסען זיך אן אן נאך א פאר, אויף א בלייב־אויפגעהיצטען מיידעלשען געזיכט ברענענ־דיגע שטורקאצלאך אונטער געמאלענע בינעזישע לאמטערנדלאך — לאנגע וויהעס. איך לאד איין דאס מיידעל צום טאנץ, אפ־געטאנצט, לאד איך איין א צווייטע, און אז אלץ ניט געפעלען — א דריטע, נאר איך געה מיט דער זיך אויך פאנאנדער — שוין צו אפט אזוינע געזעהן, צו שטארק דערמאנט אן ניו יארק.

און מיין נשמה איז אלץ ניט צופרידענגעשטעלט, און אין קאפ איז א ווירוואר, אהן באדייט און אהן מיין. דא דערזעה איך אן א זייט זיצען א מיידעל, טאקע א שעהנע, נאר אז איך זאל אייך זאגען, אז „איך האב גלייך דערזעהן", „עס האט מיר באלד א שיין געטאן אין די אויגען", „זי האט אויסגעזעהן אידישלאך צניעות׳דיג", און דאס גלייבען, ווען איך זאל דאס אלץ אייך זא־גען, וואלט עס זיין ניט ריכטיג, ווייל איך האב צוערשט גארניט אויסערגעוועהנליכעס אין איר באמערקט. א מיידעל ווי אלע.

איך לאד זי איין צום טאנצען, און דא באמערק איך, אז איר קערפער איז זעהר א שעהנער, א נאטירליכער, און געזונטער אזא ווי א שטיק שמעקעדיג גרין פעלד. טאנצען טאנצט זי ניט אזוי גוט, באוועגט ניט אזוי לייכט־אויפרייצענדיג די היפטען, הפנים, אז אדער זי איז א היימיש קינד, האלט זיך מער צוריקגעצויגען, אדער אז די היינטיגע טענץ זענען איר ניט אזוי שטארק צום הארצען, און אז איך זעה אז זי רעדט ענגליש מיט ניט קיין איינ־געבארענעם אקצענט הויב איך אין שפאס אן צו רעדען צו איר אידיש. יא, א אידיש קינד. דאס הייסט, ניט זי ש ט א מ ט פון אידען, נאר א י ז טאקע א אידיש קינד — א היימישע.

זי קומט פון פרזשעמעסל נאך אלס קינד, און וואוינט די גאנ־צע צייט מיט אירע עלטערען דא אין טרענטאן, אויף דער און דער גאס. עס איז מיר שווער אייך איבערצוגעבען פארוואס, ווי אזוי

און ווארום, נאָר מיט יעדען וואָרט, איז זי מיר אַלץ מער איינ־נעבאקען געוואָרען אין הארצען, אַלץ טייערער געוואָרען. דוכט זיך אַלץ אזעלכע קליינינקייטען, איך האָב אפילו ניט דעם מוט עס פון מיין מויל ארויסצוברייננען, ווייל מען וועט מיך קוים פארשטעהן, נאָר קלייניגקייטען מיינען דאָך אַלעמאָל זעהר א סך, דערהויפּט צווישען מאן און פרוי, און זי איז אזא שעהנע און געזונטע מיט גרויסע, גרוי־לאכענדיגע אויגען, און לאכט אזוי מיט׳ן גאנצען אָפּענעם געזיכט, מ י ט ׳ ן ג א נ צ ע ן ג ו ף, — ניט קרוים שטעטיש־ביטערע. אָט איז זי אַ קינד, אָט אַ פרוי, נאָר ניט קיין באוואוסטזיניגע פרוי, זי ווייס קוים וואָס פאר א באהאלטענע כחות עס ליגען אין איר פארבאָרגען — וואָס זאָל איך אייך זאָגען, עס פעלט מיר שפּראַך דערצו, נאָר איך פיהל, אז א מיידעל איז זי א נייע, א גאנצע אזא און א געזונטע, אַן אמאָליג־אידישע. שוין, אין אונזערע זינדיגע צייטען, אַן עבר׳דיגע און אפשר — א צוקינפטיגע?

עס ווערט מיר ווארים אין אַלע מיינע גלידער, און פריידיג אזוי און זינגענדיג און ליכטיג. אָפען און אָהן שום פּניות זאָג איך איר, אז זי איז מיר געפעלען. לאכט זי אויף דעם בלויז מיט אירע גרויסע גרויליכע אויגען. „טאקע?“ — און גאָרניט. איך זעה, זי גלויבט עס קוים, ווייל א יונגערמאַן בין איך א גרויס־שטאָטישער, מיט אזעלכע פיינע מאנירען... נאָר אָך, מיט וואָס, מישטיינס געזאָגט, איך קאָן זיך עס איבערנעמען פאר איר... איך בעט זי, אז זי זאָל מיך איינלאדען צו זיך אין הויז. גוט.

איך קום צו איר אויף מאָרגען אין הויז אריין, און עס ניט מיר א לויכט און א בליאסק אין פּנים די ליכטיגע אָרימקייט פון דעם שטיבעל. א שטיק אלטע היים אהערצו איבערגעטראָגען, צוליב מיין טרייסט. בלויז א פּאָר חדרים. דער אונטערשטער עטאזש פון א פארוואָרפענעם צוויי־שטאָקיגען הויז, אָרים צונגע־קליבען, נאָר ריין, ווייסקייט וואַרפט זיך אין די אויגען. אויפ׳ן מענטעל־פּיעס, אָנשטאָט נארישע, פּרעטענציעזע קונסט־זאכען פון א ספק׳דיגען ווערט, זעגען אומגעוואָרפען משניות׳ן מיט אָפּגע־פליקטע רוקענס, עין־יעקב׳ס מיט אָפּגעריבענע טאָוועל־ווינקלען און מיט חלב־פארשמאָלצענע בלעטער, חומשים מיט פאנאנדער־פאלענדיגע און זיך אָפּברעקלענדיגע בלעטער־זוימען, און נאָך אנ־

דערע ספרים, — ילקוט׳עלאך, מדרשים׳לאך, און סתם זאכען, אנגעוואָרפען אזוי ווי ערשט ארויסגעראטעוועט פון א שרפה.

דער טאטע איז אין דער היים ניטאָ, איז ביי דער ארבייט, א מויערער. די מאמע, א נידעריגע אידענע, מיט אן אפּגעבליא־קעוועטען, צעקארבעוועט און צערונצעלט געזיכט, שמייכעלט צו מיר אזוי פריינדליך, ווייל מיר ארויסהעלפען אין מיין פארלעגענ־הייט, און רעדט צו מיר אזא סאָרט ענגלישע שפּראך. איך לאָז מיך אָבער ניט דינען, און רייד צו איר אידיש — קוקט זי מיך אָן ווי א בייז־וואונדער.

איך שווייג, מיט אן אָטעם אן איינגעהאלטענעם. איך קוק ארום זיך די גאנצע צייט, ווייל זיך אלץ איבערציינגען, צי בין איך ניט אָפּטמאָל פארפירט, און צי געפין איך מיך אויף דער אמת׳ען דאָ?

דאָ קומט צוגעהן איר טאטע, א הויכער, געזונטער איד. „טאקע נאָר פון אזעלכע, טראכט איך מיר, קרעפטיגע לענדען האָט אזא געזונט קינד, ווי דאָס דאָזיגע מיידעל, געקאָנט ארויסקומען. אין דער לאנגער באָרד שטעקען נאָך ביי אים פארגליווערטע שטיקלאך פלאסטער. ער שטעקט מיר אָפּ שלום־עליכם — פון וואַ־נען איז א איד? — פון דאנען און דאנען. — וואָס איז א יונגענ־מאנ׳ס געשעפטען? — ווער איך צונטער־רויט, דאָס הארץ קלאפּט אין מיר און דאָס פּנים פלאַמט מיר פון בושה און נישטינקייט, נאָר איך מאך זיך הארץ און זאָג מיט א סודות׳דיגער וויכטיגקייט: „אָט, א רייזענדער". — „מען פאָרט, הייסט עס, אום?" — „יאָ", זאָג איך. — „צוליב געשעפטען?" — „יאָ", זאָג איך, „גע־שעפטען אזוינע". ער שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, פארשטעהענדיג, הייסט עס, מיין וויכטיגקייט. — „און דאָ, וואָס טוט מען עפּעס אין די הינע מקומות?" — „אויך צוליב דיזעלבינע געשעפטען", זאָג איך, און פאררויכער א פּאַפּיראָס.

מען לאדט מיך איין צו וועטשערע. אָפּגענעסען, באמיהט זיך דער בעל־הבית מיך צו אונטערהאלטען מיט פארשידענע פראַ־גען, צוליב איידעלקייט וועגען. „נישקשה, מיינט ניט, אז די קליינשטעטלדיגע זענען..." נאָר מיד איז ער, שוין אכט א זייגער, און אן אָנגעהאָרעוועטער איז ער אויך, קלעפּען זיך אים די אויגען מיט א שווערקייט, און די ווערטער פאלען ביי אים ארויס איינ־

ציגע אזעלכע און אפגעהאקטע, שווערע און אומגעהובלעוועטע, שטיקער האלץ פון אונטער א האק, ווי פאראיינזאמטע קלאנגען אין וועלדער — ווייל אלע שווייגען. רוקט ער זיך ארוים אין א צווייטען צימער, און איידער ער האט נאך צייט צו באטראכטען דארטען, איג'ם פינסטערען אלקער, אויב ס'איז נאך ניט צו פרי צו לייגען זיך שלאפען, שלאפט ער שוין איין. עך, טראכט איך מיר, און וואס טוען מיר, אין די גרויסע שטעט, אין אט דער שעה? —

דער טאטע ניטא, די מאמע אין קיך, פארנומען מיט עפעס א הויז־ארבייט. און אין צימער בלייבען דאס מיידעל און איך, און א קעראסין לאמפ, וואס לייכט אין דער שטיל.

איך זיץ, די הענט באהאלטען אונטער'ן טיש, ווי כ'וואלט זיך נעגרייט אויף עפעס א פארהער פון א רבי'ן. דאס הארץ קלאפט מיר אזוי, פון גרויסער אומדערוואַרטעטער און קיינמאל ניט דורכגעלעבטער פרייד, און פיליכט פון א שרעקעדיגען טרויער, אז אפשר איז די פרייד מיר געקומען צו שפעט. און עס קילט מיך ביים דאזיגען געדאנק. נאר איך מאך זיך הארט. זי זיצט מיר אנטקעגען, א ליכטיג־אויגיגע און באלויכטענע, שמייבעלט מיט אן ערשט־ארויסקוועלענדיגער קלוגשאפט, אן איינגעבארענער, ניט קיין גרויסשטאטישער. זי אנטוויקעלט פאר מיר אירע פלענער. זי וויל, הייסט עס, פארען נאך ניו יארק. און עס ווערט מיר אומהיימליך פון דעם פייערל, וואס גיט זיך א צונד אין אירע גרויליכע אויגען. א פייער אין גרויע אויגען!...

עס בייגקט זיך איר, זאגט זי, נאך יענער שטאט, וואו עס זענען דא אזויפיל מויערען, מען לעבט אזא סך, און אזוי שנעל, און, דער עיקר, וואו ס'איז דא ביינאכט אזוי פיל ליכט.

— ליכט? — זאג איך אין דער שטיל — פייער, גרויסע פייערען ביינאכט, און ניט קיין ליכט. און אז די פייערען געהען אוים ביינאכט, ווערט קאלט, טאפעלט־קאלט... און אז פייערען ברענען איז וואס? אדער זיי ברענען צו ווייט, — בלויז א רייץ און א מאניע פאר די אויגען, און צו דיר דערגרייכט עס ניט, אדער זיי ברענען זעהר נאהענט לעבען דיר, און דו ברענסט אין זיי, אזוי העל, און אזוי צונטערדיג, און דו ווערסט פארברענט,

און ברענסט שוין ניט א צווייטען מאָל מער — דו ווערסט א שוואַרצע האָלאָוועשקע. — — —

זי שווייגט, קוקט אויף מיר מיט גרויס־פאַנאַנדערגעעפענטע אויגען, וואונדערליכע אזוינע, און היימישע. די פריהערדיגע אומ־היימליכקייט פון זיי איז פאַרטריבען געוואָרען, און הערט זיך צו, ווי עס פאַלען ארויס מיינע שטילע ווערטער צו דעם ליכטיגען לאָמפּ צו. — אָבער ליכט? — ליכט, צום ביישפּיל, אונטער גרויליכע אויגען, וואָס זאָלען אייך אלעמאָל לויכטען און תמיד דעם וועג באשיינען, דאָס פאַרבאַהאַלטענע ליכט, וואָס איז נאָך פון די ערשטע זעקס טעג, וואָס זאָל אונז די אויגען עפענען? — ניטאָ אזוינס אין א גרויסער שטאָט.

ביי זיך אין הארצען ווייס איך אָבער מיט א פּלוצלונגדיגער זיכערקייט, וואָס האָט מיר אלעמאָל געפעלט, אז דאָס שטילע, פון אונז פאַרבאַהאַלטענע ליכט, איז דאָ, איך האָב עס געפונען. אין א קליין שטיבעל מיט געקאַלכטע ווענט דאָ ביים טיש, ניט ווייט פון די פאַרשמאָלצענע, אָפּגעפליקטע משניות'ן. און איך פאַר־בלייב דאָ אין שטאָט — צוליב מיינע באַרימטע געשעפטען.

טעג און אָוונטען. דורך די טעג לעב איך מיט די אָוונטען. זיי באלויכטען מיר מיינע טעג. וועלען זיי אויך באלויכטען מיין וועג? — —

אַנומעלט בין איך אריינגעקומען א שבת־נאָכמיטאָג — אלע זענען אין דער היים. דער פאָטער ארבייט ניט פון פרייטאָג האַל־בען טאָג אָן. נאָך הינטער דער טיר, אין פאָדערצימער, הער איך פון אינווייניג ארויס א באַקאַנטע שטים, וועלכע לייענט עפּעס, „זאָגט" עפּעס מיט א שטיל־אומעטיגען, זינגענדיגען טאָן.

— אין מדרש שטעהט געשריבען, ווען די אשה זיצט תמיד אין הויז איז זי מכפּר אויף די זינד פון איר גאַנץ הויזגעזינד, ווי דער מזבח האָט מכפּר געווען אויף די זינד פון דער גאַנצער וועלט אזוי ווי דער פּסוק זאָגט: אשתך כגפן פוריה, דיין ווייב זאָל זיין ווי א פרוכטבארער וויינשטאָק, וואָס....

גיט עס מיר א קלאַפּ אין הארצען. מענש, דו האָסט שוין דאָס דאָזיגע געזאַנג איינמאָל געהערט! שוין לאַנג צוריק, דו געדיינקסט שוין קוים ווען, און ווייט ערגיץ, — דו דיינקסט דאָך אלעמאָל, די

וועסט שוין קיינמאל מער אהין דעם וועג צוריק געפינען! —
און איך פיהל, ווי איך וואלט מיך געפונען ביים טויער פון גן־עדן התחתון. איך עפען אויף די טיר פאמעליכען און דאס הארץ קלאפט מיר ביים סקריפ פון דער קליאמקע. איך רוק מיך אריין זייטענוועגס און זעץ מיך גלייך אוועק אין א ווינקעל איך זאל קיי־נעם נים שטערען און מען זאל מיך גארנים באמערקען, ווייל איך, זינדינער, געהער מיך גארנים אן אהערצו.

נאר דא הערט דאס מיידעל אויף צו לייענען די סדרה, פאר־שעמט זיך, ווערט נאר אינגאנצען רויט — פאר מיר, דעם היינט־וועלטינען, דעם גרוים־שטאטינען! זי דוקט אפ פון זיך דעם גרויסען טייטש־חומש, דפוס ווילנא, און שמייכעלט צו מיר פאר־לעגען. די מאמע, הייסט עס, באשטעהט אז זי זאל יעדען שבת נאך וואַרמעס לייענען אין טייטש־חומש די פרשה פון דער וואך.

— איז וואס־זשע האסטו וואס צו שעמען זיך, קינד מיינס, — זאג איך צו איר אין דער שטיל, אזוי שטיל, אז זי הערט מיך נים, — וואס־זשע האסטו וואס צו שעמען זיך אנטקעגען מיר? מישטיינס געזאגט, מיט וואס איך האב מיך וואס צו גרויסען זיך אנטקעגען אייך! — —

די מאמע דערלאנגט מיר א גלאז טיי, באפעלט דער טאכטער ווייטער לייענען, און איך, — וואס האב איך געקאנט זאגען אזוינס, אז איך זאל נים אויסזעהן ווי א גרוים־שטאטינער אפשפעטער, א היינטוועלטינער אפלאכער? — נאר מיט מיינע אויגען האב איך זיך געבעטען ביי איר: לייען, קינד מיינס, לייען, מיידעל, ליכטיג־אויגינע, און פארשפרייט דיין ליכטינקייט איבער מיר, און הלואי וואלט איך ראוי געווען צו זיין אין שטאנד צו קענען טאן וואס דו טוסט.

און דאס מיידעל, מיט לאכענדינע אויגען, ווי א געטרייע טאכטער און איבערגעגעבענע יונגע פרוי, טוט וואס איר מאמע באפעלט איר, דאס הייסט, דו בחור, לאך פון מיר נים אפ אין דער טיפעניש פון דיין הארצען, אז די מאמע הייסט — מוז איך פאל־גען! — און איך, פון מיין ווינקעל, שמייכעל צו איר און דערמוטיג זי מיט מיינע אויגען, זי זאל זיך נים שעמען פאר מיר.

און דא דערהער איך ווי זי לייענט די מעשה פונ'ם ערשטען באגעגעניש פון יצחק'ן מיט רבקה'ן; ווי אזוי אברהם אבינו האט

נעשיקט זיין קנעכט אליעזר'ן קיין ארם־נהרים, צי וואו, צו קריגען א באהעלפערין, דאס הייסט, א ווייב, פאר זיין בן־יחיד, פאר זיין איינציגען זוהן, פאר יצחק'ן, און ווי אליעזר איז געקומען צוריק אהיים אין אברהם אבינו'ס פעלדער, אין א שטילען פארנאכט, מיטברייננענדיג אויף די הארבעוואטע גמלים מתנות צו אברהם'ן, און רבקה'ן צו זיין איינציגען זוהן, און ווי יצחק איז גראד דאן ארויסגעגאנגען אין פעלד אריין דאווענען מנחה, און דא דערזעהט רבקה פון דערווייטענס אינ'ם טונקעלען פארנאכט איר באשערטען יצחק'ן, ארויסשווימענדיג פון יענער זייט, וואו די זון זעצט זיך, האט זי זיך ארונטערגעלאזען פונ'ם קעמעל, און האט צוגע־דעקט איר פנים. — — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

דא, אינ'ם טונקעלען שטיבעל, איז מיר אויפגעגאנגען א גרויס ליכט, און איך פארמאך מיינע אויגען, ווייל עס איז שווער ז י י, וואס האבען זיך אלעמאל געבאדען אין דער פינסטערניש, אנצוקוקען דעם גרויסען שיין, נאר מיט פארמאכטע אויגען פאל איך צו צו דער ליכטיגקייט, און טרינק זי, און וויל דערטרונקען ווערען אין איר, אין מיין קיינמאל נאך ניט געזעהענעם ליכט... אוי, ווער האט זיך עס געקאנט ריכטען, ווער האט זיך עס געקאנט ריכטען! און איך האב געדיינקט, אין טונקעלע מינוטען, אז איך בין שוין פאר'משפט אויף צום אונטערגעהן — — — יא, עס איז וואהר: „און די וואס זיצען אין דער פינסטערניש, האבען דערזעהן דאס גרויסע ליכט!"

— —

און אין שטאט פארבלייב איך לייגער און קאן פון דעם קוואל מיך ניט אפרייסען. אין שטוב האט מען מיך אזוי גערן. איך פיהל, אז מען באטראכט מיך ווי א צוקינפטיגען חתן. דאס מיידעל שמייכעלט אויף מיר מיט אירע גרויסע ליכטיגע אויגען. זיווארט אז איך זאל איר עפעס ווארימעס זאגען, און זי נעמען אונטער מיינע פליגעל. נאר איך, וואס האב אין מיין יונגען לעבען, שוין כמה מיידלעך פארפירט, שרעק מיך פאר דער דא־זיגער אידישער מיידעל. מיין צונג, וואס איז אזוי ווייך געווען צו זאגען שעהנע ווערטער, וואס זאלען צעגליהען די יונגע מיי־

דעלשע בלוטען, איז שטיל, און מיינע ליפען וואס האבען אמאל געוואוסט אזעלכע פארפירעריש־זיסע רייד פון זיך ארויסברייננגען, עפענען זיך ניט אויף צו זאגען דאס איינציגע אמת'ע ווארט! בין איך עס ווערט, בין איך עס ווערט! — —

און איך פיהל, אז איך וויים ניט ווי אזוי מיין פארלאנג איר ארויסצוזאגען, און ווי אזוי דאס הארץ און איר מיידעלשאפט ביי איר בעטען. עס איז איבער מיינע כחות. און עס גיט מיר פלוצלונג א שטראל א האפנונג: א שדכן! וואלט זיך פיליכט געפונען א איד א כשר'ער, מיט א לאנגער בארד, מיט א ווייסען איבערגעבויגענעם העמט־קאלנער, מיט פארטאבאקטע וואנצען, און מיט א גרויסען פאראסאל אונטער'ן פאכווע, וואלט זיך נאר געפונען אזא איד, וועלכער זאל פאר מיר ריידען, און מיר דאס מיידעל אויס'שדכנ'ען? —

וואו איז ער? — — — וואו איז ער? — — — —

און אין די לאנגע נעכט, אין מיין האטעל,ווארף איך מיך אויף מיין געלעגער און קאן ניט אנשלאפען ווערען. איך צינד אן און דריי אויס די עלעקטרישע לעמפלאך, איך דריי זיי אויס און צינד זיי ווידער אן. מיר איז ניט גוט, איך פארלעש זיי ווי־דער און בלייב ליגען אין דער פינסטערניש. און אין דער פינ־סטערניש פון דער נאכט הערט זיך מיין געבעט:

— א ליכט איז מיר אויפגעגאנגען, א ליכט איז מיר אויפ־געגאנגען... און איך וויל נאהענט צו דעם ליכט צוקומען, און זיך מיט אים באהעפטען, נאר איך דארף אן ארויסהעלפענדיגע האנט צו מיין פולקומענער דערלייזונג. ווען־זשע וועט די דאזיגע האנט צו מיר אין דער טונקעלהייט זיך באווייזען? — ווען וועט מיין פולשטענדיגע דערלייזונג קומען? און דער ריינער, לאנג־בערדיגער שדכן — ווען וועט ער זיך שוין צו מיר באווייזען, צוווי־שען מיר און דעם ליכטיג־אויגיגען מיידעל, און אונזביידע פאר'־קנס'ען — — ווען? — — ווען? — — —

דאַננאַ ראָמאַ.

איך בין אַ קאָמי־וואָיאַזשער. אַ פאָרשטעהער פון אַ גרויסער שוך־פירמע אין דער איסט. דעם גרעסטען טייל יאָר געפין איך מיך אין וועג, אין פאַרשידענע שטעט און שטאַטען. אפילו אויף יום־טובים קום איך ניט אהיים, ווייל איך האָב ניט קיין היים.

איך קריג אַ היבש געהאַלט. מיינע פריינט אין ניו יאָרק זע־נען מיך מקנא: איך מאַך אזא אָנשטענדיג, לייכט לעבען. פיליייכט איז עס טאַקע אזוי. איך ארבייט דאָך, נאָך אַלעמען, גאַנץ לייכט. אָבער איך בין אַ רייזענדער פאַרקויפער, און געפין מיך דעם גרעסטען טייל יאָר אין דער פרעמד.

אז איך געפין מיך אין די ווייטע שטעט און ווער פאַרטיג מיט מיינע טאָג־געשעפטען, פיהל איך מיך מאַנכמאָל אומעטיג. איך ווייס ניט, וואָס צו טאָן מיט זיך. זיצען אין האָטעל — ווי לאַנג־וויילג! און דיינקען קאָן איך ניט קיין סך. דאָס איז מיר שווער. איך האָב אויך ניט פיל וועגען וואָס צו דיינקען. מיט אַ פאָר אויסנאַמען, איז מיר מיין לעבען פאַרבייגעגאַנגען — איך בין נאָך אפילו ניט זעהר אַלט — גאַנץ גלאַט, גראַד־ליניעג, אָהן וויכטיגע געשעהענישען. לעזען קאָן איך אויך ניט. דאָס הייסט, איך קאָן לעזען פיזיש. אָבער ניט פסיכאָלאָגיש. אזוי וואָלטען זיך מיינע געבילדעטע באַקאַנטע אין דער איסט אויסגעדריקט. (איך האָב אין ניו יאָרק אַ פאָר העכסט־געבילדעטע באַקאַנטע — אויף ווי ווייט איך קאָן אורטיילען — זיי זענען, דאַכט זיך, שריי־בער, צי רעפאָרטערס אין אידישע צייטונגען). איך בין איינפאַך ניט געניינגט צום לעזען. עס איז ניט מיין פאַך. מיינע עלטערען האָבען מיר געגעבען אַ גאַנץ קנאַפּע דערציהונג. און איך ווייס ניט, צי איך זאָל זיי דערפאַר דאַנקען אָדער פאַרדיינקען.

איך ליב בעסער ארומצוגעהן איבער די אומבאַקאַנטע גאַסען. דערהויפּט איבער די זוימען און עקען פון דער שטאָט. און נאָך מער — ארום דעם וואַקזאַל אָדער פּאָרט: דאָס ווענדט זיך שוין אָן דעם, צי די שטאָט איז אַן אינלענדישע, אָדער שטעהט ביים ים. ביים וואַקזאַל איז אַם בעסטען צו שפּאַצירען אין אָוונט,

אָדער נאָך שפּעטער. די לאָקאָמאָטיוו־פּייפּען זענען דאַמאָלס ווייטליך, ווייט, פאַרהוילען און טויבלאַך, ציהען אַזוי שטאַרק נאָך זיך. דער ים איז גוט אַלעמאָל. דאָס וואַסער איז אַזוי דערפרישענדיג... די אויגען ווערען ברייט אויפגעשלאָגען מיט וואונדער און פרייד. און מאַנכמאָל הערט מען אויך די סירענעס בלאָזען.

אין אָוועגט, אויב איך שטעה אין שטאָט לענגער ווי איין טאָג, נעה איך אין די מוזעאומס, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיינע פריינט אין ניו יאָרק — איך האָב דאָרטען עטליכע העכסט־געלערנטע פריינט — וואָלטען דערפאַר פון מיר אָפּגעשפּעט: פאַרוואולגאַריזירט. איך האָב ליב באַוועגליכע בילדער. דערהויפּט היסטאָרישע און רייזע־בילדער. רייזע־בילדער... רייזע־בילדער... איך שעם מיך ניט צו זאָגען: דער בלויזער קלאַנג פון׳ם וואָרט פאַר׳שכור׳ט מיך.

איטאַליענישע באַזונדערס.

און שפּעט אין אָוועגט, נאָכדעם ווי איך בין פאַרטיג געוואָרען מיט מיין מאָלצייט ערגיץ אין אַ זייטיגען רעסטאָראַנט, דער אייגענטימער פון וועלכען איז געוועגליך אַ גריך אָדער אַן איטאַליענער, אָדער אַן אַנדער דרום־אייראָפּעער — איך האָב בעסער ליב די דאָזיגע פאַרוואָרפענע, אַפילו נישט שטאַרק ריינע פּלעצער: מער געמיטליך און וועניגער פאָרמאַל — זוך איך מיר אויס אַ פּאַרק, זעץ מיך אַנידער אויף אַ באַנק, אין דער הויפּט־אַליי, אויף אַן אַנגענעמען פּלאַץ: די ה ו י פּ ט ־ אַלייען זענען אין דיזער שפּעטער שטונדע כמעט פוסט, און איך טראַכט: עפּעס האָב איך איבערגעלאָזען הינטער זיך אין ניו יאָרק. יאָ.

איך בין אַ קאָמי־וואָיאַזשער, און עס קומט מיר אויס די מערסטע צייט צו זיין אין דער פרעמד.

אַנומעלטען בין איך געוועזען אין נאָרפאָלק, ווירדזשיניאַ. אַרום אַ זייגער פינף פאַרנאַכט האָב איך אַרומגעשפּאַצירט אין דעם נידעריגען טייל שטאָט. די נעמען פון די גאַסען געדענק איך ניט. עס איז געווען ניט ווייט פון׳ם פּיער, צווישען די גרויסע אַמבאַרען און אַנלאָדונגס־פּלעצער. עס איז שוין געווען טונקליך. אַ מיידעל האָט זיך צוגעשאַרט צו מיר. פון מיטעלער הויך און ניט איבעריג פול. לויט׳ן הויט־קאָליר איז זי וואַרשיינליך געווען אַ מולאַטין.

הגם, מיט אירע גאנץ איידעלע, פערדינערטע אייראָפעאישע געזיכטסצוגען, וואָלט מען זי גיכער געקאָנט אָננעמען פאר א ריין־בלוטיגע איטאליענערין אָדער שפּאַניערין. אזוי ווי איך האָב עס איר ניט פארבאָטען, איז זי געגאנגען הארט ביי מיין זייט. זי האָט מיר די געוועגליכע פראגע ניט געשטעלט. ווייל — „וואָס דען קאָן וועלען אזא עלעגאנט געקליידטער יונגערמאן אין אזא פארנאכטיגער שטונדע און אין אזא פארלעגענעם פּלאַץ?“

איך בין איר ווארשיינליך שטארק געפעלען געוואָרען, ווייל זי האָט אפילו פארזוכט מיך צו נעמען אונטער'ן אָרעם. און הָגם איך האָב מיך פון דער דאָזיגער ליבענסווירדיגקייט אָפּגעזאָגט, איז דאָך דער דאָזיגער איידעל־מענשליכער שטריך אין איר מיר שטארק געפעלען. איך האָב ליב דאָס ריין־מענשליכע. און איר געזיכט איז אויסער דעם ניט געווען צו באמערקען קיין שטריך פון אויפפאלענדקייט, קיין צייכען, אז זי איז פון „יענע“, ווען אפילו עס איז ביי מיר קיין ספק ניט געווען, אז זי איז יאָ געווען א גאסען־מיידעל.

מיר האָבען זיך ניט געאיילט. ס'איז דאָ גענוג צייט. זי האָט מיך אויך ניט געטריבען. האָט געהאַט, ווייזט אויס, גלויבען אין מיר. האָבען מיר זיך פּאמעלינקע געשפּאצירט אויף דער הויפּט־גאַס, צום צענטער־שטאָט צו.

עס איז געווען רוישיג, אָוונט־ליכטיג. די גאסענלאָמפען האָבען בלויליב־בלייך געלויכטען. פיל שפּאצירענדע. מיר האָבען זיך זעלטען, בלויז פון צייט צו צייט, דורכגעוואָרפען מיט א וואָרט. כאָטש זי איז געווען זעהר גערן צו רעדען מיט מיר. נאָר מיינע געדאנקען, איין גאָט ווייסט עס, זענען געווען גאנץ ווייט פון איר, אין דער שטאָט, וואו איך האָב, דאכט זיך, עפּעס איבערגעלאָזען. איר אָנוועזענהייט אָבער האָב איך מיט דאנקבארקייט געפיהלט לעבען זיך, די אָנוועזענהייט פון א פּלוצלונג געטראָפענעם פריינד אין א ווייטער פרעמדער שטאָט.

און שפּעטער, זיצענדיג אין א רעסטאָראַן, האָב איך באמערקט, אז זי איז טאקע גאנץ שעהן, אפילו איידעל־שעהן. און ווידער איז מיר אויפפאלענד געוואָרען דאָס, וואָס זי קוקט בשום אופן ניט אויס — ניט אפילו אינ'ם בלייכען, קריינקליכען עלעקטרישען ליכט, וואָס האָט פארפלייצט

דעם גערויטען עס־צימער — צו זיין איינע פון „יענע", הגם עס האט דאך ניט געקאנט זיין קיין ס פ ק, אז זי איז א גאסען־מיידעל. איך האב איר א פאר מאל ווארים־פריינדליך איבער׳ן טיש די האנט געדריקט. זי האט מיר אפגעענטפערט מיט א שמייכעל, אן איידעל־שעמעוודיגער שמייכעל פון א פארליבטער מיידעל. מיר האט דאס הארץ אנגעהויבען מיטאמאל קלאפען פון שרעק: א באקאנטער שמייכעל. און דאס אינגאנצען, די דאזיגע מינוטען, ווי איך זיץ אזוי מיט איר ביים רעסטאראנ־טישעל, אין דער באלויכטענער לופט, זענען צו מיר אזוי באקאנט נאהענט, ווי איך בין עס שוין איינמאל דורכגעגאנגען, ש ו י ן א י י נ מ א ל ד ו ר כ ג ע ל ע ב ט פ ו נ ק ט ד י ז ע ל ב ע מ י נ ו ט ע ן. דער שרעק איז אריבער אין אן אומרוהיגקייט, ווייל כ׳האב מיך בשום אופן ניט געקאנט דערמאנען: ווען, וואו און ווי אזוי?

און באלד האב איך מיך קלוג־וויסענדיג געטרייסט:

— א, ס׳איז א בלויזער אנשטעל, אן א ו מ ש ו ל ד י ג ע ר אנשטעל פון א דורכגעטריבענער מיידעל.

און דערנאך —

אינ׳ם קינעמאטאגראף איז געווען שטיל און געמיטליך. די ביינק געבעט מיט רויטען פלוש. די לופט טונקעל. דער עולם שיטער. גאר שיטער. פיליכט זענען מיר געווען די בלויזע צוויי צושויער אינ׳ם גרויסען זאל. עס איז געווען ארום 7 א זייגער, ווען די בירגער זענען נאך ניט פארטיג געווארען מיט זייער אווענט־מאלצייט. די ארבייטער זענען נאך געזעסען מיט די פארקאשערטע העמט־ארבלען ביים אנגעווארפענעם עס־טיש און געזופט ביר פון די ביר־קענדלאך. מיר זענען געווען ווי צוויי סילועטען, צעשווי־מענדיגע אין דער טונקעלהייט. דאס וואוילע מיידעל האט זיך געטוליעט צו מיר. האט הנאה געהאט פונ׳ם בילד. און פונ׳ם שעהנעם, גוטען צופעליג־געטראפענעם יונגענמאן, ווייזט אויס, ניט קיין היגער. און פון דער פארשטעהענדיגער, ווארימער ליבעס־נאכט מיט אן איידעלען און רייכען מאן. און איך — איך בעדיינק שוין ניט.

נאר אך... וואס איז עס? ווער האט עס מיך אהערצו פאר־שלעפט? איך קוק אויף מיין באגלייטערין. זי איז רוהיג. פאר־

זונקען אין צוקוקען דאָס באוועגליכע בילד. איר רוהיגקייט שרעקט מיך... די טונקעל־הויטיגע... גאָט מיינער, ס'איז מער ניט ווי אַ ווייסטער חלום! נאָר איך קאָן מיך שוין ניט אָפּרייסען פון'ם בילד. זעה! די גרויסע פּלאַזאַס אין רוים. דער קאַטעדראַל פון דעם הייליגען פּעטרוס. דעם מארקיז'ס פּאַלאַץ. דאננא ראָמאַ. דאננא ראָמאַ... יאָ... ווייטער: דער געליבטער — דער פייערדיגער סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר... דעם פּויפּסט'ס גאָרטען... און ווידער זי: דאננא ראָמאַ...

ס'אַראַ העלישע פּלאָגעניש. מיין גאָט! איך האָב עס שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטען. איך בין ארויסגעלאָפען פון'ם טעאַטער. זי נאָך מיר. ביים עק גאַס האָב איך איר געזאָגט, אַז עס איז מיר נויטיג אוועקצוגעהן. גלייך. אָן דעם פייער'ל אין אירע אויגען האָב איך געקאָנט באמערקען, אַז זי איז געווען גרייט מיר צו מאַכען אַ סקאַנדאַל. (עס האָט ניט געקאָנט זיין קיין ספק, אַז זי איז געווען אַ גאַסען־מיידעל.)

נאָר עס איז דאָך ניט געווען נויטיג. איך האָב ארויסגענומען עטליכע דאָלאַר־בילס און איר ארייַנגעשטופּט אין האַנט. זי האָט געקוקט אויף מיר פאַרדראָסיג־טאַדלענדיג (און ווער ווייס, אפשר איז זי ניט געווען פון „יענע"?) איך האָב מיך גלייך אומגעדרייט און אוועקגעגאַנגען מיט שנעלע טריט. די קילע לופט האָט מיך שנעל בארויִגט.

איך בין אַ קאָמי־וואָיאַזשער און געפין מיך גאַנץ אָפט אין וועג. אין די פרעמדע שטעט זענען מיר די אָוועָנטען מאַנכמאָל גאַנץ אומעטיג. אין מיין מח קומען זעלטען צו־גאַסט נייע געדאַנקען. יענעם אָווענט אָבער בין איך געווען גליקליך. אינ'ם פּאַרק, וואָס אין צענטער שטאָט, אויף דער הויפּט־אַליי, האָב איך געטראַכט פון צוויי זאַכען: ערשטענס, אַז פון שטאַרקער ליבע ביז נאָך שטאַרקערער שנאה איז בלויז איין טריט. און אַז, צווייטענס, מאַנכמאָל פאַרלירט איינער זיין גלייכגעוויכט און ווערט לעבערליך פון איינבילדעניש, פון אַ גאָרניט, פון אַ ווייסטען טרוים... די קילע לופט בארויִגט אים באַלד.

ווענדעטטאַ... ווענדעטטאַ...

דאָס דאָזיגע וואָרט פאַרלאָזט מיך ניט די גאַנצע צייט.

איצטער, ווען צווישען מיר און יענעם אָוועגט אין נאָרפאָלק, וויר־דזשיניא, זענען שוין פאַרלאָפען עטליכע חדשים און א היבשע פּאָר הונדערט מייל. אין דער שטאָט אין דער מיטעל־וועסט, וואו איך געפין מיך איצטער צוליב מיינע געשעפטען, אלס א פּאָר־שטעהער פון דעם גרויסען שוך־געשעפט, פון וועמען איך מאַך אזא פיינעם לעבען, טראכט איך איצטער ניט פון יענעם אָוועגט, נאָר פון אן אנדערען אין דער איסט, אין ניו יאָרק, וואו איך האָב, דאכט זיך, עפּעס הינטער זיך איבערגעלאָזען.

זי איז געווען אן איטאליענערין. דאכט זיך, געבאָרען אין דיזען לאנד. אלענפאלס, שוין לאנג דאָ. באקאנט האָב איך מיך מיט איר אין א שוך־געשעפט, וואו זי איז געווען א פאַר־קויפערין, און וואוהין איך פלעג ארייַנקומען איינינע מאָל אין יאָר מיט די נייע מוסטערען פון׳ם סעזאָן. נאָר אינגיכען האָב איך שוין אָנגעהויבען אריינצוקומען אינ׳ם דאָזיגען פּלאץ עפטער, ווי איינינע מאָל אין יאָר. און עטוואָס שפּעטער, — פלעג איך שוין ברייַנגען צו איר אין הויז גאנצע פּעקלאך מיט מ ת נ ו ת און שפּיל־געצייג פאר אירע קליינע ברידערלאך. אירע עלטערען פלע־גען דאמאָלס ניט זיין אין דער היים און איך האָב ליב קליינע קינדער.

ז י כ ע ר האָב איך זי ליב געהאט. ווי דען? ווארום־זשע דען פלעג איך צו איר אזוי אָפט ארויפקומען, דאמאָלס ווען אירע עלטערען פלעגען אין דער היים ניט זיין. הייַנט די גאנצע באדערגיש מיט׳ן אייַנקויפען סאָלדאטשיקלאך און וועגעלאך פאר די קליינע ברידערלאך, ווען אפילו איך האָב סתם ליב קליינע קינדער... זיכער האָב איך זי ליב געהאט. זי אָבער האָט מיך ליב געהאט שטאַרקער, שוין צו שטארק. און עס איז ניט נאָך מיין גוסט, ווייל איך בין בטבע א געמעסיגטער מענש, געוואוינען און עטוואָס קיל. אויסער דעם בין איך שטארק באַ־שעפטיגט, און דארף זיין דעם גרעסטען מייל נאָר אין וועג. איין נאָט וויים, אז עס איז אמת.

האָט עס מיך אָנגעהויבען שטארק צו באאומרואיגען.

אין איין זונטאָג אָוועגט האָבען מיר געשפּאַצירט אויף בראָד־וויי. דאָס איז געווען ד ע ר זונטאָג־אָוועגט. א זונטאָג אָוועגט אויף בראָדוויי, ברויך איך עס צו באשרייבען? ליכט, ליכט.

ליכט... עלעגאַנט געקליידטע יונגע הערען און דאַמען. אַלערליי דאַמען... און די גאַנצע לופט, ווי דער אויסדרוק פון די נעזיכטער פון די שפּאַצירענדיגע, רעדט פון איין דראַנג, פון איין אינטענסיווען פאַרלאַנג: דער דראַנג צו אַ פולען לעבען... מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ טעאַטער, אין אַ רייכען עלעקטראַ־ביאָגראַף. מען האָט דאָן געציינט אַ פילמיזירונג פון האָלל קעינ'ס „די אייביגע שטאָט". ס'אַרא בילד! ס'אַרא בילד! די פּאַלאַצען, די קאָלאָנאַדען — ווי ליב איך האָב מאַרמאָרנע קאָלאָנאַדען — די גערטנער, די פיאַזאַס, די שטורמדיגע, אימפּולסיווע באַפעלקערונג, די פאַרנאַכטען אין רוים און אויפ'ן ים... און דורך דעם אַלעם, ווי אַ זיכ־שלענגלענדיגער רויטער פאָדים, דער עקשנות'דיגער דעמאָנישער האַס פון דער געפּעסטעטער און אַריסטאָקראַטיש־געצערטעלטער דאננא ראָמאַ צו דעם פייערדיגען אַגיטאַטאָר און פאָלקס־פירער, איך געדיינק שוין ניט זיין נאָמען, דאַכט זיך, לעאָן. אַ פאַרביסענע שטאַרקע פרויען־שנאה, וועלכע האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ נאָך שטאַרקערע ליבע. די איטאַליענערין דאננא ראָמאַ. דאננא ראָמאַ...

מיר זענען געזעסען ביידע, איינגאַנצען פאַרזונקען אינ'ם צוקוקען דאָס וואונדערליכע בילד. זי האָט זיך געטוליעט און געקלאַמערט אָן מיר. מיר האָבען ביידע געשוויגען, ווי טראַנספּאָרטירט אין אַן אַנדער וועלט. נאָר בלויז צום סוף פון דער פאָרשטעלונג, בשעת דער סצענע אינ'ם פויפּסט'ס גאָרטען, האָב איך דערהערט איר שטילען איינגעהאַלטענעם ציִשען אין אויער אַריין. עס איז געווען פייכט, הייס און ברענענדיג:

„דו וועסט מיך ליב האָבען אַלעמאָל. הערסט? דו מוזט מיך ליב האָבען, ווייל איך האָב דיך ליב און קאָן אָהן דיר ניט אויסקומען. און אויב ניט — איז אָדער איך וועל זעלבסטמאָרד באַגעהן, אָדער איך וועל אָן דיר נקמה נעמען. און ניכער דאָס לעצטע... וואָס וועט מיר אַרויסקומען פונ'ם „ערשטען?"

נאָר איך האָב מורא, אַז קיינעם איז נאָך דערוויי ל ניט אויסגעפירט געוואָרען. וווענדעטטאַ... וווענדעטטאַ...

איך בין אַ קאָמי־וואָיאַזשער, אַ פאָרשטעהער פון אַ גרויסער שוכ־פירמע אין דער איסט, דעם גרעסטען טייל יאָר געפין איך מיך אויפ'ן וועג. אין די פאַרשידענע שטעט און שטעטלאך איז מיר

מאנכמאָל גאנץ אומעטיג, ווייל זעהר זעלטען קומען מיר אין מיין מח נייע געדאנקען. נאָר אין דיזער שטאָט אין דער מיטעל־וועסט, וואו איך געפין מיך איצט צוליב מיינע געשעפטען, האָב איך ווי־דער געהאָט א רואיגען טראכטענדיגען אָוועגט, ווי יענעם אָוועגט מיט אייניגע מאָנאטען צוריק אין נאָרפאָלק. און ווידער האָב איך געטראכט פון צוויי זאכען: פון יענעם לעצטען אָפשיידס־אָוועגט אין ניו יאָרק, און פון דעם אנדערען אָוועגט אין נאָרפאָלק, ווירדזשיניא, וואו איך האָב געזעהן האָלל קעינ׳ס בילד צום צווייטען מאָל...

ווען עס קומט אָן דער אָוונט.

שטילער, שטילער, רוקט זיך צו,
ס׳קומט דער אָוונט מיט זיין רו.
(פון אַן אָוונט־ליד.)

א.

וועגען דעם בערגעל פון די צוויי פּנים׳ער.

זומערדיגע טעג זענען טאַקע לאַנגע און זיך־שלעפּענדיגע, אָבער זיי פירזען דאָך סוף־כל־סוף צו צום ענד פון זייער לאַנגען, וואַרימען וועג.

אַזוי ווי א ו נ ז ע ר ע טעג.

ווען אָבער די זון ברענט נאָך און דער טאָג איז נאָך הייס — ווער וויל עס טראַכטען פון די שאָטענס פון׳ם אָנקומענדיגען אָוונט? — —

נאָר צי מען טראַכט פון זיי, די שאָטענס פון׳ם זיכער־אָנקומענדיגען אָוונט, צי ניין — אָנקומען קומען זיי שוין סיי ווי סיי אָן, די שאָטענס פון׳ם קילען און קיל־מאַכענדיגען אָוונט. און ווען מען הויבט אָן צו דערפיהלען די נאָענטקייט פון זייער קילען ווייען, די נאָענטקייט פון׳ם קילען טייך פון אָוונטיגקייט, דאַמאָלס געהט מען ארויף אויף א הויכען באַרג פון וואַנען מען קאָן נאָך א לייַנגערע צייט זעהן די פלאַמען פון דער זון, מיט וועלכער עס ווילט זיך קיינעם ניט אזוי גיך שיידען.

דאַן, ווען עס קומט אָן דער אָוונט.

און ווילט איר ארויפקומען אויפ׳ן הויכען באַרג, הויבט איר זיך אויף אויף ברייטע, ריין־געשייערטע מאַרמאָרנע טרעפּ, און ווייל דער מאַרמאָר איז אזוי דורכזיכטיג און בוואַליעראַרטיג מיט זייַנע געדרייטע אָדערלאַך, דייַנקט איר, אז איר שטייגט צווישען פאַרגליווערטע בלאָקען ים־וואַסער און געפרוירענעם מער־שוים.

און אַלעמאָל שײַנט דאָרט די זון, דאָרטען, אויף די טרעפּ, די
מאַרמאָרנע, — און ברייט זײַנען די טרעפּ, און קאַלט־קלאָר,
און שווייגענדיג. און מיט אַן ערפּורכטיגער הכנעה, זיך קניענדיג
און בוקענדיג פאַר אייערע פיס, פירען זיי אייך אַרויף, באַרג אַרויף,
באַרג אַרויף: ריינע טרעפּ דורך אַ ברייט־שטילער עזרה צו אַ
זוייטליכען הייליגען היכל.

און אַזאַ היכל געפינט זיך טאַקי אויפ'ן שפּיץ באַרג, אויף אַ
פלאַכער טעראַסע. אָנרופען וועלען מיר דעם דאָזיגען היכל:
דער פּאַלאַץ פון דער ש פּ ע ט ע ר ־ פאַרגעהענדיגער זון, און ווען
דער אָווענט הויבט אָן צוצופאַלען, ציען זיך אַהינצו מחנות פיל־
גרימען, וואָס הויבען זיך און הויבען זיך אַלץ העכער איבער דעם
שלייענעלדיגען טרעפּענוועג, אַלץ העכער צום היכל. און דאָרט
טוען זיי לאַנגע צייט דאַווענען און קוקען אויף דער זון, אויף דער זון,
וועלכע מען זעהט שוין לאַנג ניט אין טאָל.
דאָן, ווען עס קומט אָן דער אָווענט.
און עס קומען אַהינצו פאַרשידענע מענשען.

יונגע פּאָרלאַך, נאָך ערשט ביים אָנהויב וועג, און עלטערע פּאָר־
לאַך, שוין איינגעבויגענע און אויסגעדרעהטע, ווי צופאַלענ־
דיגע שטאַמען פון ביימער. ד י זענען שוין צום ענד וועג דערגאַנ־
גען און כמעט דעם אָנהויב פאַרגעסען... נאָר מערער קומען אַהינצו
מיטעליעהריגע, ע ל ט ע ר ־ ו ו ע ר ע נ ד י ג ע פּאָרלאַך, וואָס
שטייען אויף אַ בערגעל אין מיטען וועג. און הייסען הייסט דאָס
בערגעל: ד אָ ס ב ע ר ג ע ל פ ו ן ד י צ ו ו י י
פּ נ י מ ' ע ר.

הייגען זיי דאָרט אויף אַ משקולת, אין מיטען, צווישען דעם
אָנהויב — און דעם סוף־וועג, שאָקלען זיי זיך אויפ'ן
שמאָלען קאַם אַהין און אַהער, אַהין און אַהער, און האַלטען זיך
אָן מיט אַלע זייערע כחות אָן דעם שפּיץ בערגעל. קאָנען זיך זאַט
ניט אָנקוקען מיט זייערע פיל, ברייט־פאַנאַנדערגעפּענטע און
ניריג־אַרייננעמענדיגע אויגען אויף דער נאָך אַלץ ליכטיג־שיינענ־
דיגער זון. איידער דער שטילער אָווענט ווינטעל וועט זיי פון
שמאָלען קאַם אַרונטערבלאָזען אויף יענער זייט, וואו מידע פּאָר־
לאַך ציען זיך אַזוי מיד צום סוף־וועג, צום צווייטען סוף־וועג, צום

טאָל־ווייטען סוף־וועג, וואו אַן איינזאַמער אויסגעדאַרטער בוים
צעגליט איג׳ משיין פון די שקיעה׳דיגע פלאַמען.
און אַהין, אויפ׳ן בארג, קומט מען סיי זומער און סיי ווינטער,
סיי פרילינג און סיי הערבסט. אַ ל ע מ אָ ל קומען פאַרלאַך
אַ ה י נ צ ו — דערהויפּט אָבער אָוונט־צייט.
וואָרום דער אָוונט ברייגנט מיט זיך אויסער שטילקייט אויך
קילקייט. ווילט זיך דאַמאָלס טוליען איינער צום אַנדערען
און זיך צוזאַמענגעהן אין דער אַראָפּנידערנדיגער קילער רו.
די רו, וואָס האלט זיך אָן אָן די בלויע זוימען פונ׳ם אָוונט.
דאַן, ווען עס קומט אָן דער אָוונט.

ב.

עס האָבען געלעבט אַמאָל אין אַ שטאָט...

הערט אַ מעשה.
אין אַ שטאָט האָבען געלעבט צוויי מענשען, אַ מאַן מיט אַ פרוי,
און זייערע שייכות׳ן איינער צום אַנדערען זיינען באַשטאַנען
אין דעם, וואָס זיי זענען געווען מאַן און ווייב.
מיט פילע יאָרען פריער, שוין לאַנג צוריק, זענען זיי געווען יונג,
אַט ווי אַלע מענשען אין זייער פריהען לעבען. און ד א ן
האָבען זיי עס חתונה געהאט. נאָר שפּעטער, מיט יאָרען שפּעטער,
זענען זיי עלטער געוואָרען און האָבען זיך טאָג־איין, טאָג־אויס,
פּאַמעליך און אומגעזעהן געקייקעלט באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ, צום
שטיל־גרויען טאָל.
ווי געוויינליך.
אין אַנשלאָגען וועלען זיי זיך סוף־כל־סוף אָן דער דעק פונ׳ם שטיל־
גרויען טאָל... נאָר די מעשה קומט פאָר דאַן, ווען זיי זענען
נאָך געהאנגען אויף אַ משקולת אויפ׳ן בערגעל אין מיטען וועג, און
האָבען זיך מיט אַלע כחות אָנגעהאַלטען אָן דעם קאַם, כדי דער
אָוונט־ווינטעל זאָל זיי ניט אַרונטערבלאָזען אויף י ע נ ע ר
ז י י ט, וואו אַ סך פאַרלאַך ציען זיך פּאַמעליך און מיד צום
אָוונטיגען סוף־וועג.

פלעגען זיי זיך אזוי לעבען צוזאמען : דער מאן פלעגט ארבייטען
ערגיץ צו פארדינען אויף א לעבען, און די פרוי פלעגט
זיין פארנומען מיט הויז־ארבייט, ווי אלע פרויען.
פלעגען זיי לעבען צוזאמען — מיינט עס : בלויז אין איין הויז.
ווארום שוין לאנג האבען זיי דערעסען איינער דעם אנ־
דערען און זעלטען געהאט פון וואס צו ריידען, און צוליב איינס
דעם אנדערען נאכאנאנד איז די אויגען קוקען. שוין צופיל געקענט
איינס דאס אנדערע.
פלעגען זיי זיך לאנגוויילען.
זאלבענאנד.
און דאמאלסט, ווען עס פלעגט זיי אומעטיג ווערען, פלעגען זיי
ארויסקוקען דורכ'ן פענסטער און זעהן :
יונגע, לעבענס פריידיגע פארלאך שפאצירען אין גאס, לאכען,
רוישען, קוקען איינע אויף די אנדערע מיט גליקליכע, גאר־
ניט־זעהענדיגע אויגען.
פלעגען דער מאן און די פרוי, וואס האבען געוואוינט אין יענער
שטאט, ביידע צו זיך אין דער שטיל אזוי צו זאגען :
— זיי זענען נאך ביים אנהויב וועג. נאר אונז ווערט שוין קאלט,
ווייל מיר הויבען זיך אן דערנעהענטערען צום סוף פונ'ם
אזוי, מיין טייערער.
אזוי, מיין טייערע.
און ביי דעם דאזיגען געדאנק פלעגט זיי ווערען שטארק אומעטיג
און טרויעריג אויפ'ן הארצען. און ווען בייטאג, בשעת'ן
ליכטיגען טאג, איז געווען אזוי, הייסט אין דער דעמערונג, אין דעם
שטילען געמיש פון טאג־ענד און אווענט־רו, איז דאך אודאי...

ג.

ווען דער אווענט וועט קומען...

נאר אין אווענט פלעגען זיי אין הויז ניט זיצען.
ווייל יעדער פון זיי, ווען זיי זענען געזעסען איינע לעבען אנדערען,
האבען זיי זיך געלאנגווייליגט און געשוויגען, — פלעגט פון
דעם אנדערען עטוואס פארהוילען און באהאלטען ביי זיך טיף אין
הארצען.

אַ פריידיגען, טרייסטענדיגען געדאנק. זיי פלעגען חלומ'ען אויפ'ן
ווּאָר.
אַמאָל פלעגט ער זיך ניט קאָנען איינהאלטען און אין דער שטיל
ארויסזאָגען:
— ווען דער אָוונט וועט קומען...
און זיך באלד פארכאפען. מיט שרעק זיך ארומקוקען, אויב זי, זיין
זיין פרוי, האָט ניט דערהערט.
און אמאָל פלעגט זי אויך ניט קענען איינהאלטען און פלעגט
אין דער שטיל ארויסזאָגען:
— ווען דער אָוונט וועט קומען...
און פלעגט זיך באלד פארכאפען. מיט שרעק זיך ארומקוקען,
אויב ער, איהר מאן, האָט עס ניט דערהערט.
נאָר קיינער פון זיי האָט דעם אנדערען געהערט און דערהערט, ווייל
זיי האָבען שוין לאנג איינער פאר'ן אנדערען דעם גייסט
אָנגעוואָרען, און האָבען זיך ניט ליב געהאט, און זענען ניט געווען
אייפערזיכטיג.
און דער אָוונט פלעגט קומען.
פלעגט ער, שמעון, זיך פריש אָפּגאָלען, זיך ארומוואשען און זיך
אָנטאָן אין א שווארצען אנצוג און אין גרויליכען טוקסידאָ.
זי, דבורה, פלעגט זיך אָנפּארפומירען מיט די שמעקעדיגסטע פער־
סישע בלומענזאפטען. „דזשערקים" — דאָס איז געווען איר באַ־
ליבטסטער פארפיום. אירע בלאָנדע האָר אין א הויכער פריזור
פארפלאָכטען און זיך ארייגעטאָן אין א קלייד פון שיפאָן־זייד.
זיי פלעגען שוין געפינען אויסריידען איינער פאר'ן צווייטען, און
קיינער פלעגט נישט וועלען צופיל פרעגען און חושד זיין דעם
אנדערען, ווייל זיי זענען ביידע גערן געווען זיך ארויסרייסען פון
זייער אומעטיגען הויז, וואָס האָט זיך געפונען אויפ'ן עק פון צוויי
גאסען, צוויי וועגען.
דעריבער האָט עס אויך געהאט צוויי נומערען. נומער 247
דער־שליאך־צו־דער־זון. און נומער 742 צום אָוונט.
מיט שמחה און מסירת־נפש פלעגען זיי זיך ביידע ארייננוואָרפען
אין די איינגעווייד פון דער טומעלדיגער שטאָט, מיט'ן
שטארקען ווילען דאָרט דערטרונקען צו ווערען.
אָבער — דורך צוויי באזונדערע וועגען.

זי פלעגט זיך לאָזען מיט דער גאס: צום־אָוועגט.
און ער — מיט דער גאס: דער־שליאך־צו־דער־זון.

ד.

וועגען דעם אייביגען יום־טוב אויף יענעם באַרג.

די גאסען פון יענער שטאָט זענען געווען אומרעגעלמעסיג. פלעגען
זיך קרייצען אין דער קווער און אין דער קרום און גאָר פילע
פלעצער. אלטע, ואמאליגע, קאפריזנע גאסען. פלעגט שוין אויס־
קומען, אז ביידע, מאן און פרוי, פלעגען זיך דערנעהענטערען צום
בארג מיט דער זעלבער גאס: דער־שליאך־צו־דער־זון.
נאָר געהן פלעגען זיי אויף צוויי באזונדערע טראָטוארען. און
פלעגען זיך אויסהיטען איינער פאר'ן צווייטען. געפיהלט
האָבען זיי אומגעוויינליך אנגענעם און גוט, ווי אנגענעם און גוט
עס איז פאר מאן און ווייב צו פעלשען איינער דעם אנדערען.
און לסוף פלעגען זיי איינס דאָס אנדערע פארלירען פונ'ם אויג.
שמעון פלעגט צום בארג אָנקומען דער ערשטער. מיט א ביינקענ־
דיגען, אין דער הויך אויפגעהויבענעם קאָפּ פלעגט ער זיך
לאָזען שטייגען מיט גרויסער און שטילער פרייד ארויף, ארויף, —
ארויף די ברייטע טרעפּ, די מאַרמאָרנע. און די, וואָס שטייגען
אומערמידליך, קומען ענדליך אָן אין דער הויך.
ער זעצט זיך אוועק אויף א באנק, פלעכט איין די פינגער איינע
אין די אנדערע, קוקט עטוואָס אומגעדולדיג אין אלע זייטען,
און וואַרט.
נאָר די רואיגקייט און קלאָרקייט, וואָס פלעגען ארומוויקלען יעדען
איינעם, וויבאלד נאָר ער האָט זיך אויפגעהויבען אויף די
ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ צו דער טעראסע אויפ'ן שפּיץ בארג,
פלעגען באלד אויך אים ארומנעמען. ווערט ער רואיג. לאָזט ער
זיינע בליקען גליטשען זיך איבער'ן פייערדיגען באָל, ווי א פארליב־
טענס אויגען איבער דעם מיידעל'ס צוגליטען קערפּער.
א הויכע, שלאנקע דאמע קומט ענדליך צו. זיי גריסען זיך, זיי
לאָזען זיך שפּאצירען איבער די שטעגלאך, מיט רויטען ציגעל
אויסגעפלאסטערטע, וואָס געפינען זיך אויפ'ן שפּיץ בארג. אָדורך

דער רואיגקייט און קלאָרקייט, וואָס איז געווען די אייגענטליכע לופט, וועלכע האָט אָנגעפילט די ארומיגקייט דאָרט, — אויפ'ן בארג.

וואָרום דער גאנצער בארג איז דאן געווען איינגעטונקט אין יום־טוב־דיגקייט און פרייד. פון דער סאמע נידער, פונ'ם טאָל, האָבען זיך איבער די מארמאָרנע טרעפ געצויגען מחנות, שורות, פאָרלאך, שווארצע פלעקען, קליינינקע, שווארצע, פרומע מילבען.

נאָר וואָס נענטער זיי זענען צוגעקומען צום הויכען שפיץ בארג, אלץ גרעסער זענען זיי געוואָרען און אלץ ליכטיגער. און נאָר אין דער הויך זענען זיי שוין געווען פארפלייצט פון דער זון, דער זון, וועלכע איז אויפ'ן בארג נאָך ניט געווען אונטערגעגאנגען.

אַ יום־טוב איז געווען אויפ'ן בארג, א יום־טוב א גרויסער און זוניגער. מען האָט נישט געזען קיין אלטע פאָרלאך און קיין יונגע. אלעמענס רוקען איז אויסגעגלייכט געוואָרען. און אלע האָבען מיט פארביינקטע אויגען געקוקט אויף דער זון, אויף דער זון, וועלכע איז שוין לאנג אונטערגעגאנגען אין טאָל.

און שמעון מיט זיין דאמע זענען געווען צווישען די שפאצירענדיגע. און זיי האָבען ווייניג גערעדט, ווי ווייניג מען רעדט דאן, ווען דאָס הארץ איז פול. איינער ביים אנדערען האָבען זיי ניט געפרעגט, ווער זיי זענען, פון וואנען זיי זענען און וואָס זיי טוען. אָט ווי מען טוט דאָרט אונטען אין טאָל. נייערט זיי האָבען איינס אויף דאָס אנדערע געקוקט מיט טרייע און איבערגעגעבענע בליקען, און זייערע פנים'ער זענען געווען באלויכטן מיט א שטילער פרייד, מיט א פרייד פון אן אנדער וועלט.

און ווען אלע האָבען זיך אזוי געצויגען שטיל און פרום אין לאנגע פראָצעסיעס אהינצו, צום היכל פון דער ש פ ע ט ע ר־פארגעהענדיגער זון, האָט מען שטיל געזונגען.

עמיץ — אלע.

נאָר מען האָט ניט געזעהן — ווער. אויף שטיל און איינגעהאלטען איז געזונגען געוואָרען. און אלץ, ווי די דינגע, קוים־באמערקבארע מוסקול־רירען, איז געווען לויב און געזאנג און בלייב־פאר'חלש'טע קערפער־באוועגונגען.

ביז וואנען זיי זענען אָנגעקומען צום טעמפעל.

און אז זיי פלעגען אריינקומען אינגוויינינג אין טעמפעל, פלעגט ווער
פאלען אויף די הארטע, קאלטע פלוטעס פון די דילען, און ווער
ערגיץ אין די טונקעלע היכל־ווינקלען, און מען פלעגט אזוי אפ־
ליגען א לאנגע צייט, מיט פארשמאכטע און אויסגעצויגענע
פנים׳ער און דאווענען, און חלום׳ען, און בעטען צו דער זון...
און לאנג פלעגט דער דאזיגער יום־טוב געדויערען, און קורץ. א
לאנג־קורצע צייט. און די בארג־פילגרימען פלעגען ש פ ע ־
ט ע ר, אין א צייט ארום, עס אנרופען:
— די קורצע אייביגקייט.
אט אזוי פלעגט עס פארקומען אויפ׳ן הויכען בארג.

ה.

דארטען, אונטען אין טאל. —

און דער „שפעטער" פלעגט ענדליך אנקומען.
עס קומט אן ענד צו אלע אונזערע פריידען.
אונטען, אין טאל, איז שוין געווען שטארק פינסטער און נאכטיג,
שטיל־בלייבע אווענטיגע שלוחים פלעגען אנהויבען אנ־
קלאפען אין די פארהוילענע נשמות־קעמערלאך פון די פילגרימען
אויפ׳ן בארג. שטיל פלעגען ז י י אין ד י קלארע פענסטער־
לאך, אין וועלכע עס האט זיך שוין אנגעהויבען לויכטען דאס
שקיעה־ליכט, אנקלאפען:
וואכט אויף... וואכט אויף... אין טאל הערשט שוין לאנג די נאכט.
און עס פלעגט ווערען אווענטיג אויך אויפ׳ן בארג. זארגען און
זארגעלאך פלעגען זיך אנהויבען שאטענען אויף די שטערנס:
מען האט איבערגעלאזען לעבענס אין טאל.
האט מען זיך אנגעהויבען פאנאנדערגעהן.
און אז עס איז געקומען די צייט פון צושיידען זיך, האט שמעוג׳ן
שטארק וועה געטאן דער געדאנק, וואס אלץ איז שוין פאר־
איבער.
עס איז שווער געווען צו טראכטען, אז די שטילע דאמע, מיט
וועלכער ער האט צוזאמען יום־טוב געהאלטען, וועט שוין באלד
לעבען אים ניט זיין.

האָט ער איהר נאָך שטילער און פארוואונדערטער אין די אויגען געקוקט.
ווער איז זי, די שטילע דאמע, מיט די פייכטע, נייע אומבאקאנט ברענענדיגע אויגען?
די טאָל־לופט האָט שוין אָנגעהויבען שמעקען אויף דעם בארג.
האָט ער ביי דער דאמע געפרעגט, ווי מען רופט זי.
דבורה האָט זי געענטפערט. — און אייך?
שמעון, זאָגט ער, איז זיין נאָמען.
איז עס אָבער ניט געווען גענוג. די טאָל־לופט. די טאָל־לופט...
געוואוסט האָבען זיי טאקע, אז אונטען אין טאָל וועען זיי זיך מעהר ניט באגעגענען.
עס האָט זיך אָבער געוואָלט זיך זעלבסט אָפּנארען.
פרעגט ער ווייטער: וואו וואוינט איהר? ענטפערט זי:
נומער 742 צום־אָוועגט. — און איהר? זאָגט ער:
נומער 247 דער־שליאך־צו־דער־זון.
דאמאָלס פלעגען זיי איינער דעם אנדערען א ווארימען שמייכעלע צוואווארפען און זיך פאנאנדערגעהן, דורך צוויי באזונדערע וועגען.
ער — מיט דער גאס: צום־אָוועגט.
זי — מיט דער גאס: דער־שליאך־צו־דער־זון.
ווייל זיי האָבען געהאט א באהאלטענעם מיין דאָרט אונטען אין טאָל איינער דעם אנדערען באגעגענען.
אָבער דאָרט אונטען אין טאָל פלעגען זיי זיך שוין קיינמאָל ניט באגעגענען.
ווייל דאָרט אונטען אין טאָל...

ו.

יענע שטילע דאמע...

אין יענער שטאָט, וואו א מאן מיט א פרוי האָבען געלעבט, זענען די גאסען געווען אומרעגעלמעסיג און פלעגען זיך קרייצען אין דער קווער אין גאר פיל פלעצער. פלעגט שוין אויסקומען, אז אלע פלעגען זיך דערוויטערען פונ׳ם בארג מיט דערזעלבער גאס: צום־אָוועגט.

שמעון פלעגט קומען אהיים. זיין ווייב פלעגט שוין פון לאַנג
ווארטען אויף אים.
זי האָט שוין געהאַט אָנגעצונדען דעם לאָמפּ. עס איז געווען וואָך.
זיי פלעגען זיך באַמיען דאַן צו זיין פריינדליך איינער צום אַנ־
דערען, ווי וועלענדיג פארגלעטען אין געהיים באַגאַנגענע
עולות, פון וועלכע עס איז גלייכער ניט צו שמועסען. ד א ן פלעג־
נען זיי ריידען מער ווי געוויינליך און זיך באַמיען מאַכען איינס
דעם אנדערען באַקוועם. און יעדער פלעגט אין דער זעלבער צייט
ווארפען זייטיגע בליקען אויפ'ן צווייטען, זעהן, צי איז אים דער
אַנדערער אין עפּעס חושד.
זיי זענען אָבער ביידע נאָר געווען פארנומען מיט טראַכטונגען
וועגען דעם שטילען אָוועגט אויפ'ן בארג, וועלכער איז געווען
געגליכען צו טאָג, און וועלכער איז שוין געווען פארשוואונדען.
זיי זענען געזעסען מיט פארמאַכטע אויגען.
און שמעון פלעגט טראַכטען וועגען דער שטילער אומבאַקאַנטער
דאַמע, וועמעס געשטאַלט פלעגט נאָך שענער אויפבליען אין
דער טונקעלהייט.
די דאַמע מיט דער הויכער, בלאָנדער פריזור, אינ'ם קלייד פון
גרויען שיפאָנ־זייד, פון וועמען עס האָט אַזוי אָנגענעם און
פרעמד־ניי געשמעקט מיט'ן בלומענדופט „דזשערקוס".
איצט איז געווען נאַכט, מיט אַ ברענענדיגער לאָמפּ, וואָס האָט
געשפּרייט ארום זיך וואָכעדיגקייט.
און אין מח פלעגען זיך לויכטען ברייטע טרעפּ מאַרמאָרנע, ווי
גרויסע בלאָקען פארגליווערטען ים־שויב, אויף וועלכע עס
שפּריצט אַ גרויסע זון, און איבער די טרעפּ שטייגט אין דער הויך
אַ שלאַנקע און שטאָלצע געשטאַלט, אַ בת מלכה, אַ קעניג'ס טאָכ־
טער, און שטייגען שטייגט זי שטייף, מיט אַן אויפגעהויבענעם
קאָפּ.
אַ גריכישע יונגפרוי אויף די ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ צו אַ היכל
אין ע ל ל א ד א, צום פארטענאָן.
פלעגט שמעון ארונטערלאָזען דעם קאָפּ, דרעמלענדיג.
יענע שלאַנקע, שטילע דאַמע...

ז.

נעילה

ווען עס קומט אָן דער אָווענט.
וואָרום עס זענען פאַראַן צוויי אָווענטען.
דער אָווענט אין טאָל, ווען מען הויבט זיך אָן צו קייקלען באַרג
אַרונטער אויפ'ן זאַמדיגען אָווענטיגען שליאַך, וואָס פירט
צום סוף וועג צו.
דער אָווענט אויפ'ן באַרג, צו וועלכען עס פירען די ברייטע מאָר־
מאָרנע טרעפּ. ד ע ר איז געגליכען צו אַן אייבינען טאָג.
און ווען עס קומט אָן דער אָווענט אין טאָל, הויבט מען זיך אויף
אויפ'ן הויכען באַרג, פון וועלכען מען קאָן נאָך אַ לייענגערע
צייט זעהן די פלאַמען פון דער זון, — דער זון, וועלכע איז שוין
לאַנג אונטערגעגאַנגען אין טאָל.
און דאָרט אויפ'ן באַרג, האַלזט מען זיך און מען קושט זיך, און
מען פרייט זיך אין דער שטיל, און מען דאַווענט אין דעם
טעמפּעל פון דער זון.
ביז...
ביז די שטיל־בלייכע אָווענטיגע שלוחים הויבען אָן אַנצוקלאַפּען
אין די פאַרהוילענע נשמות־קעמערלאַך פון די פּילגרימען
אויפ'ן באַרג.
דאַן...
דאַן נידערט מען ווידער אין טאָל.
און אין טאָל זיצט מען איינער לעבען אַנדערען, מען לאַנגווייליגט
זיך און מען שווייגט.
ביי בייטאָג, ווען מען קאָן אַרויסקוקען דורכ'ן פענסטער און זעהן,
ווי יונגע לעבענספריידיגע פאָרלאַך שפּאַצירען — נאָך ביים
אָנהויב וועג.
און ביי ביינאַכט, ווען דורך די אויגען־לידלאַך שפּאַרט זיך מיט
גוואַלט אַריין דאָס געלע ליכט פון דער וואַכעדיג־ברענענדינער
לאָמפּ.

אָבער ביידע מאָל, ווען עס ווערט שטאַרק אומעטיג אויפ'ן האַרצען

אוּן עס טראַכט זיך ניט ווילענדיג פון טעג, זומערדיגע און לאַנגע, וועלכע פויזען דאָך סוף־כל־סוף צו צום ענד פון זייער לאַנג־וואַרימען וועג, דאַן פאַרמאַכט מען די אויגען שטאַרקער. א ו נ ־ ט ע ר זיי טראַכט זיך אַזוי באַרואיגענדיג און שטיל:

— ווען דער אָוועגט וועט קומען...

דאַן, ווען עס קומט אָן דער אָוונט.

ס'ווערט שוין קיל

(דערציילונג.)

ווי אַ שפּראַצונג וואָס פאַרבליט,
ווי אַ חלום וואָס פאַרפליט,
ווי אַ ווינט וואָס פאַרווייט,
ווי אַ טאָג וואָס פאַרגייט.

פאַרוואָס האָט זיך עדנא ניט געזאָלט פיהלען גליקליך? זי האָט זיך טאקע געפיהלט גליקליך, עדנא. ארומגעשפּרונגען איז זי איבער די פינף געראומע חדרים פון די ראדזעק'ס וואוינונג, ענליך צו אַ זונ־פלעק וואָס איז געוואָרפען פון אַ שפּיגעל־גלאָז אין אַ קינד'ס האנט, אַ שטיפערישער. אירע גיך־גיכע, פילע רייד זענען געווען ווי דאָס טשוויטשערען פון אַ ווראָבעל אין אַ זוניגען פסח'דיגען פרימאָרגען אזוי זיך, פונ'ם יונגען בלוט, צוליב אייגענעם פאַרגניגען און אוים יונגקייט. אין דעם גאָלדענעם ליכט, וואָס האָט געשטראָמט דורך די גלאנציגע שויבען אין דער לופט פון די זונטאָג־צוגעקליבענע חדרים אריין, האָט זי טאקע אויסגעזעהן, ווי אַ קליין באלעבט פריילינגעל, וואָס האָט זיך אריינגעריסען מיט דער זון דורך אַן אָקאָרשט־אויפגעעפענטען פענסטער, און קען יעדע מינוט אויפ'ן זעלביגען וועג צוריק אין דער דרויסענ־ליכטיגקייט ארויספאלען.

זוניגקייט און ליכט.

געסט האָבען געהאלטען אין איין אָנקומען.

אונטען, ביי דער אריינגאנגס־טיר, האָט זיך אלע ווייל אַ קלונג פונ'ם גלעקעל דערהערט.

איבער די טונקעלע, מיט גרינעם פלוש באצויגענע טרעפ, האָט עדנא גלייך גענומען ארונטערטאנצען, עפענען די טיר.

איר הארץ האָט האסטיגער געקלאפּט פון גליק. ווייל גליקליך

און יום־טוב׳דיג האָט זי זיך דערפיהלט. וואָס אזויפיל גייע מענשען, שוין אמאָל געזעהענע און נאָך קיינמאָל געזעהענע, האלטען אלץ אין איין אָנקומען. ביי דעם אָנזעהן פון אומבאקאנט פּנים איז איר בלוט פריידיג אויפגעקוואָלען און זיך אויפגערעגט געקלאפט אָן די הארץ־ברעגעס, א ווערטעלע וואָסערל וואָס ווערט פולער און העכער אין די אָנהויב־פרילינגדיגע חדשים.

און אויבען, אויפ׳ן צווייטען עטאזש, האָט מען באלד דער־הערט איר קליין געלעכטערל, א דראָבנעם און א ציטערדיגען — צעשטויסענע בלויע לופט. גלייך הארויף איז איר שטים ארויפ־געלאָפען אין דער האלב־טונקעלקייט פונ׳ם קאָרידאָר, און די נע־מען פון די געסט געלאָזט ווייסען.

מיושב׳דיג און געלאסען האָבען זיך די געסט גענומען הויבען איבער די טרעפּ, מיט אן איידעלען און שולדיגען שמייכעל אויף די ליפּען, וואָס עס איז געמאכט געוואָרען אן איבעריגער טומעל צוליב זייער אָנקומען.

— וואָס מאכט איר עפּעס?

— אָט, גאָט צו דאנקען, מען איז ניט צום פארזינדיגען, און איר?

— מען איז אויך אָלל־ראיט.

דער מאן אירער, דער הצלחה׳דיגער געשעפטסמאן, וואָס פלעגט אלעמאָל זיין שטארק פארנומען, איז שוין געווען באקאנט צווישען פריינט דורך דעם, וואָס ער פלעגט זעלטען אָפּהיטען זיינע באגעגענישען, אויסער די ביזנעס אפּוינטמענטס. ער פלעגט אָבער אלעמאָל זיך לאָזען זעהן אויף שמחה׳לאך, סיי היימישע און סיי געזעלשאפטליכע. צוליב איר איז עס געווען, דער פרוי זיינער, וועלכע האָט קיינמאָל ניט געקענט אלט ווערען, און איז איבער עפּעס א זינד פאר׳משפּט געוואָרען דורכצולעבען אירע יאָרען אן אייביג־יונגע.

אויך איצט איז הער וואַלינסקי געווען אין דעם אויפנאמס־צימער.

און גאָרניט.

א שטיל־פריידיג גליק האָט אים אלע אָדערען אָנגעפילט. אין דער מינוט וואָלט ער קאפּאבעל געווען אויפרייסען א פענס־טער אין דעם פרעמדען הויז, און אויף א הויך, ווייטליך־גבורה׳דיג

קול, ווי די פּויערים זינגען אין די זומערדיגע פעלדער בשעת'ן שניט, אָנהויבען שרייען אין דער בלוי־זוניגער לופט אַריין:

— אָהו־ו־ו... אָהו־ו־ו...

נאָר געשטאַנען איז ער גאָר אינ'ם ווינקעל אויפנאַמס־צימער און האָט זיך נאָך געוואוסט אויפצופירען ווי עס פּאַסט פאַר אַ מענשען פון זיין שטאַנד. ער האָט אפילו ניט באַמערקט די פריינדליך־קנאה'דיגע בליקען, וואָס די אַרומיגע יונגעלייט און ווייבלאַך האָבען אויף אים, דעם גליקליכען, געוואָרפען: ער איז דאָך געווען אַזאַ מזל'דיגער אין זיינע געשעפטען, און אַזוי גליקליך איז עס אים געגאַנגען אין זיין פאַמיליענלעבען, סיידען אפשר דאָס, וואָס זיי האָבען קיין קינדער ניט געהאַט.

נערעדט האָט מען אויך, אַז קיין קינדער האָבען זיי ניט צוליב איר טאַקע, עדנא'ן, וועלכע וויל ניט אָנווערען איר בויגיגע, קוועקזילבערדיגע, מיידעלשע פיגור. איצט אַפילו, שוין דרייצען יאָר נאָך דער חתונה, האָט זי דאָך ווי אַ כלה־מיידעל אויסגעזעהן. אָפט פלעגט זי אַזעלכע מיידעלש־אומבאַרעכענטע זאַכען באַגעהן, און אַלע האָבען זי דערפאַר ליב געהאַט. מאַנסבילען פלעגען איג־נער ווערען, און זיכערער אין זיך, ווען זי פלעגט אויף זיי וואַרפען אַ ליכטיגען שמייכעל, אָדער אַ יונג־וואַרימען האַנט־דרוק געבען. ווייבלאַך פלעגען בייז־קנאה'דיג שמייכלען אין איר אָנוועזענהייט.

אָט איז איצט מיט איר דאָס הויז פול געווען. עס האָט אויסגעזעהן, ווי זי איז עס גאָר דער אינהאַלט פון דער היינטיגער צונויפקומונג, און די מלכה פון די פרויען. די יונגע ווייבלאַך האָבען געברענט און גע'חלומ'ט וועגען דעם, וואָס עס וואָלט גע־ווען, ווען זיי וואָלטען העד וואַלינסקי'ן צוערשט באַגעגענט. און אפשר זענען ניט קיין ערליכע געפיהלען זיי אין דעם בלוט אַריינ־געפלאָסען, ווייל זיי האָבען זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט, רויט ווערענדיג.

וואַלינסקי. דער נאָך קרעפטיגער מאַן, שוין אויף דער גרע־נעץ פון די מיטעלע יאָרען, ביי וועמען זילבער־האָר האָבען זיך אַביסעל פאַר דער צייט גענומען דורכשלאָגען, איז געווען טאַקי אַ גליקליכער מענש און, ווי געוועהנליך אַ גליקליכער, ניט אויסגע־מאַכט זיך קיין סך פון זיין גליק. ניט באַמערקט די זיך־שרכנ'דיגע קוקען פון די ווייבלאַך, און די קנאה'דיגע בליקען פון די מאַנס־

בילען. ער איז געשטאנען לעבען אן איבערגעוואקסענעם, קורץ־געשארענעם מיידעל, און מיט א שמייכעל פון א דערוואקסענעם, וועלכער הערט זיך צו צו א קינד'ס ריידערייען, האט ער געגויגט צו איר זיין אויער, בשעת זי האט אים פארטייטשט ב א ט י ־ ט ש ע ל י ' ס „פרילינג", וועלכער איז אויף א דערבייאיגער וואנט געהאנגען:

— וואס רעדט ער, וואס... זאל ער נאר אליין זעהן... טאקע אהער, פון דער זייט, וואו די זון שלאגט ניט אפ אויפ'ן גלאז... וויפיל צייטיגקייט עס איז דא אריינגעגאסען אין די לייבער פון די מעוברת'דיגע יונגפרויען... און די פליאמעס ליכט, וואס שפא־רען זיך דורך די טונקעלע בוימער דורך, ווי זוניגע סטעזשקעס... און די עפעל, צי די מילגרוימען, וואס האלטען אין איין שטייפער ווערען, ווי די לייבער פון די יונגפרויען, כמעט־נאקעטע, ווי פרילינג'דיגע בוימער...

עס איז טאקע געווען פרילינג אין דרויסען. א ליכטיגקייט און א זוניגקייט האט זיך געשפרייט איבער די גאסען און דעכער. עס האט זיך געוואלט ארויסגעהן אין די פעלדער, און טאנצען אין א קאראהאד. בלויע קלאנגען האבען זיך געטראגען אין דער לופט, און דערמאנט דאס פרייליכע שטויסען פון צימרינג אין א מע־שעענר שטויסעל ערגעץ אין א ווייטער ערב־שבת'דיגער שטעטעל. קינדער האבען געטאנצט אויף די שטיינער, האבען זיך געוואריגט אין דער זון.

גוט טאקע, וואס די ראדזעקס האבען אין אזא טאג, מיט א צוואנציג יאר צוריק, חתונה געהאט, און איצטער א יום־טוב לכבוד דעם געמאכט. אבער געדוכט האט זיך אלץ, אז דאס זענען ניט די שטילע גאליציאנער ראדזעקס, נאר דאס איז גאר ערנא דער בעל־שמחה, און אז עס איז איצטער א י ר חתונה, אדער אירער א היימישער שבעה־ברכות. געפרעהט האט זי זיך מער ווי אלע, און געווען איז זי אומעטום, א ליכטיגע אזא און א זוניגע, ווי דער דרויסען אויף יענער זייט פענסטער. איין יונגערמאן האט אין דער שטיל א זאג געטאן צו זיין שכן:

— ווייסט?... ס'איז א שאד, וואס אזוינע ווערען נאר גע־בוירען... צופיל מענשען פארשאפען זיי ווייטאג דורך זייער

שטארבען. און נאך מערער מענשען דורך זייער לעבען. אבער אזוינע געהען ערשט טאקע יונגערהייט פון דער וועלט אוועק, ווייל זיי געהערען ניט אן אהער...

נאר עדנא האט ניט געוואוסט, ניט וואס ד ע ר יונגערמאן האט געזאגט וועגען איר, און ניט וואס אן אנדערער. זי האט בכלל איצט גיט געוואוסט, וואס מען רעדט, ווער עס רעדט און צי מען רעדט צו איר גאר אינגאנצען. א פרעהליכער גערויש האט זיך בלויז געוויקעלט אין די חדרים, א ליכטיג-זוניגער נעפעל, ווי פרעהליך און זינגענדיג דאס בלוט האט געקלאפט אין אירע בלייך-בלויע שלייפען און אין איר הארץ, וואס האט קיינמאל ניט גע-וואלט אלט ווערען. אט איז זי מיט איין שפרונג ביי דער זייט פון איר מאן, שטעלט זיך אויף די שפיץ-פינגער און גיט אים א קוש אין שטערען. באלד דערנאך הויבט זי אים אן שלעפען פאר די אויערען. דאס געפעלט איר אזוי שטארק, אז זי לאכט זיך פאנאנדער הויך אויפ'ן קול.

דאס קורץ-געשווירענע מיידעל איז פון דער אומדערווארטקייט אזש צעטומעלט געווארען. זי האט דעריבער פארגעסען ארויס-נעמען איר האנט פון וואלינסקי'ס. און ווען זי האט זיך אן דער האנט דערמאנט, איז שוין געווען שפעט. זי האט אין גאנצען גע-ציטערט און געפיהלט ווי איר האנט בריט אין זיינער, אבער ארויסנעמען זי האט זי ניט געקענט. ניט געהערט האט זי די טענות, מיט וועלכע עדנא איז צו איר באלד צוגעשטאנען און איר אלץ געהייסען קוקען אויף אים, דעם מאן אירען, און ארויסזאגען איר מיינונג וועגען אים:

— זאגט נאר, איז ער ניט קיין שיינער מאנספארשוין? וואלט ער נאר אביסעלע קליגער געווען, וואלטען אין אים דאן א פאר מיידלאך זיך פארליבט... אט, למשל, זי אליין, עדנא... פארוואס טאקע ניט? טאר מען ניט אמאל אפילו אין אן איי-נענעם מאן זיך פארליבען?

זי האט וואלינסקי'ן שארף און באדייטונגספול אין די אויגען ארייינגעקוקט, מיט א ברייט-פאנאנדערגעעפענטען בליק, וואס פארשפרייט ארום זיך א קרייז פון היימישער אפגעזונדערטקייט און ווארט, אז דער פרעמדער וואס שטעהט ביי דער זייט, זאל זיך אנהויבען פיהלען איבעריג, זאל דעריבער אנהויבען איידעל

שמייכלען, און אונטער עפּעס אַן אויסרייד באַלד אַן אַ זייט אָפּ־טרעטען.

און אומבאמערקט פאַר די צוויי האָט די איבערגעוואַקסענע מיידעל, ווערענדיג רויט, זיך אוועקגערוקט אַן אַ זייט.

א ווײַלע האָבען זיי איינער אויפ׳ן אַנדערען געקוקט מיט שווייגענדיג־איבערגעגעבענע בליקען. עדנא האָט שטיל גע־שמייכעלט.

וואַלינסקי׳ן האָט מיטאַמאָל דאָס האַרץ שטאַרק אָנגעהויבען צו קלאַפּען איבער איר, דער יונגער פרוי זיינער, וואָס איז געבלי־בען אזוי מיידעליש פאַר די פילע יאָרען נאָך זייער חתונה. אזוי אָפט פאַראורזאַכט זי אים, אַז זיין האַרץ זאָל אָנהויבען האַסטי־גער קלאַפּען און פיהלען זאָל ער זיך ווי אַ חתן, וואָס קומט אָנקו־קען זיין כלה. יונג איז זי געווען, און מיידעליש, און יונגער און מיידעלישער פלעגט זי נאָר תמיד ווערען, ווען וועסנע פלעגט אָנ־קומען, מיט די שטילע, שווייגענדיגע געזאַנגען פון מענש, און בוים, און ערד.

זיין האַרץ האָט אין אים געציטערט, וואָס זי עלטערט זיך ניט גלייך מיט אים, און לאָזט אים אליין געהן אַ זיכ־עלטערנדיגען צום סוף־וועג. עס האָט אים קיל געשראָקען איבער אַן אומבאַ־וואוסטער זאַך, וואָס קאָן נאָך פאַרקומען.

שווייגענדיגע זענען זיי איצט געשטאַנען און געקוקט איי־נער אויפ׳ן אַנדערען. אין אַזאַ מינוט פלעגט אויף וואַלינסקי׳ן אָפּגעבען פון דער פרוי זיינער מיט אַזאַ׳ן אומהיימליכער און אויפרעגענדיגער ווייטקייט, ווי זי וואָלט נאָר זיין ווייטע אַ מ אָ ל י ג ע באַקאַנטע געווען, וועלכע קומט בלויז צוגעהן פון צייט צו צייט אין גאַסט צו אים, און איז דעריבער פריינדליך און צוגעלאָזען־פרעמד. אָבער פונקט ווי אַ באַזוכער, ווי אַ גאַסט אויף דערווייל, רוקט זי זיך סוף־כל־סוף מיט אַ שטיל־פרעמדען שמייכעל צוריק אין איר וועלט אריין, אין איר דערווייטערטער אָפּגעזונדערטקייט.

גאָר אָפט, קוקענדיג אזוי אויף איר, וואָס איז נאָהענט לעבען אים געשטאַנען, פלעגט ער זי גאָר דערזעהן ווייט פון זיך, ווייט...

אין טיפע, היימליכע רעיונות וועגן עדנא'ן דער פרוי זייגער, האט ער זיך איצט אריינגעלאזן.

אז ער האט זיך פון זיינע רעיונות אויסגעטאן, איז עדנא שוין לעבן אים ניט געווען. זי פלעגט אלעמאל קענען זיך ארויס־גליטשען פון זיין לעבן אזוי אומבאמערקטערהייט. מיט ער־שטוינונג האט ער זיך ווידער דערזעהן, און ווי א נייעס דעם ארומיגען פרעהליכען טומעל באמערקט.

ער איז נאך שטארקער און פרעהליכער געווארען, דער דא־זיגער טומעל. ווייל א טאג איז עס געווען א זוניגער און א ליכ־טיגער. די זון האט די בלישצענדיג־בלויע לופט פאר עפעס א יום־טוב גע'כשר'ט, און זיך זעלבסט דערביי גאלדיג געשייערט. די הייזער זיינען אינגער געווארען, און אנגעהויבען צו וואקסען. עס האט געצויגען איין לעבעדיגען צו דעם אנדערען. הענט און איברים האבען פויל־ליב אין דער לופט זיך אויסגעצויגען, א פאר־שלאפענקייט פון זיך ארונטערוואַרפענדיג. עס האט זיך געגלוסט אזוי אומווידערשטעהליך אריינגיסען דאס ברייטער־אויפפלייצענ־דיגע בלוט אין עמיצען אנדערענ'ס ווארים בלוט. פויגלען האבען געשריען, און איינער דעם אנדערען גערופען. אין דעם זאאלא־גישען גארטען, ניט ווייט פון די ראדזועק'ס וואוינונג האבען די פאוועס זייערע בלענדענדיג־פילפארביגע פעכערס אין א גרויסען האלב־צירקעל פאנאנדערגעשפרייט, און איינס דאס אנדערע נאכ־געיאגט, און זיך געבוקט איינע פאר די אנדערע...

געסט זענען נאך אלץ אנגעקומען. די ראדזעקס האבען גע־האט א סך איבערגעגעבענע פריינט. זיי האבען זיך ביי אלעמען ליב געמאכט מיט זייער אמת'ער צוגעלאזענקייט און תמיד'יגע שטיל־גוטמוטיגע אויפנאמע. ביידע האבען זיי געמאכט דעם איינדרוק פון מענשען, וואס האבען פיל געזעהן, א סך דורכ־געלעבט, האבען זיך שוין דעריבער בארוהיגט, און קוקען מיט א שטיל־געווארענעם שמייכעל אויפ'ן לעבען, און זענען צו אלעמען גוט געלוינט. די איינגערע פארלאך, וואס פלעגען צו זיי אריינ־קומען, האבען נאך אלץ די אומרו אין זייערע הערצער געהאט,

אומצופרידען געווען מיט זייער איצטיג לעבען. אין דער טונקעל האָבען אלע פּארדראָס געהאט ביים געדאנק, אז אמאָל, מיט יאָרען צוריק, האָבען זיי געטראכט, אז עס וועט זיך אויסלאָזען מיט זיי גאָר אנדערש... זיי האָבען נאָך אליין שלום מאכען ניט געקענט מיט'ן געדאנק, אז דאָס איצטיגע לעבען זייערס איז דאָס איינציגע, וואָס איז זיי באשערט, און קיין אנדערס וועט שוין ניט זיין.

די מאדאם ראדזעק האָט זיך, עס האָט געשיינט, גאנץ ווייניג אויסגעמאכט פון דעם, וואָס עדנא איז דאָס געווען דער מיטעל־פּונקט פון אלעמענ'ס אויפמערקזאמקייט. עס איז שוין געווען רעכט. עס איז שוין געווען גוט. עס האָט אלעמען געפרעהט.

אז דער דאָזיגער וואלינסקי, האָט מען צווישען עולם שטיל גערעדט, איז דאָך נאָך מיט גאָר ניט לאנג צוריק אזא אָרים בחור'ל געווען, אן אָרים אויסגעמאָגערט בחור'ל, וואָס האָט דורך די טעג אלס אן אפּערייטאָר אין די קלאָוק־שעפּער זיך דאָס בלוט אויס־געזויגען, און דורך די אָווענטען און נעכט אין זיין קליינעם פאר־וואָרפענעם חדר'ל, זיך די אויגען איבער פארשידענע ביכער בלינד געמאכט. ער האָט „קאָונטס" געקליבען און זיך געגרייט אין קאלעדזש.

אָט אין דעם דאָזיגען קליינעם חדר'ל, — האָבען זיך איצט איינינגע פון די געסט, זייערע באקאנטע דערמאָנט, — פלעגט דאָס עדנא אים באזוכען. זי איז דאן אויך געווען א שאָפּ־מיידעל. צוזאמען פלעגען זיי אין די פרייע זונטאָגס חלומ'ען, ווי עס טוען אלע יונגע פאָרלאך. גע'חלומ'ט האָבען זיי וועגען יענעם גליק־ליכען זומערדיגען טאָג — עס האָט דאָך געמוזט זיין א זומער־דיגער טאָג — ווען ער וועט שוין קענען אריינגעהן אין קאלעדזש.

און דערנאָך, אז טעג זענען פאראיבער, און וואָכען, און חדשים, — איז זיי ביידען איינגעפאלען, אז אזוי געהען דאָך אויך פארביי יאָרען, און דאָס גאנצע לעבען. ניט ער האָט אָפען גע־רעדט וועגען דעם, און ניט זי. אפשר האָבען זיי אויך קוים קלאָר געטראכט וועגען דעם: זיי זענען נאָך געווען יונגע מענשען. און דאָס איז אויך געווען די סיבה, וואָס אין א געוויסען טאָג האָבען זיי מיט א שטיל־שעמעוודיג שמייכעלע דערקלערט זייערע באַ־קאנטע, אז זיי האָבען חתונה געהאט.

— כדי צו מאכען סעמ'ען — דאן האָט מען אים נאָך גערופען

סעם, ווייל אן אָרים בחור'ל איז ער געווען — כדי צו מאכען סעמ'ען גרינגער דאָס לערנען.

זיי האָבען נאָך אלץ א שטיק צייט אין א קליין טונקעל הדר'ל געוואוינט.

עס איז ניט באקאנט, אויב סעם האָט זיך מיט מער חשק איצט געלערנט, אָדער ניט. נאָר איינס איז יאָ באוואוסט: דאָס נייע פארדאָפּעלטע לעבען און דער פּלוצלונגדיגער פאראנטוואָרט־ליכקייטס־געפיהל, וואָס האָט אין אים אויפגעוואכט, זענען אין דעם הפּנים שולדיג געווען. נייע כחות־קוואלען האָבען זיך אין אים אויפגעעפענט. ער האָט אָנגעהויבען מער ארבייטען. מער פארדינען. געלט האָט זיך ביי אים אביסעל אָנגעקליבען, כדי ער זאָל האָבען מיט וואָס צו געהן אין קאלעדזש אריין. דורך א צו־פאל — אלץ פאסירט דאָך דורך א צופאל — האָט ער זיך מיט א שותף באגעגענט. א מענש מיט א סך געלט און ווייניג שכל. ביידע האָבען זיי א קליידער־געשעפט געעפענט.

עס האָט זיי געגליקט צום ערשטען — זיי ביידען, דערנאָך — אים אליין, וואלינסקי'ן. דער שותף איז מיט דער צייט ארויס־געפאלען פון די געשעפטען. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז אים קומט גאָר ניט קיין סענט געלט. מסתמא איז עס דאָך געווען אזוי.

און וואלינסקי — וואָס א טאָג, כמעט אָהן זיין ווילען, ווי אי־מיצער וואָלט אים א פרעהליכען שפּיצעל אָפּגעטאָן, פלעגט רייכער ווערען. ער איז געוואָרען שטיין־רייך.

אין דערזעלבער צייט איז ער אויך געוואָרען העבער. די איינגעפאלענע אָרים־בחור'שע באקען זענען אויסגעפילט געוואָ־רען. ער איז איצט געווען א הויכער, געזונטער שווייגענדיג־בכבוד'ער געשעפטסמאן, ביי וועמען א באלעבאטיש בייכעל האָט אָנגעהויבען אונטערצוואוקסען, און וועמען מען האָט אונטער די אויגען זיין פארמעגען פאר אים געציילט.

אזוי האָבען די געסט איינער דעם אנדערען איצט דערציילט. א שמייכעלע האָט זיך אין די געדראנקען ביי זיי באוויזען. די גאנצע זאך איז פאָרגעקומען ווי א מעשה. אזוי ראשיג האָבען די פאסירונגען־רינגלאך זיך געקייטעלט אין דעם הצלחה'דיגען וואַ־לינסקי'ס לעבען, אז עס האָט אויסגעזעהן, ווי א חלום.

יאָ, א גליקליכער מענש איז ער געווען. די איינגעהאלטענע

פרייד האָט פון זיין פּנים תּמיד ארויסגעשיינט. א פּאָר זילבערנע האָר — איז וואָס? און זיין פרוי ווערט וואָס א טאָג אינגער — —

און זייער גליק האָבען זיך די פארזאמעלטע אין דער שטיל געוואונטשען. עס איז אזוי קנאה'דיג גוט, ווען מען זעהט גליקליכע מענשען ארום זיך. א שטיל בטחון־פייערעל האָט אין זייערע הערצער אויפגעטליעט: מען קאָן דאָך, נאָך אלעמען, ניט וויסען. דאָס ריידעל קאָן זיך דאָ אָפּטמאָל ביי זיי זעלבסט זיך א דריי טאָן. עס געשעהען נאָך וואונדער אין לעבען.

דער טאָג איז שוין זיך איבערגעוואקסען, און האָט שוין אָנגעהויבען באוויזען סמנים פון עלטער ווערען. צו־שטארק האָט זיך די זון אָנגעהויבען פאנאנדערפלאקערען. רויט זענען די פענסטער געוואָרען. אויף נאָהענטע טייכלאך האָבען שיפענדע פּאָרלאך באמערקט, אז גאָלדען בלוט צוגיסט זיך אין די שטיל־ווערענדע וואסערען.

דער טאָג־ענד האָט זיך גענעהערט.

די געסט האָבען זיך ארומגעזעצט ארום די טישען. באלאָדענע מיט פּרוכט און יום־טוב'דיגע שפּייזען. דרום־אמעריקאנער רויט־ברוינע באנאנעס, שטעכיגע, געקעסטעלטע אנאנאסען, מיניאטורנע קאליפאָרניע טאנזשער־אראנזשען, שטייפע און זאפטיגע, וואָס אז מען גיט זיי א שטאָך מיט א לאנגער נאָדעל, שפּריצט דאָס פּורפּורנע בלוט גלייך אין פּנים אריין, שאַרף און בריענדיג, קאָקאָ־ניס, פּוטער־ניס, וועלשענע ניס, מאנדלען, און נאָך פּרוכטען פון לענדער מיט א לענגערען זומער און א לענגער־דויערנדיגער זוניגער צייט.

עס איז געוואָרען לעבעדיגער ארום טיש און היימיש. ערנא האָט אויף זיך גענומען צו זיין א סארווערין. זי איז געזעסען ביים רויטליך־געפּרעגעלטען אינדיק, וואָס האָט א נאקעטער, מיט א צוגעברענטער הויט, געוואַרט, מען זאָל אים שוין אָנהויבען שניידען, און עס זאָל נעמען אן עק. מעסער־גאָפּעל האָבען מיט א שווייגענדיגען זילבער־גלאַנץ געוואַרט. שטיקער פון דער פארגעהענדינער זון האָבען זיך אין דעם זילבערוואַרג געוויטעלט. אין דעם זיך ארויפרוקענדיגען פארנאכט האָט עס אויסגעזעהן, ווי אן עדה

פרומע אידען האָבען זיך ארום אַ קרבן פסח ארומגעקליבען, און עסען אים בחפזון.

נאָך אויבען־אָן זענען געזעסען די באַלעבאַטים, די ראדזועקס, האָבען אליין גאַנץ ווייניג געגעסען, און זיך געפרעהט מיט דער פרייד פון די איבריגע. זיי האָבען אַלעמען צוגעשמייכעלט. עס איז שוין צוואַנציג יאָר נאָך זייער חתונה פאַרטאַנגען. אַט ווי איין טאָג, ווי אַ חלום, וואָס איז פאַרפלויגען. און אין דעם ארומיגען טומעל האָבען זיי זיך פאַרטיפט אין זיך, און דערזעהן זיך אין די אַמאָליגע טעג, אַזעלכע יונגע און אנדערשדיגע. עס האָט זיך זיי קוים געגלויבט, אַז דאָס זענען עס זיי. אַזעלכע ליכטיגע, ווי באַ־גאָסען פון אַ מיטעל־טאָגיגער זון דורך אַ מחשבות־נעבעל האָבען זיי געהערט, ווי מען האָט אָנגעהויבען האַלטען טאָאסטען. עפּעס האָט זיך ארויסגעוויזען די ראדזועקס, אַז אָט די אַלע געסט זענען זיי פרעמד און קענען זיי גאָרניט. זיי ווייסען ניט, וואָס עס טוט זיך אָפּ ביי זיי אין הארץ, און וועלכע פאַרגאַנגענע קלאַנגען עס שאַלען דאָרטען אויף.

דער טומעל איז אַלץ געוואָרען גרעסער. דאָס בעסטע וואָלט געווען, האָבען די ראדזועקס געטראַכט, ווען מען לאָזט זיי איבער איצט אליין, זיי זאָלען זיך אָפּגעבען מיט'ן אָפּהיטען דעם טרויע־ריגען יום־טוב פון זייער פאַרגעהן, און זיצען אליין ביים שוועל פון די פאַרלאָרענע טעג. אומעטיג וועלען זיי זיך פרעהען, וואָס זיי זענען נאָך ניט אין גאַנצען געשטאָרבען, און וואָס אַ טייל פון זיי לעבט נאָך, און קאָן נאָך אין די פאַרנאַכטען ווייטאָגדיג גליען אין די זכרונות וועגען דעם שוין אָפּגעשטאָרבענעם טייל זייערען.

נאָך ארום איז געווען אַ גרויסער, פרעהליכער עולם, אין ווע־מען עס האָט געקוואָלען זייער א י י נ ע נ ע פרייד און זייער א י י נ ע נ ע יונגקייט. די וואָס האָבען געקענט האָבען דרשות געהאַלטען, און האָבען הנאה געהאַט פון זייער רעדנערישען טאַ־לאַנט. און לסוף איז מען באַפאַלען די ראדזועקס זיי זאָלען עפּעס דערציילען, ווי דער מנהג איז — אַ שיינעם עפּיזאָדע פון זייער פאַרהייראַטען לעבען.

יונגע ווייבלאַך, מיט שוין עטוואָס שבור־געוואָרענע און פאַר־לאָפענע אויגען, האָבען געוואָלט וויסען חתונה סודות. זיי האָבען זיך געשעמט עס ארויסזאָגען און האָבען דעם פאַרלאַנג זייערען

מיט די אויגען ארויסגעבלישטשעט. די מאנסבילען האבען הער ראדזעק׳ען שפאסיג געפרעגט, אויב ער האט ניט חרטה אויף דעם, וואס ער האט חתונה געהאט? ווארים אלע האבען דאך חרטה. מער ניט יעדער איינער דארף עס דורכמאכען אויף זיין אייגענעם אופן, און עס איז ניטא קיין אורזאכע, פארוואס מען זאל אויף די וועגען וואס ציען זיך פונ׳ם אנהויב לעבען ביז׳ן ענד, בכלל איינינע סמנים איבערהיפען. ווייל וואס בלייבט דען דאמאלסט?

פון אלע זייטען האבען זיך געהערט אויסרופען. אויגען האבען נייגיריג אויפגעגלאנצט. הער ראדזעק האט געשמייכעלט. מאדאם ראדזעק האט זיך געשעמט. עס איז געוועזן קענטיג — זיי, די מאדנע גאליציאנער, האבען זיך נאך עד היום ליב געהאט. דעריבער האט ער זיך געקווייקעלט. ערשט ביים סוף, ווען מען האט מיט א קנאק אנגעהויבען אויפעפענען די פאר׳חתמ׳עטע שאמפאניער־פלעשער, איז ער אינגער געווארען.

שטיל האט ער גערעדט. ווי פאר זיך אליין. און זי, די ראדזיקבע, האט זיך גארניט געשעמט צו שעמען זיך פאר אלע־מען אין די אויגען. מיט איר בראקאט האט זי זיך געשפילט, ווי א כלה ביים אנזעהן זיך, ווען זי האט ניט פון וואס צו ריידען. געזעהן האט זי איצט אפשר יענע מקומות, פון וואנען דער מאן אירער האט א שוואכען אפשאל געבראכט:

„אלע מיינע יונגע יארען האב איך פארבראכט אין ארומ־וואנדערען. איך וויים ניט, אין ווענען איך בין געראטען. און אפשר וויים איך יא. נאך אלס א יונגער אינגעל פון א יאר 12 האב איך פארלאזען מיין קליינע ווייס שטעטעל אין דער אוקראי־נישער גאליציע. איך בין געוועזן, וואס מען רופט ביי אונז, א „לער־בוש“, און געדארפט דורכמאכען מיינע וואנדעריארען. בין איך אזוי געגאנגען פון שטאט צו שטאט.

„איך בין געגאנגען צו־פוס איבער די וועגען, געזונגען און גערעדט צו דער זון. געקומען אין א נייען פלאץ, געפונען ארבייט — איז גוט. ניטא קיין ארבייט — נאך בעסער. איך פלעג ארייננעהן אין די בעקערייען, איך בין געוועזן א בעקער לערייונג, און די „געזעלען“ פלעגען מיך שוין גוט אנקארמענען. איבערגע־נעבטיגט אין די ארטיגע „געווערקשאפטען“, געקראגען מיינע

צוויי פעניג פאר יעדע מייל, וואס איך בין דורכגעגאנגען צו־פוס — און ווייטער אין וועג אריין.

און איר דארפט וויסן, אז דער יצר הרע פון באזעצן זיך אין א קליין פרידליכער דייטשער שטעטעל, וואו די מנוחה קוקט ארויס פון אויף יענער זייט שטילע שויבן אונטער די צעקרימטע מיטעל־אלטערליכע דעכער, איז געווען זעהר שטארק: און איך האב איינמאל געהאלטן גאנץ נאהענט ביי חתונה האבן, און דוקא מיט א גוי'איש מיידעל. אין יענער צייט איז מיין אידישע אפשטאמונג געווען פאר מיר עפעס א ווייטער קינדערשער חלום. איך האב קיין צוגעבונדענקייט צו אידען ניט געפיהלט. דאס ביסעל אידיש, וואס איך האב פון מיין היים ארויס געוואוסט, איז איינגעשלונגען געווארען אינ'ם דייטש, וואס איך האב טאג־טעגליך ארום זיך געהערט און גערעדט. איך בין געווען א יונגער גוי.

עס איז געווען א קליין שטעטעל אין דער שווייץ, ד א נ ו י ־ ע ש י נ ג ע ן. געקומען בין איך אהינצו אין א פארנאכט. אין דער בעקעריי, אין וועלכער איך בין אריינגעקומען בעטען ארבייט, האט מען ווי ארויסגעקוקט אויף מיר. ס'איז דא א סך ארבייט!

און דא — א געזונטע, באליבטע, ליכטיג־האריגע מיידעל, מיט א קאפ בלאנדע זאנגען, קומט ארויס און דערלאנגט מיר א טעפעל וואסער אויף אפצוואשען דעם שטויב פון דעם וועג. עס האט מיר א בליאסק געטאן אין די אויגען. און איך האב מיך מיטאמאל אנגעהויבען שרעקען פאר איר... ווייל איך האב געפיהלט, ווי מיין הארץ ווערט צוגעצויגען, אזוי קילענדיג און זינקענדיג, ווי איך וואלט געפאלען א לאנגע צייט אין אן אפגרונט אריין.

איך דערוויס מיך, אז נישט ווייט, צווישען קוסטעס און שטיינער, געפינט זיך דער אורשפרונג פון דעם דאנוי. דער בלויער, בלישצענדיג־דערציילענדיגער דאנוי, פון וועלכען איך האב אזויפיל געהערט. אז איך בין נאך געווען א קינד, פלעג איך אזוי אפט הערען מיין מאמען זינגען דאס אומעטיג־נאגענדיגע ליד, בשעת זי פלעגט זיצען אין א שבת־פארנאכט אליין ביים פענסטער:

„יחאוו קאזאק זא דונא־אי־יעם..."

דיזעלבינע נאכט בין איך נאָך דאָרט געווען.

עס איז געווען א קליין, נאָר גיך בארג־וואסערל, שאָטל־בלויז און שמוציג. א קאַלטער גערויש פון א פלאַכען וואסער איבער פייכט־גלאַנציגע שטיינער. דער טייך האָט צו מיר גע־רעדט, איך ווייס ניט, וואָס איך האָב געטראכט. איך האָב נאָכ־געפאָלגט דעם דונאַי דורך זיין גאנצן לאַנגען וועג, פון דער שווייץ דורך דייטשלאַנד, עסטרייך, סערביען, רוסלאַנד און רו־מעניען, ביז וואנען ער פאַלט אריין אין דעם שווארצען ים, און פלייצט ווייטער... איך האָב אזוי אויך דערזעהן מיין וועג.

אויף מאָרגען האָב איך מיך גאנץ פרי, אויסמיידענדיג דאָס מיידעל, אָפּגעטראָגען פון שטעטעל.“

ארום טיש איז געוואָרען שטילער. די געסט האָבען נעהענ־טער צוגענייגט זייערע קעפּ צו ראַדזעק'ן, צוגעצויגען דורך זיינע ווערטער און די זיך אָנקלייבענדיגע פאַרנאכט־שאָטענס. אין עס־זאַל איז געוואָרען טונקעלער. די ליכטיג־בלוי־ליכע פענסטער־שויבען זענען געווען די איינציגע איבערבלייבעכצען פון'ם פאַר־גאַנגענעם טאָג. די פּנים'ער פון די געסט האָבען זיך געבלייכט אין דער טונקעל. אימיצער האָט א האנט אויסגעצויגען צו א פלאַש וויין, זיך פארשעמט און דעם בלייכליכען פלעק באַלד צו־ריקגעצויגען. די הויכע שאַמפּאַניער פלאַשען האָבען געשטרעקט די העלזער אין דער הויך און געטראכט פון פאַרגאַנגענע טעג.

— נו, בין איך ווייטער געגאַנגען. אַלץ מעריב־צו, מעריב־צו. אמאָל, מיט עטליכע הונדערט יאָרען צוריק האָבען זיך די אידען געצויגען אין גרויסע מאַסען נאָך די מזרח־לענדער. היינט צו טאָג געהט אָן א פאַרקערטע באַוועגונג נאָך מעריב, צו די לענ־דער פון לעצטען פלאַמען־אונטערגאַנג. אליין ניט וויסענדיג עס בין איך אויך געגאַנגען דעמזעלבען וועג וואָס אַלע, כאָטש דורך אנדערע געגענדען, נאָך מערב. ביז איך בין אריבערגעשוואומען איבער'ן ט ש ע נ נ ע ל קיין לאָנדאָן.

אין לאָנדאָן בין איך געווען א סך טעג. אמאָל פלעג איך האָבען ארבייט, און אמאָל ניט. טעג ווי טעג, אין די אָווענטען פלעג איך פאַרברייננגען אין די ארבייטער־קלובען. לאָנדאָן איז א

גרויסער כרך, און אין אַ גרויסען כרך הויבט מען אָן ערשט פיהלען איינעמ'ס איינזאמקייט און נישטיגקייט. די מויערען, ווי די מענשען, דריקען אויף דיר און באַמיען דיך פּארטונקלען. ביי־נאַכט זענען אָבער דאָ אַ סך פייערען. און די איינזאַמקייט ווערט געשטילט דורך דער ווארימער אָפּגעזונדערטקייט פון די פייערען. זענען די נעכט אין אַ גרויסער שטאָט היימישער, ווי די טעג.

איין אָוונט האָט גערעגענט. איך בין געזעסען אין ארביי־טער־קלוב אויף דער פּארוואָרפענער ד ו א י י ן־ג א ס. דורך די פארגאָסענע נאסליכע שויבען האָט זיך אריינגערוקט אַ נעפּעל־דיגקייט. דאָ און דאָרט האָבען זיך דורכגעוואָרפען סמנים פון לאַנטערען־פייערען. זיי זענען אַלץ בלייכער געוואָרען אין דעם געדיכטען נעפעל. אין גיכען וועלען זיי אינגאנצען אָפּגעווישט ווערען. אַט אזוי וועל איך אויך אָפּגעווישט ווערען האָב איך אַ טראכט געגעבען, ווייל פון גאָרניט טאָן האָב איך געקוקט אינ'ם פאררעגענטען דרויסען און געטראַכט.

און עס איז מיר מיטאַמאָל איינגעפאַלען מיין אליין־זיין אויף דער וועלט. עס איז אמת: איך האָב אַ סך פריידיגע חלומות אין זיך געהאַט. אָבער ווער ארום מיר האָט פון מיין שטילער אינערליכער פרייד געוואוסט? דאָס, וואָס איך וועל פארשווינדען — דאָס האָט מיר גאָרניט געאַרט אזוי. אָבער עס האָט מיר ווייט געטאָן ביים געדאנק, אז די חלומות מיינע וועלען אויך פארשווינדען מיט מיר, ווייל די חלומות מיינע זענען מיר געווען וויכטיגער און אמת'ער ווי איך אליין.

און ארום האָט אַלץ גערעגענט. אַלץ ארום האָט זיך געהאַל־טען אין אָפּווישען. אָט, ווען איך גיב איצט אַ שטארב אוועק — — — וואָס דאמאָלס? די שטאָט איז אַ גרויסע, און וואָס איז דער באַטרעף פון איין מענשען?

מיטאַמאָל הויב איך אָן פיהלען, אז איך שטארב אָפּ — — — שוין לאַנג, אז איך האַלט אין אָפּשטאַרבען. מיר איז געוואָרען קאַלט און כ'האָב מיט'ן גאַנצען לייב געציטערט. מיין טויט האָט זיך שוין לאַנג צוריק אָנגעהויבען, נאָך דאַן ווען איך האָב ארויס־געשטראַלט פון זיך חלומות אין דער ווייטקייט אריין. ווארום איז דען דאָס אָפּשטאַרבען פון מיינע חלומות ניט דער אָנפאנג פון מיין אייגענער אָפּשטאַרבונג? איך האָב דערפיהלט אינ'ם

רעגנען, ווי איך הויב שוין אָן איינשרינקען, איינשרינקען, איינ־שרינקען.

איך בין געוואָרען אזוי שוואך.

עס איז אריינגעקומען א באקאנטער.

— נעם מיך ערגעץ־צו, האָב איך אים געבעטען. לאָמיך ניט פיהלען אזוי אליין. איך וויל ניט אָנהויבען פיהלען דעם טויט נאָך אזוי יונג.

מיר זענען דאמאָלסביידע א שטיק צייט געגאנגען דורך די געפעלדיגע און רעגענדיגע לאָנדאָנער גאסען, מיט א בליאסק פון א לאמטערן וואו־ניט־וואו. מיין פריינט האָט מיך אריינגעפירט אין א הויז פון לאנדסלייט. דאָרטען האָב איך זי דערזעהן. און ביים ענד אָוועגט, ווען איך בין אוועק, האָב איך דערהפיהלט אזוי פרילינגדיג אין גאנצען בלוט — — —"

די מעשה האָט אפנים געהאלטען די געסט שטארק פאר־אינטערעסירט, ווייל זיי האָבען געשוויגען. וואָלינסקי'ן האָט זיך אונטער דעם זילבער־וועדענדיגען קאָפּ־האָר עפּעס געפלאָנטערט. זיין בלוט האָט אויפגעזוגען מיט אויפגעוואכטער ליבשאפט צו זיין יונג־געבליבענער פרוי, צו עדנא'ן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די אמאָליגע יאָרען, ווען ער האָט זיך נאָך געשרכנ'ט צו איר. אים האָט זיך אזוי געוואָלט זיין מיט איר איינער אליין. ער האָט מיט ציטערדיגער פרייד, ווי גאָר א יונגער באלעבעסיל, גע־ווארט ביז וואנען זיי וועלען קומען אהיים. דאָרטען וועט ער אין ליבשאפט זיך דרייען פאר איר, ווי א יונגער אינד, און קריי־זען, ביז וואנען ער וועט א תאוה־געשאָכטענער אגידערפאלען פאר אירע פיס.

ער האָט געקוקט אויף דעם פלאץ וואו עדנא איז געזעסען א שווייגענדיגע. זי איז געווען שטיל. וואָס אמאָל איז זי אָפּגע־ווישטער געוואָרען. איר שטערן האָט זיך בלויז געבלייכט, איר הויב־קלוגער, למדנ'ישער שטערן. עס איז געווען ווי דאָס שטילע פלעמעל פון א ליכט אין דער טונקעל. וואָלינסקי האָט זיך גע־מאטערט צו טרעפען, פון וואָס זי טראכט איצט. ער האָט קוים געהערט, ווי ראדזעק האָט ווייטער דערציילט:

„— ...מיט אלץ וואקסענדער פרייד האָב איך באמערקט, אז

דאָס לעבען כוואַליעט אין מיר ווידער אויף. עס הויבט זיך אָן פאַר מיר פאַנאַנדערצושפּרייטען. נאָך אַלעמען זענען דאָך חלומות מער ניט, ווי דער איינגעבאָרענער רצון אונזערער זיך פאַנאַנדער־וואַקסען און זיך אויסברייטען, לאָזען צווייגען אין דער ברייט. חלום'ען מיר אין די ווייטקייטען אוועק. נו, און אַז מען ווערט עלטער, און מען ווערט צו ניכטער־באַוואוסטזיניג צו חלום'ען, הויבען מיר אָן ווייטער צו פּלאַנצען אונזער מין, און דורך אונזער בלוט, דעם אָפּגעפרישט־באַנייטען, אויך דעם ווילען און רצון צו חלום'ען, — אין די וואָס קומען אַרויס פון אונזער איך...

„מאַלט אייך, איך האָב מיך אַזוי גיך ניט אונטערגעגעבען. זי איז נאָך אויך יונג געווען. מיר האָבען גע'חלומ'ט צוזאַמען. אַ, מיר וועלען פאָרען נאָך דרום־אַמעריקא, אויסטראַליען, אַפריקא. און פאַר'ן טויט — קיין ארץ־ישראל. אַזוי האָבען מיר גע־חלומ'ט. נאָר אָנגעקומען זענען מיר קיין אַמעריקא, און אָט זענען מיר. און די חלומות אונזערע זענען שוין ה י נ ט ע ר אונז... נ י ט קיין אויסגעלעבטע. און דאָ וועלען מיר שוין שטאַרבען. מיר זענען שוין אַלט.“

דאָס איז געווען אַלץ, וואָס דער הער ראַדזועק האָט געהאַט צו דערציילען. די מאַדאַם ראַדזועק — זי האָט, דוכט זיך, אין אַזאַ שלום־בית געלעבט מיט'ן מאַן — האָט אָבער געפונען פאַר נויטיג צוצוגעבען מיט אַ שטילען שמייכעל:

— ווייסט?... מיר האָבען ניט געדאַרפט חתונה האָבען. מענשען, וואָס האָבען זיך ליב, דאַרפען קיינמאָל ניט חתונה האָבען. זיי דאַרפען פאַרבלייבען חתן־כלה זייער גאַנץ לעבען.

עס איז געוואָרען צו טונקעל און צו שטיל. עס האָט זיך אויסגעדוכט די געסט, וועלכע זענען געזעסען אַרום טיש, אַז אַ הויכליך־שוואַרצער שאָטען האָט זיך פון עס־זאַל אַרויסגערוקט, ווי די אַמאָליגע געשטאַלט פון די ראַדזועקס, וועלכע דער באַלע־באָס האָט דאָ ערשט פון דעם שוין־פאַרגאַנגענעם אַרויסגערופען. עס איז געווען ווי ווען אַ טייל פון דער טונקעלקייט, דער אַש פונ'ם אויסגעברענטען טאָג־ליכט, האָט זיך נאָכ'ן טאָג פאַרביינקט, און זיך אַרויסגעלאָזט אין דרויסען אים, דעם פאַרגאַנגענעם, צו גע־פינען.

איינציגע געסט האָבן א ציטער געטאָן פון קעלט און אָוונט־טונקעלקייט.

און מיטאמאָל האָט זיך אויפגעהויבן א רעש און א גע־טומעל, ווי פון ערגעץ א פארשלאָסענעם שטאָלערנעם קופערט ארויס. מען האָט זיך געוויצעלט, געשפאסט, איינער דעם אנ־דערען, אין נצחון אויסגעשריען. א לוסטיגקייט, א ניט־היגע איז אויף די בלייכע פּנים׳ער געווען אויסגעגאָסען. איבעראניים האָט מען זיך טומעלדיג, איינער דעם אנדערען ניט הערענדיג און אלע מיטאמאָל רעדענדיג, גענומען פאר׳ן וויין, וואָס איז ווארטענדיג אויפ׳ן טיש געשטאנען.

וואָלינסקי האָט זיך אין דעם פרעמדען טומעל ארומגעדרייט, און געזוכט זיין פרוי מיט א ווארים־גליענדיג הארץ, און א מח פול מיט גאָלדען־זוניגע געדאנקען. זי איז אין ערגעץ ניט געווען צו געפינען. ער איז געגאנגען פון חדר צו חדר. די חדרים זענען געווען טונקעל. נאָר ביי דער עטוואָס אויפגעעפענטער טיר פון די ראדזעק׳ס שלאָפצימער האָט א ליכט ארויסגעפראלט. ווי נאָר זיינע טריט זענען דאָרט דערהערט געוואָרען האָט זיך דאָס ליכט גלייך אויסגעלאָשען. וואָלינסקי האָט האסטיג אָן עפען געטאָן די טיר.

פאר אים, אין דער טיר־ראם, איז געשטאנען עדנא, א בלייכע אזא, און האָט פארשולדיגט געשמייכעלט. די הענט האָט זי גע־האלטען פארלייגט אונטערען רוקען. קענטיג, האָרטען עפּעס גע־האלטען. אַז זי האָט דערזעהן זיין צעטרעוואָזשעט, ניט־פאר־שטעהענדיג געזוכט, האָט זי א פאָרטרעטען־אלבום אויפ׳ן טישעל אוועקגעלייגט.

— ס׳איז גאָרניט, מיין ליבער.

א ציטערנדיג מיט די אקסלען, ווי האָבענדיג געטאָן א נאַ־רישע זאַך, וועלכע געהט זיך אָבער מיט אים, וואָלינסקי׳ן, ניט אָן, האָט זי באלד צוגעגעבען מיט א שעמעוודיג־קינדיש שמייכעל:

— איך האָב אויף עפּעס א קוק געטאָן.

ער האָט געשוויגען. האָט זי אָנגענומען פאר דער האנט און זי א קוש געטאָן, ווי א פרעמדע.

זי איז געווען בלייך.

זי וואָלט עפּעס געוואָלט... זי ווייס אליין ניט וואָס. נאָר ז י וויל איצט ניט זיין מיט'ן עולם.

און האָט ארויסגעפּלאַצט:

— טייערער, לאָמיר געהן.

זיי האָבען זיך געזעגענט מיט'ן זיך־וואונדערדיגען עולם. די געבורטסטאָג פּארוויילונגען הויבען זיך ערשט אָן! קאָרטען־שפּילען, און דערנאָך אין א בראָדוויי־טעאטער!...

זיי האָבען געלאָזען דעם גערויש הינטער זיך.

גיך־גיך איז זי געגאנגען, מיט קליינע דראָבנע טריט, ווי א וועווערקע, וואָס אנטלויפט פון א גערויש, וואָס ד א כ ט זיך איר.

וואָלינסקי האָט איר טעמפּאָ ביי איר זייט נאָכגעהאלטען, מיט א צעוואָרימטען הארץ. באלד וועלען זיי זיין אין דער היים... באלד. א, עדנא, די אייביג־יונגע כלה זיינע! אין דרויסען איז געווען ליכטיגער, ווי ביי די ראדזשעק'ס אין הויז. די גאסען זענען געווען ריינע און שטילע, און זיך געגרייט פאר'ן אָוונט. פרויען און קינדער זענען געזעסען אויף די הייזער־טרעפּ, און אלע געווארט אויף וואָס. אין מערב האָבען זיך נאָך געצונטערט די לעצטע שמאָלע ליכט־פּאסען.

גיך זענען זיי פארביי־געגאנגען די עטליכע גאסען, אויפ'ן וועג צום עלעווייטעד־סטיישאָן. עדנא'ן האָט זיך שוין קענטיג געוואָלט זיין אין דער היים. און ער, וואָלינסקי — זיין צעוואָרימטער מח, פול מיט איידעלקייט און אויפגעגאנגענער ליעבע צו איר, האָט זיך אינ'ם אָוונט אויסגעשפּרייט. געזעהן האָט ער שוין זיך אין דער אָוונטיגער שטילקייט פון זייערע חדרים, און געפיהלט האָט ער שוין אין דער געדיכט־ווערענדיגער אָוונטיג־קייט די שטילע ברענענדיגע נאקעטקייט אירע, עדנא'ס, דער אומזיכערער חלום־פרוי זיינער. ער איז געווען אזוי דאנקבאר, וואָס אין איר האָט זיך דערוועקט איינצייטיג דאָסזעלביגע גע־פיהל, וואָס אין אים.

מיט די שפּיץ־פינגער האָט ער זי אָנגערירט ביים אָרעם. אין דעם בלוי־ליכען אָוונט, וועלכער האָט זי ארומגעוויקעלט, האָט זי זיך אים אויסגעדוכט ווי א ניט־היגע, ווי זי וואָלט זיך פון ערגעץ ארויסגעריסען, צו אים אויף א לאנגען טאָג געקומען,

און איילט זיך איצט צוריק צו איר פלאץ. ער איז געגאנגען ביי איר זייט, א פארזונקענער אין איר.

און אביסעלע שפעטער איז ער געזעסן אויפ׳ן עלעוויטעד. און נאך אביסעלע שפעטער זענען זיי שוין ביידע ארומגעגאנגען איבער פרעמדע גאסען, וועלכע זענען אים געווען אי אומבאקאנט, אי באקאנט. קינדער האבען זיך אויף די גאסען געשפילט. זייערע ווייסע העמדלאך האבען זיך קוים געלויכטען אין דעם בין־השמשות. וואלינסקי האט זיך אפגעשטעלט. און זיך אומגעקוקט פארוואונדערט. זי אויך.

— דו וועסט מיר אנטשולדיגען. — און אויף איר בלייך פנים איז א קראנקער שמייכעל געווען אויסגעשפרייט, און אויסגעזעהן האט זי, ווי אן אפגעשוואכט קינד, וועמען עס האט זיך פארוואלט א קאפריז — איך האב אין מרם. ראדזעק׳ס אלבאם דערזעהן דיין בילד — געדיינקסט? דיין אמאליג בילד, ווען דו האסט נאך געוואוינט אט דא־א. האט זיך מיר פארוואלט אנצוקוקען נאך אמאל דאס הויז, וואו מיר האבען אלס יונג פאר־פאלק געלעבט. ס׳איז נאריש, איך וויים. נאר וואס קאן איך זיך העלפען?... עס האט מיך געצויגען.

ער האט געקוקט אויף איר, וועלכע איז געגאנגען ביי זיין זייט אין דער שטילקייט פונ׳ם אווענט, און האט זי ניט דערקענט. זי איז געווען צעפלאמט־פארטראגען.

עס איז געווען א פארלעגענער טייל פון די בראנקס, ניט ווייט פונ׳ם איסט ריווער. אים איז עס איצט אלץ צוריקגעקומען, אנגעוועהט אויף די אווענט־לייליכער, וואס האבען זיך געשפרייט איבער דעם בלייך־גרויען אספאלט. דאס איז דער פאס פונ׳ם טייך, מיט די בארלינקע־פייערלאך, וואס שווימען שטיל ארום אין דער אווענטיגער לופט. און דארט זענען די ברוינ־געפארבטע פיאנא־פאבריקען, וואס ער פלעגט תמיד זעהן פון זיין חדר־פענסטער. אבער די ארומיגקייט, אין וועלכער ער האט דורכגעלעבט זיינע אינגסטע און האפנונגס־פולסטע יארען, האט זיך אים איצט אויסגעדאכט, ווי א ניט־ווירקליכע, אויסגע׳חלומ׳ט פון עמעצנ׳ס שטילע טראכטונגען. און זי ביי זיין זייט, די פרוי, נאך וועלכער ער איז אהן זיין ווילען נאכגעגאנגען, האט אים אויך

אויסגעזעהן, ווי אן אומבאקאנטע געשטאלט, וואָס איז ארויסגע־וואָרפען געוואָרען אין דער אָוועטיגער לופט פון עדנא'ס איצטיגע זכרונות.

די שווייגענדיגע שטילקייט אירע האָט אים נאָכגעשלעפּט. אירע קאלטע פינגער זענען געלעגען אין זיין האנט. זי איז אריינ־געגאנגען אין א קאָרידאָר, א שוואַך־באלויכטענעם דורך קליינע גאז־רערלאך, א שטינקענדיג־אומריינעם. די ווענט זענען געווען אָפּגעקאלופּעט. דער פלאסטער האָט זיך געוויסט. זי האָט זיך אויפגעהויבען אויף די טרעפּ. ער — נאָך איר. אויפ'ן דריטען עטאזש, ביי א באלויכטען־פארמאכטער טיר, זענען זיי געבליבען שטעהן.

זי האָט זיך אָנגעשפּארט אָן וואנט. אין דער האלב־טונקעלקייט פון קאָרידאָר האָט זיך געהערט דאָס פארגיכערטע קלאפּען פון איר הארץ. די טיר־שויבען פון דער וואוינונג, דרוי־סען פון וועלכער זיי זענען געשטאנען, זענען געווען באצויגען מיט פאָרהיינגלאך. שאָטענס פון די שכנים האָבען זיך אויף יענער זייט שטיל באוועגט. עס האָט זיך עדנא'ן אויסגעוויזען, אז זי און ער, די אמאָליגע, זענען שוין לאנג געשטאָרבען, און אויף יע־נער זייט פאָרהיינגלאך דרייען זיך עס ארום די ערשט־אויפגע־שטאנענע זכרונות פון זיי אין בלייכליכע תכריכים.

דאָס הארץ האָט איר אזוי געריסען אריינצוגעהן אינווייניג אין זייערע חדרים אריין. זי האָט שוין די האנט געהאלטען אויף דער קליאמקע, און געוואָלט אָנקלאפּען. נאָר שווערע טריט האָ־בען זיך אויף יענער זייט דערהערט, ווי זיי דערנעהענטערען זיך צו דער טיר. א פּחד איז איר באפאלען פאר די פרעמדע טריט, וואָס האָבען אין אירע חדרים ארומגעשפּאנט. זי איז אָפּגע־שפּרונגען פון טיר, און שיער ניט אומגעפאלען. וואָלינסקי האָט זי פאמעליך ארום דער טאליע ארומגענומען, און זי ארונטער־געפיהרט ארונטער די טרעפּ.

די קילקייט פונ'ם אָווענט האָט אויף אירע ווארימע באקען געבלאָזען, און זי עטוואָס אָפּגעלעבט. א ווײַלע זענען זיי געגאנ־גען. וואָלינסקי האָט דערהערט איר שוואַך קול. עס האָט איצט געקלונגען פרעמד־אומהיימליך:

— אפשר וואָלטען מיר זיך צוריק אהער ארייננעקליבען ?

און, ווי שטארק מורא האָבענדיג, טאָמער איר מאן וועט איינשטימען צו איר וואונש, האָט זי אויף גיך אָנגעהויבען זיך דערוויטערען פון דער ישטוב.

אזוי זענען זיי ארומגעגאנגען אין דעם אָוונט פון די פרעמדע גאסען. עס איז געוואָרען קילער. פונ'ם איסט ריווער האָט געבלאָזען א פייכטער ווינט. עדנא איז געגאנגען ביי זיין זייט, מיט אויגען צו א געוועזענעם חלום געווענדט, וואָס איז שוין איצט ניטאָ. געטראכט האָט זי פון יענעם, וואָס ער איז געווען אמאָל, און וועט שוין מער ניט זיין. אזוי ווי זיי וועלען ביידע מיט יאָרען שפּעטער ניט ווערען, אין דער צייט וואָס די געגענד ארום, דער איסט ריווער און דער נאָהענטער לאָנג איילענד, וועלען נאָך אלץ זיין.

און וואָלינסקי'ן איז איינגעפאלען מיט א ווייטאָגדיגען יאוש, אז די, מיט וועלכער ער איז אזוי נאָהענט-מאנסבילש, איז אים גאָר א פרעמדע. זי לעבט ניט מיט אים, ווי ער איז איצט — דעם אלט-ווערענדען, נאָר מיט דעם אמאָליגען, דעם יונגען, אָרימען, ליכטיג-אויגיגען, און האָפנונגדיגען. דאָס האָט געשניטען ביים הארץ.

סקאָסנע האָט ער אויף איר א קוק געגעבען. ער האָט געפּרואווט נעמען איר האנט. זי איז געווען קאלט און ניט זיינע. זי האָט אים איצט ניט געפיהלט. זי האָט באלאנגט צו דעם ווייטליכען זכרון פון אים, אין וועלכען זי האָט זיך איצט איינגעוויקעלט כדי צו פארטרייבען די קילקייט פונ'ם אָנקומענדיגען אָוונט. און באלד האָט וואָלינסקי דערפיהלט מיט פרייד און שטילער, ווייטאָגדיגער דאנקבארקייט, אז זי וועט שוין אויך אלט — — —

און מער האָט זי צו אים ניט גערעדט, ביז וואנען זיי זענען געווען נאָהענט, ביים ברעג פונ'ם איסט-ריווער. דער ווינט האָט זיך פארשטארקט. דאמאָלס האָט זי אים אָנגענומען ביים אָרעם, ווי א שאָטען.

זי האָט אים געזאָגט :

לאָמיר געהן. ס'וועט שוין קיל.

הבשמן.



אָקעאַן.

דער דר. ווייסגאַל איז טאַקע יאָ געקומען. מרס. לאַמדין, וועלכע האָט זיך שוין אויפגעהערט ריכטען אויף אים, איז אַ שטראַלענדיגע אים אַנטקעגען געגאַנגען, מיט אַ היימיש־מאַכענדיגען שמייכעל.

אַ ליבליכע איז זי געווען — איר שמייכעל וואַרימער, ווי אַן אייגענע היים.

אַ באַוואַקסענער, אַ שווערער, מיט אַ זיב־גרויענדיגער דיקער וואָנצע און קורץ־געשווירענע, שפּיציגע האָר — נאָך שוואַרצע; מען האָט אָבער געוואוסט, אַז דאָס פאַרבט ער זיי. ער האָט פון דעם אליין קיין סוד ניט געמאַכט: אַ שיינע אָפּנאַרעריי איז דאָך בעסער פון אַ מאוס'ען אמת? — אַ נידעריג־שווערער איז ער געשטאַנען ביי דער טיר. זיין פּנים איז געווען רויט־צעפלאַמט פונ'ם שטאַרקען, הערבסטיגען ים־ווינט אין דרויסען.

איבער'ן דאַזיגען צעפלאַמענדיגען ים־ווינט דרויסען האָט זיך עס דאָך טאַקע די מרס. לאַמדין מיאוש געווען פון דעם, אַז דר. ווייסגאַל זאָל קומען היינט אָוונט. נאָך איצט, זיצענדיג אין דער קליינער, ווייס־געפאַרבטער, פּאַנעלירטער באַנגאַלאָ, וואָס אויף אַ פאַרוואָרפענער גאַס אין ווייט־ראָקאַוויי, האָבען די דינע ווענטלאַך נאָכאַנאַנד אויפגעציטערט. אַזוי פייפענדיג־שאַרף, און פאַרביסען איז געווען דער ווינט — הויך, שטאַרק, נידעריג, שוואַך, — מיט אַ ווייב־לאַכענדיגער צורה — מיט נאַסע קאַלטענעם — ווילד־צעשפּרייטע נעגעל — ליב — שוויינענדיג — רעווענדיג, — דער אָקעאַן.

ער איז געווען נאָר נאָהענט פונ'ם הויז, דער אָקעאַן. דער ווינטער אויך. שפּעט־נאָוועמבער.

נאַ. אבי ער איז יאָ געקומען. וועט טאַקע זיין פריילאַכער. די לאַמדינס — מרס. און דר. לאַמדין — האָבען געהאַט די איינ־

צינע באַנגאַלאַ אויף דער שוין אָפּגעלײדיגטער גאַס, וואָס איז נאָך געווען באַוואוינט.

אַלע זומער־איינוואוינער זענען זיך שוין צעפאָרען.

פוסטע, ליידיגע הייזער. ריינע, טויט־שווייגענדיגע גאַסען. מילך־פלאַשען האָבען זיך אויף זיי אַרומגעוואַלגערט — ליידיגע מילך־פלאַשען. צעבראָכענע קינדער־וועגעלאַך. גאָר אַ סך דיקע, אילוסטרירטע זשורנאַלען אָנגעוואָרפען אין קופּעס פאַר די אויס־געליידיגטע הייזער. די שיינע, גלאַנצענדיגע פאַרשווינען פון דער העכסטער געזעלשאַפט (געווען אויך קאָלירטע, דורך אַ כראָמאָ־פּראָצעס) האָבען זיך געלאָזט שטעכען דורך די בייסענדיג־סטע ווינטען: זיי האָבען זיך האָך ניט געקאָנט העלפען.

און נאָך איינס:

אויף אַן אומגעזעהענעם פּאָדים, פאַרטשעפּעט אויף אַ פּאַר־אומערטען טעלעגראַף־סלופּ, איז געפלויגען אַ „שלאַנג", אַ שלאַנג, וואָס האָט זיך געריסען צום סוף־הערבסטיגען הימעל.

— אונזער פּערטע האַנט איז שוין אַלזאָ אויך דאָ — האָט זיך שטיפעריש אומגעקערט מרס. לאַמדין צום נידעריגען יונגער־מאַן, ווען זי איז געזעסען וויזאַווי, ווען דר. ווייסגאַל איז אַריינ־געקומען.

דער יונגערמאַן האָט מיט אַ צוריקגעהאַלטענער העפליכקייט זיך אויפגעהויבען און באַגריסט דעם אַריינגעקומענעם.

דער יונגערמאַן איז געווען נידעריג־געפּאַקט, טונקעל־הויטיג, מיט לאַנגע, זיך־פאַרקרייזעלענדיגע וויהעם און שוואַרצע ברעמען — סאַמעטענע, פלעגען זיי די מיידלאַך, זיינע פאַרערערינס, אָנרו־פען. די אויגען זענען די מייסטע צייט געווען אַרונטערגעלאָזען, און אין אומעטיגקייט און אַ האַרבקייט איז געווען אַרום זיי, די האַרבקייט און דערדריקטקייט פון שווערע חלומות. פון זיין גאַנ־צען הלוך, פון זיין באַנעמען זיך, פון דער צוריקגעהאַלטענער איי־דעלקייט פון זיינע רייד, פון די פילע מאַנעריזמען אין זיין שפּראַך און אויסשפּראַך — פון אַלע איז געווען צו זעהן, אַז אָט דער יונ־גערמאַן, שוין אויף דער גרעניץ פון די מיטעלע יאָרען, — מסתמא אַ יאָר זיבען־אַכט און דרייסיג — האָט היפּשלאַך געהאַלטען פון זיין אייגענער פּערזאָן, און זעהר גוט געוואוסט זיין ווערדע. איז ער דאָך געווען דער באַרימטער שריפטשטעלער — באַרימט גע־

וואָרעו אזוי יונג! זיינע ווערק שוין אפילו איבערגעזעצט אין פיעלע שפּראַכען. ער האָט געפּיהלט, אז זיין נאָמען איז שוין גוט באַקאַנט, זיין רעפּוטאציע איז געמאַכט, און ער האָט זיך שוין דער־ריבער געצוואונגען ביסלאַכווייז אוועקוואַרפען די העזה פון זיינע אינגערע יאָרען. פון זיין גאנצען האַלטען זיך איז געווען צו זעהן די שרייענדיגע באשיידענקייט פון א מענש „מיט פּאַרדיינסטען“.

ער האָט זיך גערופען קריינין, גבריאל־אורי קריינין.

— א שטאַרקער ווינט דרויסען, וואָס?

— סע פלאַמט אזש...

און אומבאַקוועם שווייגען, וואָס איז געווען טראַגעדיג מיט'ן זוכען פון נאָך נייע ווערטער.

— איר פאָרט דאָך שוין באַלד אוועק אין דער סויטה?

— יאָ. מען קלייבט זיך שוין אין וועג.

בשעת די הויזווירטין האָט ליבליך אויסגעפרעגט דר. ווייס־גאַל'ן וועגען פאַרשידענע זאַכען, האָט איהם קריינין פון דער זייט באַטראַכט. ניש'קשה, דער דאָקטאָר, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז שוין געווען איבער פופציג יאָר אַלט, האָט זיך נאָך זעהר גוט אויפגעהאַלטען. זיין ברייטע, געזונטע פיגור, זיין רויטער, האַרט־אַרומגעשוירענער קאַרק, זיינע פלאַמענדיגע רויטע באַקען — א שטאַרקער יונג געווען, און א הצלחה'דיגער. ער האָט זיך טאַקע, אמת, א היפּש ביסעל געפּלאַגט ביז אפילו גאָרניט לאַנג צוריק, איידער ער איז געוואָרען דער מזל'דיגער, אומעטום־באַקאַנטער דאָקטאָר, וואָס נעמט ניט ווייניגער פון צען דאָלאַר א וויזיט (ביי זיך אין שטוב; ווען ער פאָרט צו יענעם, לאָזט ער זיך באַצאָלען — מער). אָבער איצט איז ער רייך — שטיין־רייך. האָט אייגענע הייזער. צוויי אויטאָמאָבילען. איינער פון זיי — א פופצען־טויזענט דאָלאַרדיגער „ראָלס־ראָיס“!

און, דער עיקר, ווי אָט דער מענש פאַרשטעהט עס, ווי אזוי צו לעבען! א גאַנצען ווינטער וואוינט ער אינ'ם דרום, וואו ער האָט זיין אָפיס און זיינע רייכע פּאַציענטען צווישען די ווינטער־טוריסטען. אז ס'קומט דער פרילינג, אין אַפּריל, פּסח־צייט ווען דאָס קול פון דער טירטעל־טויב לאָזט זיך הערען אין אונזער לאַנד, פאָרט ער צוריק צפון־צו, קיין ניו יאָרק, וואו ער לעבט ביז'ן שפּעט

הערבסט. און דאמאלס — ווידער קיין מיאמי, פאלם־ביטש אדער דזשעקסאנוויל — — —

און אמאל פארט ער זיך אריבער קיין קי־וועסט, און פון דארטען, איבער'ן ליכטיגען פאס ים, קיין האבאנא... א, קובא! קובא! די טונקעל־הויטיגע, ברענענדיגע! דאס געמיש־טע בלוט פון שפאניער און אפריקאנער. דאס אייביגע גרינס, די פאלמען און די מאטאנאנען (קריינין האט עפעס אמאל געהערט פון אזא זיסער פרוכט, וואס וואקסט דארט), די ווייס־זייליגע מארמאר־הייזער, דאס שטענדיגע זוניגע ליכט, די ווילדע, רייכע, רעגענבויגענדיגע פארב פון בלוט און ארומיגקייט... די פרויען פונ'ם לאנד, וועמעס ojos negros(* שיינען אזוי בליציג אויף ביים אנבליק פון דר. וויסגאל'ס ojos azules**)..

קריינינ'ען האט עס שטארק פארדראסען, וואס ער איז נאך דארט קיינמאל ניט געווען און וואס, מיט זיין גאנצען שרייבערשען ערפאלג, האט ער ניט קיין מעגליכקייטען צו פארען אהין... און ער וואלט דאך פון זיינע אימפרעסיעס און דארט־געבארענע זעהונגען אזעלכע חלומ־ווערק געקאנט אויסוועבען! א שאד.

ער האט זיך בלויז געטרייסט מיט דעם, וואס אויף דעם דר. וויסגאל וועט דאך עס סיי־ווי־סיי זיין אלץ ארויסגעווארפען... ער זעהט דאך סיי־ווי גארניט... פון דער זייט האט קריינין גע־קוקט אויף אים מיט בטול און פון אויבען ארונטער — כמעט מיט פאראכטונג. ער — ער, קריינין, וועט טאקע פארבלייבען, זיין נאמען ווערט וואס אמאל אייביגער. די וויסגאלס וועלען פארווישט און אפגעווישט ווערען — פארפליענדיגער שטויב.

און אומבאוואוסט פאר זיך האט קריינין אויסגעסטארטשעט זיין ברוסט, און אנגענומען א חשוב'ע, בכבוד'יגערע מינע, ווי ער וואלט איצט געשטאנען פאר א גרויסען עולם — דער גרויסער עדה פון זיינע אומבאקאנטע פארערער און באוואונדערער אין די ווייטע פאררוקטסטע ווינקעלאך פונ'ם לאנד — — —

אינוויינינג אינ'ם הויז, וואו דער לאמפ האט אזוי אנגענעם־רויטליך געלויכטען, האט יעדער איינער, לויט דער מאס און בא־

---

*) שווארצע אויגען. **) בלויע אויגען.

פארבונג פון זיין פאנטאזיע — און אלע דארט אינ׳ם הויז האבען געהאט פאנטאזיע — האט שוין יעדער איינער זיך פאר־געשטעלט דעם דרויסענדיגען ווינטיגען אווענט.

ליידיגע גאסען. ס׳פראסטעלט. קאלטע, גלאנציגע שויבען פון פוסטע הייזער. פארפרארענע, קאלט־פלאמענדיגע צעריסענע שטיקער וואלקענס אויף הימלען, וואס האבען אויסגעזעהן העכער דורך די שטערען, וואס זענען געווען צעווארפען דא און דארט. פון דער ווייט דערטראגט זיך אלע ווייל׳ע דאס רודערען פון א צוג — די צוגען זענען נאך אלץ געגאנגען. נאר איבער די רעלסען האט זיך שוין געלאזט הערען יענער טרוקענער, צעריבענער, סקריפענ־דיגער קלאנג, וואס קומט ארויס פון אונטער די רעדער אויף רעל־סען אין א פראסטיגען טאג. און איבער דעם אלעם — א ווינט, א גרויסער ווינט, וואס בייטשט דעם נאהענטען שקעאן. דאס וואַ־סער איז טונקעל. און פון דער טונקעל רייסט עס, און גוואלדע־וועט, אוןווארפט זיך, און שליידערט, און דונערט — אז דר. וויסגאל האט געטראכט פון דעם, זענען אים, דעם אמאליגען משכיל און תנ״ך־קענער, אלץ געקראכען אין געדאנק די ווערטער:

— ד׳ ישב על מים רבים.

וואס ווייטער איז געשעהן, איז אפשר ניט אזוי וויכטיג, ווייל אין דעם איז ניט געווען גארניט אויסערגעוויינליכעס. מען האט געשפילט א פינאקל. מען האט געטרונקען טיי — רויט־ברוינעם, גאלדיגען טיי. קריינין האט היינטיגען אווענט שלעכט געשפילט. מרס. לאמדין האט זיך געוויצעלט אויפ׳ן חשבון פון זיין במעט־שטענדיגער צעטראגענקייט און פארטועונקייט. זעהר אפט, אין מיט׳ן פון אירען א געשפרעך מיט אים, פלעגט זי אירע רייד אפהאקען, אים אנקוקען א שטיקעל צייט פארשעהנדיג און דורכדרינגענדיג, דערנאך אים אננעמען פאר׳ן ארעם און א טריי־סעל טאן:

— קריינין, א קריינין! וואס קוקט איר אזוי... האט איר געהערט, וואס כ׳האב צו אייך גערעדט?

און קריינין פלעגט זיך שווערען, פלעגט זיך בעטען, פלעגט פארזיכערען, אז ער האט קיין איין ווארט נישט פארפעהלט פון אירע רייד:

— אַט, וועט ער פאַר איר איבערדערציילען אַלץ, וואָס זי האָט אָקאָרשט געזאָגט...

און זי פלעגט אים אָנקוקען וואַרים־ליבליך, ווי מען קוקט אַן אַ צעבאַלעוועט, באַליבט קינד... אַלע מאַנסבילען זענען דאָך קינדער — גרויסע קינדער, ווילדע קינדער — פלעגט מרס. לאַמדין טראַכטען. ס'איז נאָך גוט, וואָס ס'זענען דאָ פרויען אויף דער וועלט — מענשען פראַקטישע, מיט מחות אָפען פאַר די „קליינע" זאַכען פונ'ם לעבען, וועלכע זענען אָבער דער אינהאַלט פונ'ם טאָג־טעגליכען; מענשען מיט אָפענע אויגען, וואָס האַלטען זיך נאָ־הענט צו דער ערד.

אָט, זי אַליין האָט דאָך נאָך מיט יאָרען צוריק, נאָך זייענדיג אַ מיידעל, ליב געהאַט קריינינ'ען — ער איז געווען דר. לאַמדינ'ס אַ יוגענט־חבר. — חתונה האָט זי אָבער געהאַט מיט לאַמדינ'ען, געמאַכט אים פאַר אַ דאָקטאָר, אים זעהר אַ סך געהאָלפען — מיט איר וווייבערשער נידעריג־ערדישער קלוגשאַפט און פאַרשטענדניס פאַר דער וויכטיגקייט פון קליינינגקייטען אינ'ם מענשליכען פאַר־קער — אין עטאַבלירען זיך אַ גרויסע פראַקטיקע.

און חרטה האָבען האָט זי אויך ניט אויף דעם. ס'איז אמת — קריינין איז טאַקע געוואָרען אַ גרויסער ערפאָלג. זיין נאָמען איז באַקאַנט צו טויזענטער און טויזענטער. אָבער וואָר האָט זיך דען געקאָנט ריכטען אויף דעם? ס'טרעפט דאָך מיט איינעם פון טויזענטער...

און עד היום, ווען זי זעהט אים, האָט זי עפּעס אַ מאָדנע געמישט געפיהל: אי זי האָט נחת פון דעם, וואָס זי איז ניט געווען קיין נאַריש מיידעל אַמאָל, מיט יאָרען צוריק, ווען זי האָט קריינינ'ען ליב געהאַט: זענען דאָך אירע אַמאָליגע האָפנונגען אין גלויבען ניט געווען קיין פוסטע קינדערייען פון אַ נאַרישער, פאַר־ליבטער מיידעל... ער האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזען פאַר אַ גרויסען שרייבער! און אי עס פאַרדריסט איר, וואָס ער איז יאָ גע־וואָרען ערפאָלגרייך — ווען זי וואָלט עס דאַמאָלסט געווען געוואוסט, אַז אַזוי וועט זיך אויסלאָזען, וואָלט זי דאָך מיט אים חתונה געהאַט... זי האָט זיך געפּייניגט מיט דעם, וואָס ס'האָט געקאָנט, געזאָלט זיין, און ניט געווען. זי האָט זיך געפרעהט צו

זעהן, ווי עס וואקסט אלץ קריינינ׳ס ערפאָלג און רום — און מיט דעם איז אויך געוואקסען איר ווייטאָג און פארדראָס.

קריינין אָבער פלעגט ניט קומען אזוי אָפט צו די לאַמדינ׳ס אין הויז. לאנגע, לאנגע צווישענ־צייטען פלעגען אריבערגעהן צווישען איין באזוך און א צווייטען. בלויז אין דער צייט פון זיינעם א נייען טריאומף ערגיץ אין דער אומבאשטענדיגער, אומ־פארלאָזליכער, זיך תמיד־באנייענדיגער און תמיד זיך־ענדערנדיגער וועלט פון „ליטעראטור און קונסט״, פלעגט ער זיך פלוצלונג אין אן אָוונט באווייזען ביי די לאמדינס אין הויז. א באשיידענער אזא, א צוזאמענגעקאָרטשעטער, א קלענערער, אן איינגעשרומפע־נער, מיט א זיך־אנטשולדיגענדיגען שמייכעל — עפּעס ווי ער וואָלט גאָר אָקאָרשט א גרויסען דורכפאל געהאט, געהערט א פאר־ניכטענדיגע מיינונג וועגען זיך מצד די מבינים.

נאָר מרם. לאמדין פלעגט שוין וויסען, וואָס עס שטעקט **הינטער** דעם. זי פלעגט קלוג שמייכלען. מיט אירע לויכ־טענדיגע אויגען האָט זי געזעהן, ווי פון זיין עניוות שרייט ארויס זיין גרויסער ערפאָלג, זיין טריאומף — — — זי האָט קלאָר גע־זעהן, אז ער קומט אהער ארויסצווייזען זיין נייען נצחון — און זאָל עס איר ווייי טאָן.

און דאמאָלס פלעגט עס פאסירען, אז אין מיטען דערינען, מיר־ניט, דיר־ניט, פלעגט זי ארומכאפּען איר מאן, און אזוי עפּעס פארשייטערהייט, מיט אומענדליכער איידעלקייט און ליבשאפט, אים אָנהויבען האלובען און האלזען, און וואָרקען ארום אים, ווי א ווייסינקע טייבעלע.

קריינין פלעגט שמייכלען. אים האָט דאָך עס גאָרניט געאַרט — לחלוטין גאָרניט. אים איז עס נאָך געווען א קערן. פון די ווייטאָגען און וואונדען פלעגט ער דאָך קענען דערנאָך אויסשריי־בען די שענסטע זאכען. נאָך אלעמען, איז עס גוט, וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט אזוי, ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט. דורך דעם איז ער דאָך געוואָרען אזוי גרויס און טיף. דעם האָט ער אפשר צו פארדאנקען זיין ליטערארישען ערפאָלג.

הומדם.

אין דרויסען האָט אַלץ געוואָיעט דער ווינט. שטאַרקער און שטאַרקער. די פּאַרהיינגלאַך אינווייניג אין הויז האָבען זיך גע־הוידעט. ס'האָט אויסגעקוקט, ווי די גרויסע ווינטען דרויסען רוקען זיך אַלץ נעהענטער אַהער. די מענשען אין שטוב וואַרטען הילפלאָז אויף דער מינוט, ווען די ווינטען וועלען ענדליך די באַנ־גאַלאָ דערגרייכען און זי פּאַרכאַפּען.

דער פּינאָקל האָט זיך עפּעס ניט איינגעגעבען. קריינין האָט געשפּילט שלעכט. און באַלד, ווי אָנגעשטעקט פון קריינינ'ס אָפּ־געלאָזענקייט, האָט דער דאָקטאָר אויך אָנגעהויבען צו שפּילען שלעכט. האָט מען איבערגעריסען דאָס שפּיל.

מרס. לאַמדין האָט דערלאַנגט נ אָ ך טיי, נ אָ ך צוביי־סענס, נאָך אַ לאָמפּ אָנגעצונדען. דר. לאַמדין, אַ געניטער הויז־ווירט, האָט זיך באַמיט אַרויפצופירען דאָס געשפּרעך אויף ליטע־ראַרישע טעמעס, כדי דערמיט צו נייטראַליזירען די גוזעלשאַפט. אַלע אין הויז האָבען זיך דאָך געהאַלטען פאַר ניט גאָר פרעמד אין אָט דעם ענין. קריינין האָט אָבער איינגע'עקשנ'ט געשוויגען.

זיין שוויגען און זיין פאַרפּעלען אַרויסזאָגען זיין אייגענע מיינונג אין די באַרירטע פראַגעס האָט זעהר דייטליך געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז, ערשטענס, געפינט ער ניט פאַר מעגליך אַרויס־צוזאָגען ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט זיינע זעהר איי־גענאַרטיגע מיינונגען. און, צווייטענס, איז דער גאַנצער ענין ליטעראַטור אים אַזאַ דערעסענע נאָך, דאָס ברויט פון זיין טאָג־טעגליכען לעבען און זיין אייגענטליכע לופט, אַז עס איז אים אפילו דערווידער צו ריידען וועגען דעם.

דר. ווייסגאַל האָט אָבער גערן גערעדט. און גערעדט אַ סך. זיינע רייד האָט ער געמישט מיט אַ סך באַקאַנטע ליטעראַרישע ווערטלאַך, מיט לאַטיינישע ווערטלאַך און העברעאישע פּסוקים. אָ, ער וועט אַזאַ געלעגענהייט ניט דורכלאָזען. פאַר קריינינ'ען האָט ער דאָך גערעדט, פאַר קריינינ'ען. ער, דער עלטערער, רייכער דאָקטאָר, האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר דעם שרייבער, דעם „געזאַלבטען פון גאָט“. טאַקע, ניט אַנדערש, ווי אַ געזאַלבטער פון גאָט.

ער האָט דאָך אַליין אין זיינע יונגע יאָרען געטרוימט צו ווערען אַ גרויסע שרייבערישע באַרימטהייט. שוין ניט איין ספּוף

און ניט איין מאמר אפגעדרוקט אין פארשידענע העברעאישע צייטשריפטען און זשורנאלען. א קריטיקער האט נאך אויף אים מיט דרייסיג יאר צוריק געזאגט, אז ער וואקסט א צווייטער בראנדשטעטער.

נאר גאט איז ער געקומען קיין אמעריקא. האט א לאנגע צייט שווער געקעמפט, געמוזט אויפגעבען אלע זיינע שרייבערישע אמביציעם — אויף דערוויילע, האט ער זיך געטרייסט — און זיך אויסגעלערנט א פראפעסיע, א „מלאכה המפרנסת את בעליה“. איצט געהאט איין איינציגע אמביציע: ווערען א פינאנציעלער ערפאלג.

ווען ער איז שוין געווארען א רייכער דאקטאר מיט א שטארקער פראקטיקע, איז ער שוין געווען אלט. אנדערע זיינען שוין אויפגעשטאנען אין דער ליטעראַרישער וועלט. פון אים וואלט מען איצט חוזק געמאכט. און אויסער דעם — דורכ'ן משך פון די לאנגע יארען איז ער שוין געווארען אלט און צעבראכען. ס'איז אנגעקומען היפש שווערלאך צו ווערען א פינאנציעלער ערפאלג. פון שרייבען האט שוין קיין רייד ניט געקאנט זיין — קיין זאפט איז שוין אין אים ניט געבליבען. די איבערגעבליבענע פאר יאר פון זיין לעבען האט ער געוואלט דורכגעהן, ענדליך הנאה האבענדיג פון די פילע שווערע יארען ארבייט, פון זיין ערפאלג. און לאנג הנאה האבען פון דעם איז אים שוין ניט געבליבען.

קיינער, אויסער די נאהענטסטע פון זיין פאמיליע, האט דאך ניט געוואוסט, אז דאס פארט ער אין דער סויטה יעדען ווינטער ניט צוליב וואוילטאג וועגען. ער האט ג ע מ ו ז ט. ער האט געליטען פון א זעלטענער קריינק מיט א לאטיינישען נאמען. עס האט געקלונגען, ווי דער נאמען פון עפעס אן אויסטערלישן, זעלטענ־שיינעם באטאנישען מוסטער, וואס מען זעהט שווארץ אויף וויים אויף ברעטלאך, צוגעקלאפט צו די ביימער און פלאנצען פון א באטאנישען גארטען.

אט די קריינק האט אנגערירט זיין הארץ און האלז — דאס הארץ איז אים וואס אמאל פארטריקענטער געווארען און איינגעשרומפענער, און די רייד־סטרונעס זענען וואס אמאל געווארען שוואכער און איבערגעברענטער. איבער דעם האט ער עס געמוזט פארברייגנען דעם קאלטען וועטער אין דער סויטה. ער האט זיך

גענויטיגט אין א באזונדערער טעמפעראטור צווישען גענוי באַ־שטימטע קליינע נומערען, העכער און נידעריגער פון נול פארענ־הייט, אין א גענוי אויסגע׳חשבונ׳טען אטמאספערישען פייכט־קייט־אינהאלט — ניט צופיל נאסקייט און ניט צופיל טרוקענקייט, ניט צו היים און ניט צו קאלט, ניט צו־פיל זון און ניט צו־ווינציג זון. געמעסיגט. רוהיג. פארנאכטליך. וועט ער אפשר דערציען נאָך א יאָר, נאָך א יאָר. בלויז אויף די פינגער פון איין האנט.

מיט קנאה האָט ער געקוקט אויפ׳ן גליקליכען בארימט־געוואָ־רענעם קריינינג׳ען. אָט, דאָס איז עס, וואָס ער האָט באדארפט ווערען! אין קריינינג׳ען האָט ער געזעהן ז י ך, דאָס, וואָס ער האָט ג ע ז א ָ ל ט זיין. ער איז איצט געזעסען פאר אים אן ארונטערגעפאלענער, א ביליגערער, א דערדריקטער, א פארפאלע־נער — א מענש, וועלכער האָט צעטרענצעלט זיין לעבען אויף גאָרניט, אויף געלטזאכען, אין א הבל־הבלים׳דיגער יאָגעניש צו ווערען א פינאנציעלער ערפאָלג.

און דר. ווייסגאָל פלעגט זארגפעלטיג נאָכפאָלגען קריינינג׳ס וואקסען, זיין שטייגענדיגען רום. עס פלעגט אים אלעמאָל פרעהען צו הערען — פונקט ווי ער האָט עס זיך געפרעהט צו הערען היינ־טיגען אָוועגט — פון קריינינג׳ס א נייען ערפאָלג. און קריינינג׳ס ערפאָלג — וועלכער האָט דאָך אים זיכער געבראכט חוץ דעם אוי־סערליכען רום, אויך א טיף־אינערליכע באפרידיגונג — איז פאר דר. ווייסגאָל געווען א באשטעטיגונג, אז דאָס איז דער איינציגער וועג, וועלכען ער, דר. ווייסגאָל, האָט געדארפט נאָכפאָלגען. און כאָטש ער האָט אים אין דער שטיל מקנא געווען, האָט ער אים דאָך געוואונשען א ווייטערדיגען וואקסען — פונקט ווי ע ר וואָלט דאָס אין קריינינג׳ען געוואקסען.

נאָר ער אליין איז דאָך טאקע ניט געוואקסען. בלויז איין זאך איז אין אים געוואקסען, — די וואָס אמאָל אלס צייטיגער ווערענדיגע איבערצייגונג, אז זיין לעבען איז געווען א דורכפאַל.

און נאָך עפּעס איז אינאיינעם מיט דעם געוואקסען, עס איז געוואקסען — די איינגעשרומפענקייט, די אָפּשטארבונג. ער האָט אנגעהויבען אָפּשטארבען פון אינווייניג ארויס.

ס׳איז געווען שטיל. אין דער שטילקייט האָט זיך נאָך

שטאַרקער געהערט דאָס וואָיען פונ׳ם אָקעאַן. יעדער איז געווען פאַרטיפט אין זיך.

אַלע האָבען זיך מיטאַמאָל אומגעקוקט, און שטאַרק־פאַרוואונדערט אַנגעשטעלט די בליקען אויף דאָס רויט־באַלויכטענע, שטאַרק־געזונטע פּנים. ווייל פון דאָרט האָבען זיך עם די אומדערוואַרטעטע ווערטער געלאָזט הערען:

— גלויבט איר, מר. קריינין, אין דער אומשטערבליכקייט פונ׳ם... פונ׳ם מענשען, פונ׳ם מענשען בכלל?

קריינין האָט געמישט מיט׳ן לעפעלע זיין גלאָז טיי, נים אויפגעהויבען די אויגען, און האָט פאַרקרימט די ליפּען:

— נו, כ׳וויים.. וואָס פאַלט אייך פלוצים איין...

דר. לאַמדין האָט זיך פאַר קריינינ׳ען געשעמט איבער ווייסגאַל׳ס נאַרישער פראַגע. ער איז זאָגאַר רויט געוואָרען. אָבער קריינינ׳ען האָט עס הפּנים אָנגעהויבען אַמוזירען. איין אויג האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטען אויף דער גלאָז טיי. דאָס צווייטע אויג האָט ער עטוואָס אויפגעהויבען, עם נייגעריג אָנגעשטעלט אויף דר. ווייסגאַל׳ן, און אים באַטראַכט מיט אַן אָפענער נייגיריגקייט, ווי עפּעס אַ מאָדנעם, נאַרישען באַשעפעניש. אַזוי, הייסט עס, אומשטערבליכקייט ווילט זיך אים אויך! רייכקייט, געזונט, הצלחה, ערפאָלג — און נאָך אַ קאַפּיטשקע אומשטערבליכקייט דערצו. גאָר ניש׳קשה׳דיגע חזירים, די דאָזיגע וואוילע מענשען. איראָניש האָט ער ארויסגעזיים:

— ערלויבט, דאָקטאָר... איר זאָגט: אומשטערבליכקייט... וואָס׳ארא?... די אומשטערבליכקייט פון דער מענשליכער נשמה, אָדער גאָר פונ׳ם גוף?

פונ׳ם גוף! — דער דר. איז אויסגעגלייכט געוואָרען, נאָך רויטער, אין די אויגען האָבען פונקען פון זיך געשאָטען. — פונ׳ם גוף! פונ׳ם גוף!

דר. לאַמדין האָט אים אָנגעקוקט. קריינין האָט אויפגעהויבען דאָס צווייטע אויג. כאַ־כאַ, דעם אַלטען איז דאָס שוין איצט גענאַנגען אין נצחון!

— ערלויבט... קוקט מיך ניט אַן אַזוי... דאָ איז ניטאָ קיין שום מעטאַפיזיק... איר, דר. לאַמדין, דאַרפט דאָך זיכער וויסען דערפון! מיר ווייסען דאָך אין דער מעדיצין פון אַזעלכע פאַלען!

ס׳איז דאָך געלונגען אויפצוהאַלטען די לעבעדיגקייט פונ׳ם האַרץ א היפּש שטיקעל צייט נאָכדעם, ווי דער מענש איז שוין גע־שטאָרבען, פּאָמפּענדיג בלוט דורך דעם האַרץ! ס׳איז דאָך געלונגען אויפצוהאַלטען די לעבעדיגקייט פונ׳ם מוסקול־געוועב פאר א גאַר לאַנגער צייט נאָכ׳ן אָפּשטאַרבען פונ׳ם מענשען אינגאַנצען, דורך דעם, וואָס מען האָט באַזונדערס געשפּייזט דאָס מוסקול־געוועב... ווייסט איר דאָך פון די נייעסטע אָפּעראַציעס, וואו מען האָט אי־בערגעפלאַנצט די טהיראָיד־דריזען פון א יונגער חיה אין אן על־טערען מענשען — און דער עלטערער מאַן האָט צוריקגעקראָגען זיין יוגענד? האָט איר דאָך געהערט וועגען דעם, אז אפילו די געשלעכטס־דריזען וועלען אויך איבערגעפלאַנצט פון א יונגער אין אן עלטערער פּערזאָן, און די עלטערע פּערזאָן קריגט צוריק איר געשלעכטליכע קראַפט? הייגט פּאַרוואָס־זשע...?

קריינין האָט אים אָנגעקוקט נאָך א ווײַלע. קאַלט, פון דער זייט, פרעמד. ווי א בוים ערגיץ אין פעלד, א פּלוצלונג־אָנגע־טראָפענער בוים אויף א רייזע דורך א פרעמד פעלד. און דערנאָך איז שוין דער בוים ניטאָ. און קיין זכרון פון זיך לאָזט ער אין קאָפּ אויך ניט איבער. — — — —

ער האָט פּאַרדרייט דעם קאָפּ אָן א זייט. דאָס אַלץ האָט אים אָנגעהויבען דערעסען. ער האָט געמאַכט אן אָפּדאַכ׳ל מיט דער דלאָניע איבער׳ן מויל, און האָט א געניץ געטאָן אָן א זייט. דר. לאַמדין האָט זיך צו אים צוגערוקט — ווי איבערבעטען, איינ־נעמען.

— מילא, ער רעדט דאָך נאַרישקייטען... ער ווערט שוין עלטער — אן עובר־בטל... וואָס איז דאָ די וויכטיגקייט... נאָך א פּאָר יאָר, נאָך א פּאָר יאָר... צום סוף וועט זיך דאָך אַלץ דאָס־זעלבע איבער׳חזר׳ן: אז ס׳וועט קומען צו ד ע ם, צום שטאַר־בען, וועט ווערען אומעטיג... קאַלט... און לעבען אייביג — אין דער איצטיגער געשטאַלט, אין דער, אין וועלכער מיר זענען איצט — וואָלט נאָך געווען זיבער א גרעסערע קללה, ווי דער איצטיגער טויט... מענשען וואָלטען זיך סוף־כל־סוף גענומען בעטען, מען זאָל זיי צונעמען פון דאַנען... מילא, דעריבער זאָג איך: דער גוף, ווי דער גוף. וואָס ס׳איז אונז אָבער יאָ נויטיג איז ד ע ר

ג ל ו י ב ע ן, דער גלויבען אין דער אידעע פון אומשטערבליכ־קייט, אין השארת הנפש, אויב איר ווילט... לאכט ניט!...

קריינין האט גארניט געלאכט. ער האט בלויז גענעניצט. דר. לאמדין האט נאך עפעס געזעדט — זעהר פארטיפט. קריינין האט געקוקט אויף זיינע ליפען, ווי זיי באוועגען זיך. רויטליכע, בלוטיגע, פייכטע, בחור'שע. איז ער אויך געווארען פארטיפט — אין באטראכטען די ליפען. ביידע האבען זיי דעריבער ניט געהערט, וואס מרס. לאמדין, וועלכע האט זיך גאר נאהענט צוגערוקט צו דר. ווייסגאל'ן, האט ביי אים אזוי בעטענדיג־גיריג אויסגעפרעגט:

— דאקטאר... דאקטאר... זייט אזוי גוט, דאקטאר, דריקט זיך אויס קלערער... וואס מיינט איר — העלפט עס טאקע? האט עס טאקע געהאלפען? דאס הייסט, ווי — פלאנצט מען איבער אין דער עלטערער פערזאן די געשלעכטליכע דריזען פון אן אנדער, יונגערען מענשען, אדער גאר פון א חיה? און איז דער עקספערימענט געמאכט געווארען אויף פרויען אויך? זייט אזוי גוט, דאקטאר, דריקט זיך אויס קלערער...

זי איז שוין געווען מיט א היפשע פאר יאר עלטער פאר דר. לאמדינ'ען.

אין דרויסען האט געמוזט פארקומען א מיטעננאכטיגער אקעאנען־ווינבער. דאס וואסער האט אזוי שטארק געפאטשט און זיך געשליידערט, אז מען האט דא אין הויז אלץ קלאר געהערט. אז מען פלעגט נאך ריידען, איז געווען צו דערליידען. ווי אבער דאס געשפרעך פלעגט אויף א ווייל שוואכער ווערען, פלעגט דער שטורם זיך דורכברעכען דורך די דינע באנגאלא־ווענטלאך. א פייפען, א בייסענדיגע נאסקייט, א זיך־פארדרייענדיגער וואיען אין אן אינ־סופ'יגען שלשלת.

האט די מרס. לאמדין דערלאנגט נאך טיי, נאך צובייסענס, נאך פריינדליכקייט. פון דעם לעצטען האט מרס. לאמדין פאר־מאגט א רייכען שפייכלער. זי האט שוין אזוי געוודערט דאס געשפרעך, אז עס זאל ארויסקומען אויף רייזען. אומגעפער אזוי: שטורם, אקעאן, שיפען ביינאכט, שיפברוך, — לאנגע רייזען, איי־ראפא, אמעריקא, דרום־אמעריקא...

און באלד האָט שוין דר. ווייסנאַל פאַרטרוימט, קיינעם פון די ארומיגע ניט זעהענדיג און ע פ ע ס זעהענדיג, נערעדט פון זיין נסיעה נאָך פלאָרידא.

— ער'ט פאָרען מיט'ן שיף?

— ניין, ער איז שוין פאר דעם צו־אַלט... ער וועט עס מוזען מאכען וואָס שנעלער, מיט'ן דרום'דיגען עקספּרעס.

דר. לאמדין האָט זיך אָנגערופען:

— ער וואָלט איצט געוואָלט אָנהויבען רייזען... רייזען אזוי יאָר־איין, יאָר־אויס... ער האָט איינמאָל געמאכט א קורצע, האלב־יאָריגע נסיעה קיין אייראָפּא — און ער קאָן זאָגען: יעדער טאָג פון זיין נסיעה איז פאר אים געווען, ווי ער וואָלט געלעבט אין חלום, אין א זוניגען לאנד. יעדע נייע שטאָט — א נייע זעהונג...

קריינין האָט אים אָפּגעמאָסטען מיט א שמייכעלע פון אוי־בען ארונטער, ווי קינד — ווי א קלענערען פון זיך:

— נו, איך בין זיכער, אז איר וואָלט דאָס ניט געוואָלט ארומ־רייזען יאָר־איין, יאָר־אויס, יאָר־איין, יאָר־אויס! וואָלט אייך דאמאָלס ניט געמוטשעט דער געדאנק, אז אלע אייערע שיינע חלומות, אלע אייערע זעהונגען וועלען אזוי צעשוואומען ווערען, צערונען ווערען, אָהן דעם, אז זיי זאָלען פ א ר ב ל י י ב ע ן — פאר אייך אָדער פאר עמיצען אנדערש?

דר. לאמדין האָט אים אָנגעקוקט פארוואונדערט. ער האָט פּראָטעסטירט. אז מיר געהט גאָר ניט אָן דאָס שרייבען! אז עמיצער אנדערש זאָל וויסען פון דעם, וואָס איך לעב דורך און זעה... פאר מיר איז גענוג דאָס, וואָס איך לעב דורך אלע מיינע טעג אין זעהונגען — וואָס איך פּיהל יום־טוב'דיג־ארומפאָרענדיג א גאַנץ לעבען! — — — אז ביי אייך איז אלץ שרייבען!

לאמדין האָט א פּארקרימטען שמייכעל געגעבען. אין גע־דאנק האָט ער געמאכט איינע פון זיינע קלוג־ביטערע באמערקונ־גען: זיי, די נבזה'ניקעס, די גראָבע יונגען, די, וועלכע מען רופט סתם־מענשען, ווייסען דאָך גאָרניט, וואָס דאָס לעבען איז! און דאָס לעבען ווייסען זיי ניט, ווייל זיי רעפלעקטירען ניט וועגען אים. ווייסען דען חיות, בוימער, קלעצער, שטיינער זייער לעבען, מאָג מיט זיי כ'וויים וואָס פּאסירען?

— כא... אומבאלעבטע זאכען... שטיינער... דוממים.

ער האָט א קוק געטאָן פון אויבען ארוגטער אויף די דריי ארום טיש. ער האָט זיך א סך, א סך, ניט אין ערך א סך געפיהלט העכער פון זיי!

און דעם אמת געזאָגט, האָבען עס די דריי ארום טיש אויך שטארק געפיהלט, ווי קריינין טורעמט איבער זיי. זענען זיי נאָר אנטשוויגען געוואָרען.

דאָס געשפרעך האָט זיך ווייטער אזוי געשלעפט פאמעליכקע, מיט אָפטע איבעררייסונגען, ביז וואנען עס איז אָהן כחות אויס־געגאנגען. קריינין האָט זיך אויפגעהויבען. עס איז שוין שפּעט. ער האָט דאָך געוואוינט ווייט פון דאנען — אזש אין די בראָנקס.

די באַלעבאַטים האָבען אים שטארק געבעטען פארבלייבען נאָך אביסעל. „וואוהין וועט איר געהן? אזא שטורם, אזא קאַלטע פינסטערניש דרויסען...“ און זיי זענען געווען צופרידען, וואָס ער האָט זיך ניט געלאָזט איבעררייידען. אז ער איז שוין געווען אויף יענער זייט, האָבען זיי, ניט אויסרייידענדיג קיין איינציג וואָרט, מסתמא אלע געהאט דעמזעלבען געדאנק. ס'איז שווער צו זיין אין דער געזעלשאפט פון א גרויסען מענש. ער דריקט — מיט זיין רייידען, און נאָך מער מיט זיין שרייענדיגען שווייגען.

קריינין האָט ניט גענוי אויסגע'חשבונ'ט די צייט. אז ער איז צוגעקומען צום קליינעם דיפּאָ, איז שוין דער צוג געהאט אוועקגע־גאנגען מיט א צען מינוט צוריק.

איצט, אינ'ם שפּעט־אָוונט און שפּעט־הערבסט, פלעגען די צוגען געהן זעלטען. ביז'ן נעקסטען צוג קומט אויס צו ווארטען נאָך א גאנצע שעה. אומקערען זיך צו די לאַמדינס האָט ער זיך געשעמט. ס'איז אים דעריבער גאָרניט אנדערש איבערגעבליבען, ווי זיך לאָזען געהן איבער די גאסען.

זיי זענען געווען ליידיגע, די גאסען. פונקט, ווי די הייזער, מיט פארקלאפּטע טירען, פארשלאָסענע לאָדענס אָדער שווארץ־בלאנקענדיגע פענסטער. פאפירען האָבען זיך געדרייט אין דער לופט. אלץ האָט דער ווינט ארומגעדרייט.

ער האָט זיך איינגענורעט, ס'איז געווען קאלט.

ס'האָט אים געערגערט. נאָך א גאנצע שעה — — — און דערנאָך גאנצע צוויי שעה ביז וואנען ער'ט קומען אהיים. צוויי

שעה מיט א שפּעט־נאַכטיגען צוג. פּע. ער'ט, הייסט עס, אויפ־שטעהן גאַר שפּעט. דער מאָרגענדיגער טאָג וועט שוין זיין א פאַרפאַלענער. ער קאָן בלויז ארבייטען אין דער פרי.

— שאַ, צו אלדי שוואַרצע יאָר, וועט ער ניט ארבייטען!

דאָס איז צו אים געקומען, ווי א פּלוצלונגדיגע דערליידונג, און אומדערוואַרטעטער אויסוועג, אויף וועלכען ער האָט זיך גאַרניט געקאָנט ריכטען — — — אָבער באַלד האָט זיך א יאוש'דיגע קאַלטקייט גענומען רוקען אויף אים:

— וואָס דען... וואָס אנדערש וועט ער טאָן?

ווי אלעמאָל, נאָכדעם ווי ער האָט אָקאָרשט פאַרענדיגט א ליטעראַרישע ארבייט, פּלעגט נאָך דער קורץ־דויערנדיגער צייט פון באַרואיגענדיגער באַפרידיגונג, אָנקומען אויף אים עפּעס א מין פּוסטקייט, און אויסגעליידיגטקייט, א דערשעפּונג. ער פלעגט זיך גיט וועלען צורירען צו דער פּען, צוגעהן צום שרייב־טיש. ס'האָט אים געעקעלט דערפון. און אפילו די אָפּגעטאָנענע ארבייט איז שוין איצט געווען פרעמד, ניט־זיינס — פאַר פרעמדע, פאַר פרעמ־דע הענט, מיט אן אייגען זעלבסטשטענדיג לעבען!

איצט וואָלט ער געדאַרפט ערגיץ אוועקפאָרען, זיך דורכ־לופטערען, זיך אָפּרוען, אָנקלייבען ביי אייגדרוקען — — —

וואוהין וועט ער אָבער פאָרען? זיין ארבייט, אָדער די אומ־אויפהערליכע און באַשטענדיגע צוגרייטונגען פאַר איר, האָבען אים תמיד איינגעשלונגען און אים ניט דערלאָזט זיך צונויפקומען מיט אנדערע מענשען אין יענע קליינע, אומבאַדייטענדע געזעל־שאַפטליכקייטען, אין יענע צוגעלאָזענקייטען, וועלכע זענען נויטיג, כדי צו פאַרבינדען א פריינטשאַפט. האָט ער בלויז געהאַט אויבענ־אויפיגע באַקאַנטשאַפטען — און קיינע פריינט. אליין.

אָדער זאָל ער גאָר נעהן צו די יעניגע טויזענטער פאַרערער זיינע — אמת'ע און צוגעטראַכטע — וועלכע ער קען ניט און וועלכע זענען אים פאַרט פרעמד? וואָס בינדט אים צו צו זיי, — די פרעמדע, די זייטיגע — — —

— — — ער וואָלט איצט פאַרגענומען א רייזע ערגיץ. אָבער מיט וואָס פאַר א מיטלען? טפוי, זיי האָבען דאָך טאַקע אלץ. אָט, דער דר. ווייסנאַל. איז געוואָרען שטיינ־רייך. פאַרט יעדען ווינטער קיין פלאָרידאַ. זיי זענען דאָס גליקלאַך! ער האָט

נאָך אודאי א גאנצען אָוועגט געמוזט קוקען אויף אים, קריינינ׳ען, פון אויבען ארונטער און באטראכטען אים, דעם לאָדיוצלח, וואָס מיט זיין גאנצען „ערפאָלג“ איז ער דאָך פארבליבען א קבצן, א קבצן... א „בעק נאָמבער“... ער, וויסגאַל, האָט זיך טאקע גאנץ פרי ארומגעזעהן, וואָס עס איז גוט פאר איינעם צו טאָן, ער האָט געכאפּט דעם ריכטיגען שניט און לעבען: האָט אויפגעגעבען באַזייטענס זיינע שרייבערישע אמביציעס, איז געוואָרען רייך און גליקלאָך — — —

א פראָסט האָט זיך געקליבען אויף מאָרגען. שטיקער רויט־פארפרוירענע וואָלקענס זענען געהאנגען אין דער הויך. רויט־ליכטיגע. ס׳איז גיט געווען צו זעהן, פון וואנען זיי האָבען געקראָגען זייער רויטע ליכטיגקייט. ס׳האָט קאלט געברענט אויף י ע נ ע ר זייט הימלען. די וועלט איז געווען פוסט.

אויף א ראָג גאס האָט קריינין דערזעהן, ווי א ברייטע פיגור האָט זיך פארקירעוועט און זיך געלאָזט געהן צום אָקעאַן. זיין הארץ האָט אויפגעקלאפּט צום פרעמדען. נאָר די טריט זענען באלד פארשטאָרבען אינ׳ם זאמד. ס׳האָט אים נעסמאליעט דאָס פּנים.

מינוטען זענען פארלאָפען נאָך מינוטען, דער צוג האָט שוין באלד געדארפט אָנקומען. קריינין איז אָבער מיטאמאָל געוואָרען גלייכגילטיג צו דעם. אים האָט אָפּגענומען דער חשק זיך אומקערען אהיים — צו זיין איינציגען חדר. צווישען די פרעמדע מענשען אין דער אייגענער אוואוינונג האָט ער זיך אויך געלאָזט צום וואסער צו.

אריינקומענדיג אין דער גאס, וואו די לאמדינ׳ס האָבען געוואוינט, איז ער גיך אריבערגעגאנגען אויפ׳ן אנדערען טראָטואַר, זיך געהאלטען הארט ביי די ווענט, אז מען זאָל אים צופעליג ניט באמערקען דורך די פענסטער. דאָרט איז געווען ליכטיג. אין דער אויפרעגונג, וועלכע איז איצט געשטיגען אין קריינינ׳ען, האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, ווי זייביידע דאָרט באריידען אים איצט — — — וואָס־וואָס, די מרס. לאמדין האָט טאקע געמאכט א גוטען בייט. זי האָט איצט א מאן, ביי וועמען זי איז דאָס וויכטיגסטע אינ׳ם לעבען — דאָס ערשטע. און ער, קריינין — ער

איז פאַרבליבען אַ גאָרנישט — — — ניט קיין ווייב, ניט קיין קינד, ניט קיין האַס, קיין אייגען ווינקל. אומעטום באַקאַנט, אומעטום אַן אנגענעמער גאַסט — און אומעטום אַ פרעמדער.

ער האָט זיך געוואַרימט קעגען דעם לױכטענדיגען פענסטער. ער האָט גאָרניט געפיהלט דעם פראָסט. אויף זיינע וואָנצען האָבען אָנגעהויבען וואַקסען ליכטעלאַך. דאָס פענסטער האָט זיך פּלוצלונג אויסגעלאָשען. ס'האָט זיך אים גענומען פאַרשטעלען, ווי די צוויי אויף יענער זייט פענסטער, האַלובען זיך איצט, הנאה האָבענדיג איינס פון דאָס אַנדערע אין דער קאַלטער נאַכט. אפשר טראַכט זי איצט נקמה'דיג פון אים, קריינינ'ען, בשעת אירע ליפּען שמייכלען פאַרקרימט אונטער דר. לאַמדינ'ס קושען.

...אַז מען וויל, האָט ער, קריינין, דאָך אפילו קיינמאָל ניט ליב געהאַט אויף אַן אמת. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט אַזויפיל געשריבען וועגען ליבע. שרייבען. זיין גאַנצער לעבען איז פאַרלאָפען אין שרייבען. אים האָבען נאָכגעיאָגט לאַמדינ'ס ווערטער: „אַז ביי אייך איז דאָך אַלץ שרייבען". אמת, ביי אים איז אַלץ געווען שרייבען, פאָרבאַרייטונגען צום שרייבען. — — — אַן אָפּנאַרעריי. פונ'ם לעבען גופא, ווי אַ „געוויינליכער" מענש, האָט ער קיינמאָל ניט הנאה געהאַט. און אין דעם איז ער געווען אָרימער פון אַלעמען, פון די אָרימסטע.

ס'האָט אים איצט הנאה געטאָן צו ערגערען זיך, צו שניידען זיך פּאַסענווייז, צו געפינען אַלץ מער באַווייזען, אַז זיין לעבען איז געווען — — — כ'ווייס וואָס! ס'האָבען אים זיך דערמאָנט די ווערטער פון זיינער אַמאָליגער געליבטער, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט (אין יענע צייטען, ווען ער האָט ערשט אָנגעהויבען שרייבען, האָט ער נאָך געקאָנט ליב האָבען) און וועלכע איז געווען גרייט צו טאָן פאַר אים אַלץ. ער האָט איר אָבער געזאָגט, אַז זיי מוזען זיך פאַנאַנדערגעהן, ווייל זי איז אים אַ שטערונג. איר ליבע פּילט צו־פיל אוים זיין אינערליך לעבען און לעבט אויפ'ן חשבון פון זיין שרייבען. זי נעמט ביי אים צו זיין שרייבען. דאָס מיידעל האָט דאַמאָלס געענטפערט:

— גוט. לאָמיר זיך פאַנאַנדערגעהן. פאַר'ן פאַנאַנדערגעהן זיך וויל איך דיר אָבער זאָגען איינס. איך בין דיר ניט קיין פיינט.

איך ווינש דיר דאָס, וואָס דו ווילסט אַזוי שטאַרק — אַ ליטעראַרישען ערפאָלג. אָבער מער גאָרנים.

ער האָט איצט געפיהלט, ווי איר וואונש, איר קללה איז מקוים געוואָרען. ער האָט געהאַט גאָרניט. ער איז בלויז געווען אַ ליטעראַרישער ערפאָלג.

אַ דערדריקטער, אַ ליידיגער, מיט אַ רייסענדיגען געפיהל פון אַליינ־זיין אויף דער וועלט — איינער צווישען מיליאָנען פרעמדע — האָט ער זיך געלאָזט געהן ווייטער דורך די ליידיגע גאַסען, צום ברעג־צו, צום אָקעאַן.

אַ ליידיגע בלייכקייט פונ׳ם זאַמדיגען ברעג. און דערנאָך, טיפער — טונקעל. שטורם, טויבער גערויש. דאָס מאָלען פון אומגעהויערע מיל־שטיינער. דאָס קלאַפּען פון וואַסער־וואַלען אָן פעלזיגע ווענט. וואַסערען אויף וואַסערען. וואַסערבערג איבער וואַסערבערג. נאַכט. וואַסער. אָקעאַן. אָקעאַן!

אַזוי ווי אין דער אַרומיגער טונקעל איז ניט געווען קיין איינ־איינציג זאַך, וואָס זאָל קאָנען צוציען זיין בליק, האָט ער אַ קוק געטאָן אין דער הויך, אויפ׳ן הימעל־סופּיט. אַ זאַך, וועלכע ער פלעגט זעלטען טאָן. ווייל שוין אַ לאַנגע צייט, אַז ער האָט דאָרט גאָרניט געזעהן: ער איז דאָך געווען צו־קלוג און צו־ניכטער פאַר אַזעלכע סענטימענטאַליטעטען. —

פּינטעלאַך, פּינטעלאַך. גאָלדענע, בלייכע. שטילע, ציטער־דיגע. און איז דער רויטער געזונטער שטערן מיט׳ן נאָמען, וואָס האָט גאָרניט געמיינט פאַר קריינינ׳ן. אָפּגעזונדערט פון די איבע־ריגע שטערן מיט אַ היפּשער ליידיגער בלויקייט, מיט אַ שטאַר־קערער שווייגענדיגער ליכטיגקייט, די קאַנטען שאַרפער אָפּגע־גרעניצט קעגען רואיגען טיף־בלוי. אָט דער דאָזיגער שטערן — האָט קריינין זיך דערמאָנט, ווי ער האָט אַמאָל וועגען דעם גע־לייענט — איז זיבען און צוואַנציג מאָל אַזוי גרויס, ווי די זון. אַ סך לבנות דרייען זיך אַרום אים, סאַטעליטען... ער, דער דאָ־זיגער שטערן, איז אַזוי ווייט פון דער ערד, אַז עס נעמט פאַר זיינעם אַ שטראַל, וואָס „פאָרט“ דורך דער לופט מיט דער גיכ־קייט פון זעקס און אַכציג טויזענט מייל אַ סעקונדע, גאַנצע הונ־דערט און פופציג יאָר, ביז ער דערגרייכט די אויבערפלאַך פון דער

ערד. און קריינין האט פארמאכט די אויגען און זיך פארגעשטעלט די קאלטע ערד־לופט און די וועלט־פוסטקייט, וואס ארום דער ערד־לופט, און — ר׳האט געזעהן, ווי דער שטראל פארט.

און דא האט קריינין דערפיהלט, ווי ער האט אנגעהויבען איינוואקסען, איינשרומפען, וואקסען אויף צוריק. ער איז געווארען א מילב, וועלכען דאס אומגעהויער־גרויסע אויג פון דער וועלט קאן קוים זעהן דורך א פארגרעסערונגס־גלאז פון מיליאסען שטארקייט... א גארניט, א גארניט. פונקט ווי דאס גאנצע מענשליכע לעבען איז אויך גארניט — א דמיון בלויז, א חלום פון א — גאט׳ס? — אפערגעווארפענער פאנטאזיע — —

אפשר — האט ער ווייטער געטראכט, שארענדיג מיט די שפיץ שיך די שטיינדלאך אויפ׳ן אקעאן־ברעג — זענען צו איינעם פון יענע ווייטע שטערנס אויך צוגעקלעפט אזעלכע מילבענמענשעלאך, ווי דא, און זיי רעגען זיך אויך אויף פון אלערלייי נארישקייטען און קלייניגקייטען, און באטראכטען אויך די גאנצע וועלט, ווי זי וואלט פון זיי, פון די מילבעלאך, ארויסגעגאנגען, און פון זיי איר לעבען גענומען — — — און יעדעס מילבעלע שפילט זיך דורך דאס לעבען אויף איר אופן, מיט אזא גוואלדיגער ערנסטקייט, פונקט ווי זי וואלט אויסגעפילט די גאנצע וועלט. און די מילבעלאך פלאנטערען זיך איינער דעם אנדערען אין וועג, פאלען אן איינער אויפ׳ן אנדערען און שטעכען זיך מיט די הערנערלאך.

אין דער הויך האבען אלץ שטיל געשיינט די שטערן. און די אנוועזענהייט פון אזויפיל פרעמדע וועלטען האט נאך קריינינ׳ען געמאכט פיהלען נישטיגער און ווערטלאזער. ער האט טאקע געהערט — קלוגע, קיינמאל ניט רוענדיגע מענשען! — אז ס׳וועט אמאל אפשר מעגליך זיין פארען פון איין שטערן צום צווייטען אויף אזעלכע לופט־באנען. נאר אים האט עס ניט גע־פרייט — אים האט אט די טרייסט אויסגעקוקט נאריש. איז דעריבער? — — — לופט־באנען פון שטערן צו שטערן — פונקט, ווי די דראטלאזע אפאראטען און די אקרענטען פון קאנטינענט צו קאנטינענט. פארגרעסערען בלויז די אומרואיגקייט און דאס פאאנדערפאלען, פאנאנדערשטויבען פונ׳ם מענשען — אין א דינעם שטויב, וואס וועט זיך דורך יארען און יארען

צעשפרייטעט איבער'ן גאנצען וועלטאל, צוזאמען מיט'ן חרוב־ווערען פון דער וועלט. — — — און אפשר וועט עס ניט פאר־קומען אזוי פאמעליכען, אזוי שטיל־נאכאנאנד, נאר פלוצלונג. אפשר געהט שוין זיכער זיין אנגעצייכענטער וועג אינ'ם פירמאמענט יענער שטערן, וועלכער וועט זיך אמאל שטעלען אין וועג אונזער ערד — און דאמאלס וועט עס נעמען מיטאמאל אן עק, און שטויבעלאך וועלן מיר זיך ווידער ארומדרייען אין דער וועלט־פוסטקייט. — — — און אלע זיינע פארדרוסען און ערגער־נישען פון היינטיגען אוועגט און פון זיין גאנץ לעבען האבען אים אויסגעזעהן אזוי נישטיג, אזוי הבל־הבלימ'דיג, אזוי קליין — און אזוי אומפארמיידליך. —

און דער אקעאן האט ווידער גערוישט אין דער טונקעל — נאכאנאנד, אהן אויפהער. ער האט זיך אלץ גע־גאסען אויף דער ערד. וואסער און טונקעל אויף דער ערד. קריי־נין איז דא, אויפ'ן ווייטען און פוסטען אינזעל־ברעג, געווען איין מענש. איין מענש צווישען פרירענדיגער ערד און פארפלייצענדיגען וואסער.

ער האט זיך אנידערגעזעצט אויף א צעפוילטען קלאץ, אן וועלכען ער האט זיך אין דער פינסטער אנגעשלאגען. — גוט איז אויך אט דער קלאץ, — האט ער געזאגט, ווען ער האט זיך אויף אים אנידערגעזעצט. און באלד איז אויף אים אנגעקומען א באַ־רואיגונג. ער האט זיך מער ניט געפיהלט דערדריקט — ער האט זיך געפיהלט שווייגענדיג. ער האט אנגענומען די זאכען, ווי זיי זענען. וואס איז דער חלוק — אויף אזא אופן געלעבט, אדער אויף אן אנדערען? גארניט איז וויכטיג. אלץ איז א שפיל. זאל זיך יעדער שפילען, ווי ער וויל. און פאר יעדען איז זיין שפיל — דער אמת פון דער וועלט. און גארניט איז צום איבערמאכען.

ס'האט זיך דערהערט א שארכען איבער די שטיינדלאך אויפ'ן ברעג. קריינין האט זיך אומגעקערט. ער האט דערזעהן א בריי־טע, נעזונט־פלייציגע פיגור, וועלכע האט זיך דערווייטערט פונ'ם ברעג, מיט'ן קאפ ארונטערגעלאזען. אן דעם אויסשניט פון דער פיגור איז דער נאכט, האט קריינין דערקאנט דר. ווייסגאל'ן. ער

האָט זיך דערוויטערט פֿונ'ם ברעג מיט אַזעלכע טריט און מיט אַזאַ אויסדרוק פֿון זיין סוטילעוואַטער, געבויגענער פיגור, ווי ער וואָלט דאָ ביים ברעג אַ שטיק צייט געשטאַנען, אַרויסגעקוקט אויף זיינע אַקרענטען, וועלכע האָבן זיך פֿון ערגיץ אַ ווייטער נסיעה געדאַרפֿט צוריקקערן, און ענדליך האָט ער זיך איבערצייגט, אַז זיי וועלן זיך קיינמאָל ניט צוריקקערן.

קריינין האָט זיך אַ ווײַלע געוואונדערט, ווי אַזוי ער נאָך דער דר. וויסגאַל האָט זיך געפֿונען דאָ. נאָר קיין סך וואונדערן זיך האָט ער ניט געקענט. ער איז געוועזן מיד. ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן. און אונטער די אויגן האָט ער שוין געפֿיהלט, ווי דער אַקעאַן רוקט זיך אַלץ ווייטער אויף דער יבשה. אַלץ איז שוין אונטער וואַסער. קריינין איז שוין אויך געווען א ו נ ט ע ן. איבער אים איז געווען אַקעאַן און נאַכט — און ר ו. די איי־ביגע, איינציג־מעגליכע רו.